STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08939

A SHLIKHES KEYN MOSKVE

Henri Sloves

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-08939-7

9780657089399T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

אַ שליחות
קיין
מאָסקווע

ח. סלאָוועס

אַ שליחות קיין מאָסקווע

דאָקומענטן, קאָמענטאַרן
און אינטערמעצאָ־מעשיות

איקוף פאַרלאַג

הילע און שערבלאַט געצייכנט:
יצחק רײַזמאַן

C. H. SLOVES
MISSION TO MOSCOW
Copyright 1985
Yiddisher Kultur Farband
New York, N. Y.

Printed in U. S. A.

Empire Press
550 Empire Blvd.
Brooklyn, N. Y. 11225

חיים סלאָוועס
געצייכנט פֿון מישעל (פֿייגעלע) סלאָוועס זומער 1962

אינהאַלט

אַרײַנפֿיר 9

קאַפּיטל איינס:
היסטאָרישער הינטערגרונט 13

קאַפּיטל צוויי:
צוויי מעמאָראַנדומס 40

קאַפּיטל דרײַ:
אַ באַגעגעניש מיט מאָריס טאָרעז 84

קאַפּיטל פֿיר:
די הכנות 101

קאַפּיטל פֿינף:
מאָסקווע 117

אינטערמעצאָ־מעשׂה נומער איינס:
אַ באַזוך בײַ אַן אַלטן פֿרײַנד 157

קאַפּיטל זעקס:
אַ באַריכט 172

אינטערמעצאָ־מעשׂה נומער צוויי:
סאַראַטשקע (שׂרהלע) 226

קאַפּיטל זיבן:
דער ערשטער דורכברוך 253

אינטערמעצאָ־מעשׂה נומער דרײַ:
דער „פּיעכאָנטער מגיד" פֿון דער נײַער וועלט 285

קאַפּיטל אַכט:
סוף פֿון דער שליחות 304

אַרײַנפֿיר

מײַן „שליחות קיין מאָסקווע״ איז געווען, אין אַ געוויסן זין, אַן אייגנאַרטיקע. זי האָט זיך אָנגעהויבן מיט יאָרן פֿריער, ווי איר אָפֿיציעלער אָנהייב, און פֿאַרענדיקט זיך מיט יאָרן שפּעטער, נאָך איר אָפֿיציעלן סוף.

די דאָזיקע אייגנאַרטיקײַט דערקלערט זיך מיט אַ ספּעציעלער סיבה: די „שליחות״ איז אייגנטלעך געווען אַ טאָפּלטע — אַ געזעלשאַפֿטלעך־פּאַרטייִשע און גלײַכצײַטיק אַ יחידיש־פּערזענלעכע. די ערשטע האָט געדויערט קוים עטלעכע חדשים, די צווייטע — יאָרן און יאָרן.

שוין אַ צײַט לאַנג, ווי עס ליגט בײַ מיר אַ טעקע מיט דאָקומענטן — מעמאָראַנדומס, באַריכטן, בריוו, נאָטיצן, פּראָטאָקאָל־פֿאַרצייכענונגען — וואָס האָבן אַלע אַ דירעקטע שײַכות צו דער „שליחות״. קיין איינעם פֿון די דאָקומענטן האָב איך קיין מאָל ניט פֿאַרעפֿנטלעכט. זיי זײַנען געווען און האָבן געדאַרפֿט פֿאַרבלײַבן קאָנפֿידענציעל, צווישן מחבר און דער פּאַרטיי, צו וועלכער ער האָט אָנגעהערט.

אָבער די דאָקומענטן־טעקע איז אַלט געוואָרן שוין העכער אַ פֿערטל יאָרהונדערט און דערנענטערט זיך פּאַמעלעך צום דריטן יאָרצענדליק. אין הסכם מיטן אַלגעמיין אָנגענומענעם כלל וועגן „עבר־זמן־קײַט״, געהערט שוין די גאַנצע דאָקומענטאַציע — צו דער עפֿנטלעכקײַט. אַנדערש געזאָגט, ס׳איז געקומען די צײַט זי צו פֿאַרעפֿנטלעכן.

כ׳בין זיך מודה, אַז בעתן איבערזעצן די דאָקומענטן פֿון פֿראַנצייזיש אויף ייִדיש, האָב איך אָפֿט געשטוינט און שווערלעך זיך אַליין דערקענט: ניט שוין־זשע האָב איך טאַקע אַמאָל אַזוי געטראַכט און געשריבן, אין אַזאַ נוסח, מיט אַזאַ לשון?

כ׳האָב אָבער גאָרנישט „קאָרעגירט״ און קיין אות ניט געביטן. אַזאַ איז געווען די צײַט און אין איר ווירקלעכן געשטאַלט דאַרף זי געוויזן ווערן. אַ דאָקומענט האָט אַ זין און באַטײַט — בלויז מיט זײַן אויטענטישקײַט. כ׳האָב נאָר זיך דערלויבט, ערטערוויַיז, אויף איניקע קיצורים, מחמת די מעמאָראַנדומס, פֿון פֿאַרשיידענע יאָרן, האָבן צו מאָל איבערגעחזרט די זעלבע אָדער ענלעכע אַרגומענטן.

קיין מלוכה־סודות זײַנען חלילה אין דער

„שליחות״־דאָקומענטאַציע נישט פֿאַרבאָרגן און אויך ניט קיין סענסאַציאָנעלע רעוועלאַציעס און אַנטפּלעקונגען פֿון געזעלשאַפֿטלעכן אָדער פּער־זענלעכן כאַראַקטער. ס'ווערן אָבער געבראַכט אַ ריי עיקרדיקע אויפֿקלערונגען, וואָס לאָזן זיך איינטיילן אין דרײַ גרופּעס:

1) די ייִדישע קאָמוניסטן און די „שליחות״: וואָס האָבן די ייִדישע קאָמוניסטן געוווּסט, אָדער נישט געוווּסט, וועגן דער טראַגעדיע פֿון דער ייִדישער קולטור אין ראַטנפֿאַרבאַנד, וואָס האָבן זיי געטאָן אָדער נישט געטאָן, געפּרוּווט אָדער נישט געפּרוּווט;

2) די נישט־ייִדישע קאָמוניסטן פֿון פֿראַנקרײַך און די „שליחות״: ווי אַזוי האָט די אָנפֿירערשאַפֿט פֿון דער פֿראַנצייזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי רעאַגירט אויף דער טראַגעדיע פֿון דער ייִדיש־סאָוועטישער קולטור;

3) די סאָוועטישע אָנפֿירערשאַפֿט און דער ייִדישער קולטור־חורבן: די סאָוועטישע אַרגומענטן, באַרעכטיקונגען און מאָטיווירונגען — אָפֿיציעלע און נישט־אָפֿיציעלע (פֿאַרטרויליכע).

דער אינטערעס פֿון די ערשטע צוויי גרופּעס אויפֿקלערונגען איז בעיקר שוין אַ היסטאָרישער. עס פֿאַרגייט דער דור, וואָס האָט די טראַגעדיע

איבערגעלעבט אין זײַן האַרץ־און־נשמה, אין זײַן לײַב־און־לעבן. די דריטע גרופּע להיפּוך איז פֿון כּסדרדיקער אַקטואַליטעט, זי העלפֿט צו באַנעמען אין דער טיף דעם מצבֿ פֿון סאָוועטישן ייִדנטום, ביז הײַנט צו טאָג.

די איצטיקע אַרבעט האָט געזאָלט טראָגן אַן אויסשליסלעכן עסיי־כאַראַקטער: דאָקומענטן און קאָמענטאַרן. אין צווישנצײַט איז מיר אײַנגעפֿאַלן: פֿאַרוואָס זאָל נישט דערלויבט זײַן אַן עסיי — צו אילוסטרירן? כ׳מיין, אילוסטרירן — נישט גראַפֿיש דווקא, נאָר אויך בעלעטריסטיש, וואָס מיינט במילא — אויסברייטערן די ראַמען פֿון אָט דעם ליטעראַרישן זשאַנער?

האָב איך טאַקע באַשלאָסן אַרײַנצובריינגען אין טעקסט דרײַ געשיכטעס, פֿאַרבונדענע מיט דער אַלגעמיינער טעמע, אָבער וואָס דאַרפֿן ענדערן דעם ריטם און די טאָנאַליטעט פֿון אירע באַזונדערע טיילן.

פֿון אָט דעם פּרוּוו נעמט זיך דער אונטערטיטל: „דאָקומענטן, קאָמענטאַרן און — אינטערמעצאָ־מעשׂיות״.

דער היפּאָטעטישער „קורא הנכבד״ וועט משפּטן, צי דער פּרוּוו איז געלונגען.

קאַפּיטל איינס

היסטאָרישער הינטערגרונט

צו ערשט איז געווען אמונה.

אמונה אין ברייטסטן זין פֿון וואָרט — גלויבן, צוטרוי, טרײַקײַט, באַוווּנדערונג און איבערגעגעבנקײַט ביז מסירת־נפֿש. און אויך ציטער און אַנגסט, אין די גורלדיקע מלחמה־טעג. אַזוי בײַ מיליאָנען, בײַ צענדליקער און צענדליקער מיליאָנען אין אַלע אַרבע פּינות העולם.

דער ראַטנפֿאַרבאַנד איז אַרויס פֿון דער מלחמה אַ זיגער, אָבער אַן אויסגעבלוטיקטער ביז גאָר. צוואַנציק מיליאָן טויטע, טויזנטער שטעט און דערפֿער חרובֿ ונחרבֿ. דער פּרײַז פֿון זיג איז געווען אַ גרויזאַמער, אָבער די מוראדיקע קרבנות האָבן אָפּגעראַטעוועט די וועלט פֿון דער נאַצי־מגפֿה. אינעם היסטאָרישן חשבון וועגן גורל פֿון לענדער און פֿעלקער איז עס געוואָרן אײַנגעשריבן, מיט בלוטיקע אותיות, אויף לעולם ועד.

גרויס איז געווען די פֿרייד פֿון די ברייטסטע ייִדישע פֿאָלקסמאַסן. אַ דאַנק די קרבנות פֿון די סאָוועטישע פֿעלקער, זײַנען ניצול געוואָרן פֿון דער

„ענדגילטיקער לייזונג", ס'הייסט פֿון טאָטאַלער פֿאַרלענדונג, די רעשטן פֿון אייראָפּעיִשן ייִדנטום און אויך די דורותדיקע ישובֿים פֿון צפֿון־אַפֿריקע און דער ישובֿ פֿון ארץ־ישׂראל.

בעת דער מלחמה גופֿא, האָבן אין ראַטנפֿאַרבאַנד געפֿונען אַ מקום־מקלט העכער צוויי הונדערט טויזנט פּוילישע ייִדן, די איינציק לעבן־געבליבענע פֿונעם ייִדישן מיליאָנען־ישובֿ אין פּוילן. די גענויע אומשטאַנדן פֿון זייער אָנקום און אויפֿהאַלט אין ראַטנפֿאַרבאַנד זײַנען געווען נאָך אומבאַקאַנט. ס'האָט אָבער גענוגנט דער פֿאַקט, אַז זיי האָבן געראַטעוועט דעם נפֿש.

און לסוף, די ראָל פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד בײַם אויפֿקום פֿון מדינת ישׂראל — די באַרימטע גראָמיקאָ־דעקלאַראַציע און די אַנטשיידנדיקע הילף, דורכן איבערגעשיקטן געווער, אין דער אומאָפּהענגיקײַט־מלחמה — איז געווען דער ממשותדיקסטער באַווײַז פֿון דער סאָוועטישער פֿרײַנדשאַפֿט לגבי דעם ייִדישן פֿאָלק. אויף אָט דער פֿרײַנדשאַפֿט האָט די ייִדישע געזעלשאַפֿטלעכקײַט, אין אַלע אירע שאַטירונגען, אָפּגעענטפֿערט מיט טיפֿער און אויפֿריכטיקער דאַנקבאַרקײַט.

גאָר באַזונדערס איז אָט די דאַנקבאַרקײַט גע־

קומען צום אויסדרוק בײַם ייִדישן „לינקס" און קודם כּל — בײַ די ייִדישע קאָמוניסטן. צום ערשטן מאָל האָט זייער פֿאַרערונג פֿאַרן ראַטנפֿאַרבאַנד זיך אַרויסגעוויזן, נישט בלויז פֿאַר היסטאָריש באַ־רעכטיקט, נאָר האָט באַקומען אַ מין ניט געשרי־בענעם הסכּם פֿונעם גאַנצן כּלל ישׂראל.

די באַציִונג צום ראַטנפֿאַרבאַנד מצד אַן אויס־לענדישן קאָמוניסט בכלל און ייִדישן אויסלענדישן קאָמוניסט בפֿרט איז געווען, גלײַכצײַטיק, הן אַן אויסערגעוויינטלעך פשוטע, הן אַן אויסערגע־וויינטלעך קאָמפּליצירטע.

אין 19טן יאָרהונדערט, נאָך דעם ווי דאָס ליכט פֿון דער פֿראַנצייזישער רעוואָלוציע פֿון 1789 האָט געהאַט בּיסלעכווײַז זיך אויסגעשפּרייט איבער גאַנץ אייראָפּע, איז פּאָפּולער געוואָרן אַ זאָג, מיט וועלכן עס האָט שטאַרק שטאָלצירט די פֿראַנ־צייזישע קולטור־וועלט: יעדער מענטש פֿאַרמאָגט צוויי היימלענדער, זײַן געבוירן־לאַנד און — פֿראַנקרײַך.

אין די צוואַנציקער יאָרן פֿונעם 20טן יאָר־הונדערט, איז בײַ מיליאָנען מענטשן אויף גאָר דער ערד אויפֿגעקומען די אמונה, אַז יעדער גלייבי־קער אין קאָמוניזם פֿאַרמאָגט צוויי היימלענדער: זײַן געבוירן־לאַנד און דאָס לאַנד פֿון דער אָק־

טאָבער־רעוואָלוציע, דעם ראַטנפאַרבאַנד.

די אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז דערשינען ווי דער אָפּשלוס פונעם גאַנצן היסטאָרישן פּעריאָד, וועלכן מאַרקס האָט געהאַט באַצייכנט ווי „די פאָרגעשיכטע פון דער מענטשהייט". אָקטאָבער 1917 האָט באַטייט מעשה־בראשית, דער אָנהייב פון אַ נייער תּקופה אין דער מענטשלעכער געשיכטע, אַ תּקופה אַ מענטשלעכע בפועל ממש, אין דערהויבנסטן זין פון וואָרט. די געזעלשאַפט האָט געדאַרפט ווערן איבערגעבויט אויף נייע יסודות פון אמתער פרייהייט, גלייכקייט און גערעכטיקייט — פאַקטישער און ניט בלויז פאָרמעלער — אַן סאָציאַלן יאָך און אַן נאַציאָנאַלן יאָך, אַ געזעלשאַפט פון יושר און צדק, פון ברידערלעכקייט צווישן מענטש און מענטש, פון פריינדשאַפט צווישן פאָלק און פאָלק.

אָנערקענעז זיך, פון ווייטן, צום ראַטנפאַרבאַנד, ווי צו אַן אויסדערוויילטן היימלאַנד, האָט באַטייט — מצרף זיין זיך צו אָט דעם נייעם, גרויסן בראשית, צו דער וויכטיקסטער היסטאָרישער געשעעניש פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. דאָס האָט אויך באַטייט, נאַטירלעך — העלפן דעם ראַטנפאַרבאַנד מיט אַלע מעגלעכקייטן, שיצן אים אויף אַלע אופנים.

דער דאָזיקער חובֿ בנוגע דעם װײַטן אויסדערוויילטן היימלאַנד איז מיט אַ באַזונדער באַשיימפּערלעכקײַט דערשינען פֿאַר די ייִדישע קאָמוניסטן. די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט גלײַך פֿון אירע ערשטע שריט דערקלערט דעם אַנטי־סעמיטיזם פֿאַר אַ מלוכה־פֿאַרברעכן. די ייִדישע באַפֿעלקערונג האָט באַקומען נישט בלויז אַלע ציווילע רעכט, נאָר אויך אַלע נאַציאָנאַלע רעכט. עס איז אויפֿגעקומען אַ גראַנדיעזער ייִדישער קולטור־בנין, אויף ייִדיש — ליטעראַטור, טע־אַטער, וויסנשאַפֿט, שול־וועזן, מוזיק — אַלץ אויפֿן חשבון פֿון דער מלוכה. ייִדן זענען מאַסנווײַז אַרײַנגעדרונגען אין דער מלוכה־אַדמיניסטראַציע און געווען צאָלרײַך פֿאַרטראָטן אין די העכסטע אָנפֿירנדיקע אינסטאַנצן פֿון דער פּאַרטיי און דער מלוכה. די ייִדן־פֿראַגע האָט אויסגעזען ענדגילטיק געלייזט, מיט אַ לייזונג פֿון גאולה ממש. די ייִדישע קאָמוניסטן האָבן זיך געפֿונען צווישן די פּלאַ־מיקסטע חסידים פֿונעם ווײַטן, אויסדערוויילטן היימלאַנד.

דאָס אַלץ האָט פֿאַרגעשטעלט מיט זיך איין זײַט פֿון דער מטבע. עס איז אָבער געווען גלײַכ־צײַטיק אַ צווייטע זײַט, אַן אַן ערך אַ מער קאָמפּלי־צירטע.

אין די אַנגלאָ־זאַקסישע לענדער איז אָנגענומען אַ כּלל: „מײַן היימלאַנד קאָן זײַן גערעכט צי אומגערעכט — דאָס איז אָבער מײַן היימלאַנד”. דער דאָזיקער כּלל שטיצט זיך אויף צוויי מסקנות: ראשית, אויפֿן באַוווּסטזײַן, אַז דאָס היימלאַנד קאָן זײַן גערעכט, אָבער אַמאָל אויך אומגערעכט; והשנית, אויף דער איבערצײַגונג, אַז קיין שום יחידישע מאָראַל־קריטעריומס זײַנען ניט בכּח צו באַווירקן די אידענטיפֿיקאַציע מיטן לאַנד.

דער פּראָבלעם וועגן גערעכט־צי־אומגערעכט האָט זיך לחלוטין ניט געשטעלט פֿאַרן אויסלענדישן קאָמוניסט. עס קאָן אויסזען אויסטערליש, שיער־ניט אומגלייבלעך, אָבער ס'איז אַ פֿאַקט: אין די אויגן פֿון אויסלענדישן קאָמוניסט, איז זײַן אויסדערוויילט היימלאַנד קיין מאָל ניט געווען אומגערעכט און האָט בפֿירוש ניט געקאָנט זײַן, איז ממש ניט געווען מסוגל צו זײַן אומגערעכט. די אוממעגלעכקייט פֿון יעטוועדער אומגערעכטיקייט איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַן עיקרדיקע, אַן אָרגאַנישע, אַ כּמו־טראַנסצענדענטאַלע, מחמת צום ערשטן מאָל אין דער מענטשלעכער געשיכטע איז געבוירן געוואָרן, דורך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, אַ מלוכה, וואָס איז געבויט אויפֿן מהות גופֿא פֿון גערעכטיקייט. די דאָזיקע גע־

רעכטיקײַט איז אמת אַ רעוואָלוציאָנערע, אָבער אַז אַבסאָלוטע. די באַגריפֿן ראַטנפֿאַרבאַנד און אומ־גערעכטיקײַט, אָדער פֿאַרלעצונג פֿון גערעכטי־קײַט, זײַנען זיך סותר — לחלוטין.

יעטוועדער געדאַנק, דער קלענסטער חשד, וועגן אַ מעגלעכער אומגערעכטיקײַט — בלויז דער געדאַנק, דער חשד — איז געווען אַ סימן, אַז די אידענטיפֿיקאַציע מיטן אויסדערוויילטן היימ־לאַנד איז ניט מער קיין פֿולשטענדיקע. האָט מען דעם געדאַנק, דעם חשד געדאַרפֿט פֿון זיך פֿאַר־טרײַבן. זיי האָבן בלי שום ספֿק געשטאַמט פֿון שׂונא. דאָס ווײַטע היימלאַנד האָט געפֿאָדערט — און פֿאַרדינט — צוטרוי, אומבאַגרענעצטן צוטרוי. אַפֿילו ווען געוויסע פֿאַקטן אָדער געשעענישן האָבן געקאָנט אויסזען, אויפֿן ערשטן אויגנבליק, אומיושרדיק אָדער אומגערעכט, האָט מען דעם צוטרוי חלילה נישט געטאָרט פֿאַרלירן. מיט גע־דולד און אומדערשיטערטן צוטרוי האָט מען גע־דאַרפֿט וואַרטן אויפֿן געהעריקן מאָמענט, ווען אַלץ וואָס איז אומפֿאַרשטענדלעך, וועט זיכער ווערן פֿולשטענדיק אויפֿגעקלערט.

מיט דער צײַט איז די באַציִונג צום ראַטנפֿאַר־באַנד, דער צוטרוי צום ראַטנפֿאַרבאַנד, געוואָרן דער סימן־מובֿהק און די מאָס פֿון קאָמוניסטישער

שטאַנדהאַפֿטיקייט. אַלץ מער און מער איז די אמונה פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דאָגמע. דאָס אויסדערוויילטע היימלאַנד, אָפּגעריסן פֿון יעט־וועדער ערדישער רעאַליטעט, פֿון יעטוועדער ווירקלעכקייט (וועגן וועלכער מען האָט אין תּוך געהאַט זייער אַ קליינע אַנונג) איז דערהויבן גע־וואָרן צו אַ מין היימלאַנד־של־מעלה, אַ גע־אַכפּערטע און פֿאַרהערלעכטע, ווי אַ היילים.

אויף אַ שטוינענדיקן אופֿן האָט די דאָגמע ביסלעכווייז אָנגעהויבן זיך אויסווירקן אויך ווייט אויסער די רייען פֿון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען.

ביי מיליאָנען און מיליאָנען מענטשן — און צווישן זיי, אַ ריי ערשטראַנגיקע שריפֿט־שטעלערס, דענקערס, קינסטלערס, וויסנשאַפֿט־לערס — האָט זיך אויסגעפֿורעמט, בנוגע דעם „לאַנד פֿון אָקטאָבער", אַ מין אויסטערלישער מאַניכעיִזם, וואָס וועט פֿאַרבלייבן ווי איינע פֿון די מערקווירדיקע דערשיינונגען פֿון אונדזער צייט.

אַלץ וואָס איז געקומען פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד האָט, פֿון פֿאָרויס, אויף זיך געטראָגן דעם חותם פֿון אמת, פֿון רעכטפֿאַרטיקייט און דערהויבנקייט. קאָ־פויער, אַלץ וואָס איז געווען, דירעקט אָדער אומ־דירעקט, געוואַנדן קעגן ראַטנפֿאַרבאַנד, האָט ניט געקאָנט זיין עפּעס אַנדערש ווי בלבול, פֿעלשונג,

נידערטרעכטיקײַט און פּראָוואָקאַציע.

אַט דער מאַניכעיִזם האָט זיך באַזונדערס פֿאַר־שאַרפֿט מיטן אויסברוך פֿון דער אַזוי גערופֿענער קאַלטער מלחמה. ס׳איז געווען אַן אַלגעמיינע מאָביליזאַציע, אַ פֿאַרביסענע, אַ שׂנאהדיקע, פֿון צוויי צדדים: פֿון איין זײַט, אַלע מינים קעגנער פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד און פֿון דער צווייטער זײַט, אַלע פֿרײַנד פֿונעם „לאַנד פֿון אָקטאָבער״ און קודם כּל, פֿאַרשטענדלעך, די מיטגלידערס פֿון די קאָמו־ניסטישע פּאַרטייען, די ייִדישע קאָמוניסטן אַרײַנגערעכנט.

דעם דאָזיקן היסטאָרישן הינטערגרונט מוז מען האָבן אין זינען, ווען מען פּרוּווט ערנסט זיך פֿאַרטראַכטן וועגן אופֿן ווי אַזוי דער ייִדישער „לינקס״ האָט רעאַגירט אויף דער טראַגעדיע פֿון דער ייִדישער קולטור אין ראַטנפֿאַרבאַנד, ריכטי־קער — אויפֿן לעצטן אַקט פֿון דער טראַגעדיע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט סוף פֿערציקער און אָנ־הייב פֿופֿציקער יאָרן.

ס׳איז קוים נייטיק צו דערמאָנען, אַז אָנגע־הויבן האָט זיך די עצם טראַגעדיע לאַנג פֿריער, נאָך פֿאַר דער מלחמה, אין די טעראָר־יאָרן פֿון דער „יעזשאָווטשטשינאַ״ און גאָר באַזונדערס אין דעם טרויעריק־באַרימטן „זיבן־און־דרײַסיקסטן״

וואָס האָט פֿאַרגאָסן דאָס גאַנצע לאַנד מיט בלוט.

אין דעם דאָזיקן „זיבן־און־דרײַסיקסטן" איז נישט בלויז איבער דער ייִדיש־סאָוועטישער קולטור דורכגעפֿירט געוואָרן אַ גרויזאַמע שחיטה — עס זײַנען „פֿאַרשוווּנדן" איזי כאַריק, משה קול־באַק, מאַקס עריק, משה ליטוואַקאָוו, כאַצקל דוניעץ און נאָך און נאָך — עס איז דאַן פֿאַקטיש אַרויסגעטראָגן געוואָרן דער אורטייל, וואָס האָט די ייִדישע קולטור פֿאַרמשפּט צום אומקום. דאַן טאַקע זײַנען עס אויסגעריסן געוואָרן די וואָר־צלען פֿון ייִדישן קולטור־בוים, עס זײַנען צע־שטערט געוואָרן די פֿונדאַמענטן פֿון ייִדישן קולטור־בנין — מען האָט חרובֿ געמאַכט דאָס ייִדישע שול־וועזן.

האָט די ייִדישע געזעלשאַפֿטלעכקײַט — ניט בלויז פֿון לינקס, וואָס איז געווען בלינד־פֿאַר־גלייבט, נאָר אַפֿילו פֿון רעכטס, ווו מע האָט אָנגע־שפּאַנט געוואַכט — אויף דעם רעאַגירט? ניין, כּמעט גאָרניט. דער חורבן איז דורכגעגאַנגען אַזוי ווי אומבאַמערקט. מען האָט וועגן אים ניט גע־ווּוסט.

ראַטנפֿאַרבאַנד איז דאָס לאַנד פֿון מלוכה־סוד. אַ געדיכטער שלייער פֿון סוד איז אויסגעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד. דער סוד איז אַן אַבסאָלוטער

כּלפּי חוץ, כּלפּי אויסלאַנד, אָבער איז חל אויך, הגם פֿאַרשטענדלעך אין אַ שוואַכערער מאָס, אויף די אייגענע בירגער.

אין קעגנזאַץ אָבער צו דעם חורבן פֿון די יעזשאָוו־יאָרן, איז דער אָנהייב פֿון דער ענדגילטיקער ליקווידירונג פֿון דער ייִדישער קולטור נישט געווען קיין סוד — אַפֿילו נישט פֿאַר אויסלאַנד. די סיבה דערפֿון איז געווען אַ פּשוטע. דער ערשטער קרבן איז געפֿאַלן אַן אינסטיטוציע, וועמענס הויפּט־טעטיקייט איז באַשטאַנען אין באַציִונגען מיט אויסלאַנד. די באַציִונגען האָבן זיך פּלוצלונג איבערגעריסן. עס איז פֿאַרמאַכט געוואָרן אין מאָסקווע דער ייִדישער אַנטיפֿאַשיסטישער קאָמיטעט. דער פֿירהאַנג האָט זיך אויפֿגעהויבן, בפֿני כּל עם ועדה, איבערן לעצטן אַקט פֿון דער טראַגעדיע.

ווי אַזוי האָט דערויף רעאַגירט די ייִדישע קאָמוניסטישע באַוועגונג? מיט אַבסאָלוטן שטילשווייַגן.

אָט דאָס שווייַגן איז אָבער געווען דיאַמעטראַל־קעגנגעזעצלעך מאָטיווירט בייַ די ייִדישע קאָמוניסטן פֿון די מערבֿ־לענדער — בייַ זיי איז דער ראַטנפֿאַרבאַנד פֿאַרבליבן דאָס הימלאַנד־של־מעלה — און בייַ די ייִדישע קאָמוניסטן פֿון פּוילן,

ווּעמענס אויסגעטרוימטער של־מעלה האָט גע־
האַט זיך צונויפֿגעשטויסן, אין באַזונדערס טראַ־
גישע באַדינגונגען, בעת דער מלחמה, מיטן רעאַלן
של־מטה.

צווישן די צוויי הונדערט טויזנט פּוילישע ייִדן,
וואָס האָבן באַוויזן צו אַנטרינען פֿון די היטלער־
רוצחים און ראַטעווען דאָס לעבן אין ראַטנפֿאַר־
באַנד, האָבן זיך געפֿונען פֿיל הונדערטער קאָמו־
ניסטן. אַ טייל פֿון זיי האָט זיך ערשט מיטן מלחמה־
אויסבראָך געהאַט אַרויסגעריסן פֿון די פּוילישע
תּפֿיסות, ווּוּ זיי האָבן יאָרנלאַנג געשמאַכט.

זייער שנעל האָט צווישן דעם של־מעלה און
של־מטה זיך אַנטפּלעקט — אַ תּהום. די סאָ־
וועטישע טאָג־טעגלעכקייט איז געווען אַ האַרבע, אַ
שווערע, אַ דערדריקנדיקע. אין דער לופֿט איז נאָך
געהאַנגען דער פּחד פֿון „יענע יאָרן”, עס האָט נאָך
געלויערט דער גרויזאַמער סוד פֿון לית דין ולית
דיין. באַלד איז געקומען דער אָנפֿאַל פֿון די נאַצי־
אַרמייען, די אוממענטשלעכע ליידן פֿון דער
מלחמה און די איבערמענטשלעכע העלדישקייט
אויף די שלאַכטפֿעלדער און אין די פּאַרטיזאַנער־
מחנות.

נאָך דעם ווי עס איז געשאַפֿן געוואָרן אין
מאָסקווע דער יידישער אַנטיפֿאַשיסטישער קאָ־

מיטעט און שפּעטער, דער ייִדישער אָפּטייל בײַם „פֿאַרבאַנד פֿון די פּוילישע פּאַטריאָטן״, האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ פֿרײַנדלעכע מיטאַרבעט צווישן די ייִדיש־סאָוועטישע און ייִדיש־פּוילישע קאָמו־ניסטישע טוער. די פֿרײַנדלעכע באַציִונגען האָבן אָנגעהאַלטן אויך נאָך דער מלחמה, שוין נאָך דעם ווי די ייִדישע קאָמוניסטן־פּליטים האָבן פֿאַרלאָזט דעם ראַטנפֿאַרבאַנד און זיך צוריקגעקערט קיין פּוילן.

דער מאָסקווער ייִדישער אַנטיפֿאַשיסטישער קאָמיטעט איז געשטאַנען אין כּסדרדיקן קאָנטאַקט מיטן וואַרשעווער צענטראַל־קאָמיטעט פֿון די ייִדן אין פּוילן. דער פֿאָרזיצער פֿון צענטראַל־קאָ־מיטעט, הערש סמאָליאַר דערציילט, אַז ער פֿלעגט יעדע וואָך האָבן אַ טעלעפֿאָנישן שמועס מיט איציק פֿעפֿערן. זיי פֿלעגן, לויט דער ריי, אַרויסרופֿן טעלעפֿאָניש איינער דעם צווייטן.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פֿון די ייִדן אין פּוילן האָט אַזוי אַרום, נאָכן לעצטן טעלעפֿאָן־רוף, וואָס איז געבליבן אָן געוויינטלעכן ענטפֿער, דער ערשטער זיך דערוווּסט וועגן דער ליקווידירונג פֿונעם ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט. און הערש סמאָליאַר גיט צו: „כ׳בין אַרויסגעלאָפֿן פֿון מײַן צימער כּדי צו געפֿינען עמיצן, מיט וועמען זיך

טיילן מיטן חשד, אַז ס׳איז געשען אַ גרויס אומ־גליק״ (ה. סמאָליאַר, „אויף די לעצטע פּאָזיציעס, מיט דער לעצטער האָפענונג״, פּרץ־פאַרלאַג, תּל־אָבֿיבֿ, ז. 162).

„ס׳איז געשען אַ גרויס אומגליק״ — אָט דער חשד איז אויפגעשווומען בײַ דעם ווײַט־גרעסטן טייל פון די ייִדישע קאָמוניסטן אין פּוילן, בײַ די אַלע, וואָס האָבן געקענט די סאָוועטישע ווירק־לעכקייט און פאַר וועמען דער ראַטנפאַרבאַנד איז, במשך פון די מלחמה־יאָרן, געווען אַ היימלאַנד־של־מטה. זיי האָבן געוווּסט, פון אייגענער דער־פאַרונג — דירעקטער אָדער אומדירעקטער — אַז אַן אומגליק קאָן דאָרט געשען.

אַ לחלוטין אַנדערער איז געווען דער צוגאַנג פון די ייִדישע קאָמוניסטן אין די מערבֿ־לענדער. די פאַקטן האָט, נאַטירלעך, קיינער ניט אָפּגע־פרעגט. דער מאָסקווער אַנטיפאַשיסטישער קאָ־מיטעט האָט מער ניט געענטפערט — ניט אויף בריוו, ניט אויף טעלעגראַמעס, ניט אויף טעלע־פאָן־רופן. די צײַטונג „איינִיקייט״ און די אויס־גאַבעס פון פאַרלאַג „עמעס״ זײַנען מער ניט אָנגע־קומען. דער נאָמען פון „גאָסעט״ — מאָסקווער ייִדישער מלוכה־טעאַטער — איז פאַרשווּנדן פון די רעפּערטואַר־רשימות אין די צײַטונגען. דאָס

אַלץ האָט לכתּחילה פֿאַרוווּנדערט, באַלד באַאומ־רויִקט. אָבער — חשד?! חשד — אויף וועמען?! אויפֿן ראַטנפֿאַרבאַנד?! דאָס וואָלט באַטײַט — לעסטערונג, ממש גאָט־לעסטערונג.

אַגבֿ, רעדנדיק וועגן די ייִדישע קאָמוניסטן פֿון די מערבֿ־לענדער, איז נייטיק צו נעמען אין באַטראַכט די באַזונדערקײַטן פֿון דער ייִדישער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין מערבֿ־אייראָפּע, ס׳הייסט בעיקר אין פֿראַנקרײַך, און דער באַוועגונג אין אַמעריקע, הויפּטזעכלעך אין די פֿאַראייניקטע־שטאַטן.

בעת דער ייִדישער אַנטיפֿאַשיסטישער קאָמיטעט איז געגרינדעט געוואָרן, איז פֿראַנקרײַך געלעגן אונטער די שטיוול פֿון די נאַצי־אַרמייען און די ייִדישע קאָמוניסטן האָבן זיך געפֿונען אין די רייען פֿון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. וועגן קיין שום קאָנטאַקט מיט מאָסקווע האָט נאַטירלעך ניט געקאָנט זײַן קיין רייד. דעם ערשטן מינדלעכן גרוס וועגן אַנטיפֿאַשיסטיקן קאָמיטעט — מיט אַ סך לויב פֿאַר זײַן טעטיקײַט און זײַנע מיטגלידער — האָט אין 1944 געבראַכט אין באַפֿרײַטן פּאַריז דער גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון דער פֿראַנצייזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, מאָריס טאָרעז, נאָך זײַן צוריקקערן זיך פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד.

אויך נאָך דער מלחמה זײַנען קיין אָפֿיציעלע באַציִונגען מיטן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט קיין מאָל ניט אײַנגעשטעלט געוואָרן. די „איינִיקײַט" און די מאַנוסקריפּטן פֿון די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער פֿלעגן אָנקומען אין דער רעדאַקציע פֿון דער פּאַריזער „נײַע פּרעסע" אין פּאָסט־פּאַקעטן פֿון דער סאָוועטישער פּרעסע־אַגענטור „נאָוואָסטי". קיין שום מאַנוסקריפּט איז קיין מאָל ניט געשיקט געוואָרן דורכן מחבר גופֿא. קיין שום דירעקטע, ווער רעדט נאָך נאָענט־פֿרײַנדלעכע, פֿאַרבינדונגען מיט די ייִדיש־סאָוועטישע טוער און שרײַבער זײַנען ניט געווען.

במשך פֿון אַ סך יאָרן, נאָך דער מלחמה, איז די ייִדישע קאָמוניסטישע באַוועגונג אין פֿראַנקרײַך געווען פֿאַרשלונגען דורך איין עיקר־אויפֿגאַבע: צוריק אויפֿבויען דעם ייִדישן ישובֿ, נאָכן חורבן, וואָס עס האָט געהאַט איבערגעלאָזט די מלחמה און די דײַטשע אָקופּאַציע. מען האָט געבויט יתומים־הײַזער און קינדער־שולן, געשאַפֿן אַ גאַנצע ריי געזעלשאַפֿטן און אינסטיטוציעס, געעפֿנט ביבליאָטעקן, געגרינדעט אַ פֿאַרלאַג, אַ זשורנאַל, אַ טעאַטער, אַ כאָר. אָט דער „אויפֿבנײַ" פֿאַרמעסט האָט ווי געשטעלט אין שאָטן אַלע אַנדערע פּראָבלעמען, אַפֿילו דעם פּראָבלעם פֿון דער

ייִדישער קולטור אין ראַטנפֿאַרבאַנד.

דער אייגנטלעכער מיטאַרבעטער און מיט־קעמפֿער, אין אויסלאַנד, פֿון ייִדישן אַנטי־פֿאַשיסטישן קאָמיטעט איז געווען — די ייִדישע קאָמוניסטישע באַוועגונג פֿון די פֿאַראייניקטע־שטאַטן. דער פֿײַערלעכער רוף צו די „ברידער ייִדן", „צו די ייִדן פֿון דער גאַנצער וועלט", וואָס עס האָט אַרויסגעלאָזט, אין אויגוסט 1941, די גרינ־דונג־פֿאַרזאַמלונג פֿון ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָ־מיטעט, איז פֿאַקטיש געווען אַ ווענדונג בעיקר צום אַמעריקאַנער ייִדנטום. און אָפּגערופֿן האָט זיך תּיכּף, אין די פֿאַראייניקטע־שטאַטן, קודם כּל דער ייִדישער „לינקס".

אין יולי 1943 האָט דער אַנטיפֿאַשיסטישער קאָמיטעט געשיקט אַ דעלעגאַציע קיין אַמעריקע, אין באַשטאַנד פֿון שלמה מיכאָעלס און איציק פֿעפֿער. די דעלעגאַציע האָט באַזוכט די פֿאַר־אייניקטע־שטאַטן, קאַנאַדע און מעקסיקע, איז אויפֿגענומען געוואָרן מיט זייער פֿיל וואַרעמקייט דורך ברייטע שיכטן פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקע־רונג, אָבער — ווידער אַ מאָל — בעיקר דורך די ייִדישע לינקע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס.

נאָך דער מלחמה האָבן די באַציִונגען צווישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט און אָט די מאַסן־

אָרגאַניזאַציעס זיך נישט איבערגעריסן. אַ פּער־זענלעכע נאָענטע פרײַנדשאַפט האָט פאַרבונדן אַ ריי פירער פון ייִדישן „לינקס" און פיל לינקע אַמעריקאַנער ייִדישע שרײַבער מיט דער אַנ־פירערשאַפט פון אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט און מיט די פירנדיקע ייִדיש־סאָוועטישע שרײַבער.

ווי אַזוי־זשע האָט די אַמעריקאַנער ייִדישע קאָמוניסטישע באַוועגונג רעאַגירט אויף די ערשטע איובֿ־בשׂורות, וואָס זײַנען אָנגעקומען וועגן מאָסקווע?

אין פרילינג 1949 האָבן אין דער ניו־יאָרקער פּרעסע, אויף ענגליש און ייִדיש, זיך באַוויזן ידיעות וועגן אַרעסטן צווישן ייִדישע שרײַבערס אין ראַטנ־פאַרבאַנד. דער באַדינגלעכער מאָניכעיִזם־רעפּ־לעקס האָט זיך תּיכּף אָפּגערופן: אַלע ידיעות זײַנען דורך די ייִדישע קאָמוניסטן קוואַליפיצירט גע־וואָרן ווי וויסטע בילבולים.

אין אויגוסט־נומער 1949 פונעם ניו־יאָרקער זשורנאַל „ייִדישע קולטור" האָט דער באַקאַנטער ייִדישער קאָמוניסטישער פּובליציסט משה כץ פאַר־עפנטלעכט אַן אַרטיקל, אונטערן טיטל: „פאַרוואָס שרײַען זיי טאָקע". דאָס האָט געדאַרפט זײַן אַן ענטפער אויף ה. לייוויקס אַן אַרטיקל אין „טאָג", פון 2טן יולי 1949, וואָס האָט געהייסן: „פאַרוואָס

שווײַגן זיי טאַקע״. דער „זיי״ האָט געמיינט די ייִדישע קאָמוניסטן.

און אָט ווי אַזוי משה כץ באַגרינדט דאָס שווײַגן:

„פֿאַר די איבער דרײַסיק יאָר פֿון דער עקסיס־טענץ פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד און פֿון דער צע־יושעטער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע פּרעסע פֿירט קעגן אים, האָבן מיר זיך אויסגע־לערנט צו טרויען דער סאָוועטן־רעגירונג און אירע אינפֿאָרמאַציעס וועגן אירע מעשׂים און פּלע־נער און זיך באַציען מיט דעם גרעסטן חשד און אומצוטרוי צו דער מיסאינפֿאָרמאַציע און די בילבולים פֿון אירע שׂונאים.

„דאָס איינציקע, וואָס מיר קאָנען זאָגן, איז: מיר ווייסן ניט, מיר האָבן ניט קיין דירעקטע ידיעות, צי ס׳האָט מיט וועמען פֿון די ייִדישע שרײַ־בער אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד עפּעס פּאַסירט, אָדער ניט פּאַסירט. מיר געפֿינען ניט פֿאַר נייטיק אַרויס־צוקומען מיט קיין סבֿרות, וואָס זײַנען ניט געבויט אויף פֿאַקטן . . . מיר האָבן אויפֿן גרונט פֿון אַ לאַנ־גער דערפֿאַרונג אַלע סיבות צו טרויען דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד און מיר ווייסן, אַז דאָרטן קאָנען ניט פֿאָרקומען קיין האַנדלונגען, וואָס זאָלן זײַן געווענדט קעגן דעם

ייִדישן פֿאָלק, קעגן זײַן קולטור און ליטעראַטור, קעגן זײַנע שרײַבער בלויז דערפֿאַר ווײַל זיי זײַנען ייִדישע.

„די דערפֿאַרונג האָט אונדז געלערנט, אַז דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד איז שטענדיק געווען און איז פֿאַרבליבן דער בעסטער פֿרײַנד פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק, פֿון זײַן קולטור און זײַן צוקונפֿט. און אַזוי לאַנג ווי עס איז פֿאַראַן אַ סאָוועטישע אָרדענונג, איז אומדענקבאַר און אוממעגלעך, אַז קעגן דער ייִדישע ליטעראַטור און די ייִדישע שרײַבער אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד זאָלן אָנגעווענדט ווערן װעלכע עס איז אַנטי־ייִדישע אויסנאַם־געזעצן".

„אומדענקבאַר, אוממעגלעך" — דאָס איז באמת געווען די טיפֿסטע, די אַבסאָלוטע איבער־צײַגונג פֿון די ייִדישע קאָמוניסטן אין אַלע מערבֿ־לענדער. און דעריבער — „ניט אַרויסקומען מיט קיין סבֿרות, וואָס זײַנען ניט געבויט אויף פֿאַקטן", אַנדערש געזאָגט: שווײַגן און וואַרטן מיט גע־דולד ... אויף פֿאַקטן.

אָבער אייגנטלעך, אויף וואָס פֿאַר אַ מין פֿאַקטן האָט מען עס געדאַרפֿט וואַרטן? ס'זײַנען דאָך שוין געווען פֿאַקטן: די ליקווידירונג פֿון אַנטי־פֿאַשיסטישן קאָמיטעט, פֿון דער צײַטונג „אייני־קײַט", פֿון פֿאַרלאַג „עמעס", פֿון מאָסקווער ייִדישן

טעאַטער. אָבער אויסטערליש, די דאָזיקע פֿאַקטן האָט מען ניט גענומען אין חשבון, מען האָט זיי אַזוי ווי ניט באַמערקט. האָט מען זיי ניט געזען? האָט מען זיי ניט געוואָלט זען? צי אפֿשר גאָר איז מען מער ניט געווען מסוגל צו זען, מחמת פֿאַר־בלענדעניש, מחמת בלינדקײַט?

טראַגישער פּאַראַדאָקס! עס האָבן געשוויגן די אַלע, וואָס האָבן געהאַט אומענדלעכן צוטרוי צום הימלאַנד־של־מעלה, וואָס האָבן ערלעך און פֿרום געגלייבט, אַז „דאָרטן קאָנען ניט פֿאָרקומען קיין האַנדלונגען (געווענדטע) קעגן דעם ייִדישן פֿאָלק, קעגן זײַן קולטור און ליטעראַטור”, אַז קיין שום אומגליק קאָן דאָרט ניט געשען.

עס האָבן אָבער אויך געשוויגן די, וואָס האָבן געהאַט דערקענט דאָס הימלאַנד־של־מעלה און תּיכּף דערפֿילט „אַ חשד, אַז ס׳איז געשען אַ גרויס אומגליק”, אָבער דעם חשד דערשטיקט אין זיך, מחמת איבער זיי גופֿא האָט זיך שוין געשפּרייט דער שאָטן פֿון אומברחמנותדיקן „מלוכה־סוד”.

וואַרטן. וואַרטן מיט געדולד. וואַרטן און שווײַגן. עס איז ווידער מלחמה. זאָל זײַן קאַלטע מלחמה, אָבער בײַם סאַמע ראַנד פֿון אַטאָמישן קאַטאַקליזם.

ווי לאַנג קאָן מען אָבער וואַרטן? ווי לאַנג קאָן

אויסהאַלטן דאָס מענטשלעכע געדולד? האָט מען לכתּחילה געפּרוּווט זיך טרייסטן מיט קלאַנגען, וואָס קיינער האָט רעכט ניט געוווּסט פֿון וואָס פֿאַר אַ קוואַלן זיי שטאַמען.

ס'האָט געהייסן: דאָס ייִדישע קולטור־געזעלשאַפֿטלעכע לעבן אין ראַטנפֿאַרבאַנד וועט בקרובֿ ווערן רעאָרגאַניזירט אויף נײַע יסודות, מיט אַ נײַער אָנפֿירערשאַפֿט...

ס'האָט געהייסן: אַלע ייִדיש־סאָוועטישע שרײַבער זײַנען פֿרײַ און אַרבעטן, ווי תּמיד. מען האָט זיי געזען, מיט די אייגענע אויגן געזען, זיך געטראָפֿן מיט זיי...

ס'האָט געהייסן: דער ענין ייִדישע קולטור איז שוין לסוף דערגאַנגען צו די „העכסטע אינסטאַנצן״ פֿון לאַנד. אָט־אָט וועלן אַלע מיספֿאַרשטייענישן ווערן אויפֿגעקלערט...

אַזוי זײַנען פֿאַרלאָפֿן וואָכן, חדשים, און באַלד יאָרן, ביז עס איז געוואָרן קלאָר, אַז דאָ האַנדלט זיך ניט וועגן קיין שום מיספֿאַרשטייענישן, נאָר וועגן אַ גזירה פֿון שטילשווײַגן, פֿון טויט־שווײַגן, וואָס איז אַרויפֿגעצוווּנגען געוואָרן אויף דער ייִדישער קולטור, אין אַלע אירע געביטן.

האָט מען אָנגעהויבן — ווי אויסטערליש דאָס זאָל ניט אויסזען — צו זוכן, נישט די סיבות פֿון

דער גזירה, נאָר כּלערליי זכותים אויף איר. מחמת דאָרטן, אין היימלאַנד־של־מעלה, קאָן אַ גזירה אַפֿילו ניט זײַן אויסן קיין בייז, קיין עוולה, קיין דיסקרימינאַציע, מען דאַרף בלויז פֿאַרשטיין איר טיפֿערן זין.

און גלײַכצײַטיק, אין אַ מין משונהדיקן מימע־טיזם, אין אַ שטוינענדיקער פֿאַרגלייבטקײַט, וואָס האָט געגרענעצט מיט סקיזאָפֿרעניע, האָט מען די גזירה אַזוי ווי זיך צוגעאייגנט. פּונקט ווי פֿון דער סאָוועטישער פּרעסע, זײַנען אויך פֿון די ייִדישע קאָמוניסטישע צײַטונגען פֿאַרשוווּנדן, ניט בלויז די ווערק, נאָר אַפֿילו די נעמען פֿון די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער, וועלכע זײַנען יאָרן־לאַנג, יאָר־צענדליקער־לאַנג געווען די צירונג און דער שטאָלץ פֿון די זעלבע צײַטונגען.

בכדי צו געפֿינען דעם „טיפֿערן זין” פֿון דער גזירה, האָט מען זיך אַרײַנגעלאָזן אין חקירה, אין פּלפּול, אין פּירושים, אין „טעאָרעטיזירונגען”.

אַזוי, למשל, איז אויפֿגעקומען די טעאָריע וועגן „קולטור־אויסלעשונג”. די ייִדישע קולטור אין ראַטנפֿאַרבאַנד איז, צוליב די פֿאַרלוסטן בעת דער מלחמה און דער אַסימילאַציע פֿאַר דער מלחמה, געוואָרן אויסגעלאָשן. ס'איז מער ניט פֿאַרבליבן פֿאַר וועמען צו שאַפֿן. די לעבנ־

געבליבענע סאָוועטישע ייִדן פֿאַרלאַנגען ניט מער קיין ייִדישע קולטור.

אַזוי איז געבוירן געוואָרן די טעאָריע וועגן „אָביעקטיווער שטערונג״. אין ראַטנפֿאַרבאַנד קומט פֿאָר אַ גראַנדיעזער היסטאָרישער פּראָצעס פֿון צונויפֿשמעלצונג פֿון די סאָוועטישע פֿעלקער. די ייִדישע קולטור איז געוואָרן אָביעקטיוו אַ שטע־רונג אין דעם דאָזיקן פֿאַראייננהייטלעכונג־פּראָ־צעס. סוביעקטיוו גענומען, קאָן מען אפֿשר אָט דעם פֿאַקט באַדויערן, אָבער סוף כּל סוף, וואָס שטייט העכער — ייִדישע קולטור, צי סאָציאַליזם?

אַזוי איז געשטעלט געוואָרן אונטער אַ פֿראַגע־צייכן דער עצם־באַגריף — ייִדיש פֿאָלק. אָט למשל זײַנען די פֿראַנצייזישע ייִדן אַן אינטעגראַלער טייל פֿון פֿראַנצייזישן פֿאָלק. די אַמעריקאַנער ייִדן אינטעגרירן זיך אינטענסיוו אין אַמעריקאַנעם פֿאָלק. און ניט צופֿעליק האָט אין דער מאָסקווער „פּראַוודאַ״, אָפֿיציעלער אָרגאַן פֿון דער סאָווע־טישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, איליא ערענבורג, דערוויזן, אין אַ באַרימטן אַרטיקל, אַז אויסער צרות פֿון אַנטיסעמיטיזם, איז פֿאַראַן ווייניק־וואָס געמיינ־זאַמס צווישן אַ ייִדן פֿון טוניס און אַ ייִדן פֿון שיקאַגאָ. ביסלעכווײַז האָט מען אין ייִדישע קאָמו־ניסטישע צײַטונגען גענומען אויסמײַדן דעם אויס־

דרוק „ייִדיש פֿאָלק" און אים פֿאַרביטן פּשוט מיטן וואָרט „ייִדן".

ס'זײַנען אויסגעבראָכן ווידעראַנאַנדן צווישן ייִדישע קאָמוניסטן אין פֿראַנקרײַך. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן וויכּוחים, שאַרפֿע, היציקע. שטורעמדיקע דיסקוסיעס האָבן זיך געצויגן וואָכן־לאַנג, חדשים־לאַנג. אַלץ איז אָבער פֿאַרגעקומען אויף געשלאָסענע פֿאַרזאַמלונגען, קיין שום אָפּקלאַנג איז ניט דערגאַנגען צו דער עפֿנטלעכקײַט. די טאַקטיק פֿון „ניט אַרויסקומען מיט סבֿרות" איז געווען אין פֿולער קראַפֿט.

די ייִדישע פּאַרטיי־אָנפֿירונג האָט עקשנותדיק פֿאַרטיידיקט, ווי תּמיד, — די פּאַרטיי־ליניע. אַנדערש האָט עס אויך ניט געקאָנט זײַן, אין דעם איז באַשטאַנען איר אייגנטלעכער זכות־הקיום. אָבער אַזוי ווי קיין „ליניע" פֿון דער פֿראַנצייזישער פּאַרטיי אינעם ענין ייִדיש־סאָוועטישע קולטור איז קיין מאָל ניט געווען און האָט ניט געקאָנט זײַן, האָבן די מיטגלידערס פֿון דער אָנפֿירונג געהאַלטן פֿאַר זייער חובֿ צו פֿאַרטיידיקן די „ליניע" פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד, וועגן וועלכער זיי אַליין האָבן פֿאַקטיש ניט געהאַט די מינדסטע אָנונג. זיי האָבן גאָרניט געוווּסט און וועגן גאָרניט געוואָלט וויסן. זיי זײַנען געווען זיכער, אַבסאָלוט

זיכער, אַז „אויב עס איז אַזוי, איז אַ סימן, אַז עס דאַרף אַזוי זײַן“.

מיט דער צײַט האָט אינעווייניק, אין דער ייִדישער קאָמוניסטישער באַוועגונג, זיך אָנגע־צייכנט אַ שיידליניע, וואָס האָט כּסדר אַלץ מער זיך פֿאַרטיפֿט. אַ שיידליניע צווישן די, וואָס האָבן — גאָרניט וויסנדיק — „אַלץ אויפֿגעקלערט“, „אַלץ פֿאַרשטאַנען“ און אַלץ באַרעכטיקט און, פֿון דער צווייטער זײַט, אַלע אַנדערע, וואָס זײַנען גע־שטאַנען, מיט אַנגסט און פֿאַרביטערונג, פֿאַר אַ רעטעניש, צו וועלכער זיי האָבן בשום אופֿן ניט געקאָנט געפֿינען קיין באַשייד.

די וויסטע, אָפֿן־אַנטיסעמיטישע פּראָוואָ־קאַציע וועגן „די מערדער אין ווײַסע כאַלאַטן“ האָט דערשיטערט. ווי קאָן אַזוינס מעגלעך זײַן אין ראַטנפֿאַרבאַנד?! באַלד איז אָבער געקומען די באַ־פֿרײַונג פֿון די דאָקטוירים. די גערעכטיקײַט האָט פֿאַרט געזיגט. די אָפֿיציעלע רעהאַביליטאַציע פֿון שלמה מיכאָעלס איז געווען אַ בלי־ספֿקדיקער סימן, אַז אָט־אָט וועט רעהאַביליטירט ווערן די גאַנצע ייִדישע קולטור. אָבער ווײַטער איז די צײַט געלאָפֿן און אַלץ איז געבליבן בײַם אַלטן.

דאָס יאָרנלאַנגע שווײַגנדיקע וואַרטן איז גע־וואָרן אומדערטרעגלעך. עפּעס־וואָס האָט געמוזט

געטאָן ווערן. אָבער וואָס? צו וועמען זיך ווענדן? בײַ וועמען בעטן, מאָנען? מיט וועמען זיך אָן עצה האַלטן? אַפֿילו אָן אינטערווענץ בײַ די קאָמוניס־טישע לאַנד־פּאַרטייען איז באַטראַכט געוואָרן ווי אָן אויסדרוק פֿון אומצוטרוי צום ראַטנפֿאַרבאַנד.

און פֿון פּוילן זײַנען דערגאַנגען אַלץ מער איובֿדיקע קלאַנגען, אָבער תּמיד אינעם נוסח: „מען דאַרף משער זײַן... מען דאַרף אָננעמען...״ די השערות האָבן געמאַכט אויפֿציטערן אַלץ שטאַר־קער דאָס האַרץ, אָבער זײַנען ניט געווען בכּח אײַנצושטילן דעם אינסטינקטיוון ממש אויס־געשריי פֿונעם גאַנצן וועזן, וואָס האָט רעוואָל־טירט: ניין, דאָס איז אוממעגלעך, דאָס איז אומ־דענקבאַר! דער גלויבן איז אַלץ נאָך געווען טיף פֿאַרוואָרצלט, פֿאַראַנקערט, אײַנגעקריצט אין דער נשמה.

אָט אין יענע טעג, אין טעג פֿון דערשיטער־טער אמונה, פֿון טיפּסטער אויפֿרודערונג און ממש פֿון פֿאַרצווייפֿלונג, האָב איך באַשלאָסן עובֿר צו זײַן אויפֿן געבאָט פֿון „וואַרטן מיט געדולד״. אויף אייגענער אַחריות האָב איך אָנגעשריבן אַ מעמאָ־ראַנדום און בסוד, מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרצן, אים אַרײַנגעטראָגן אין צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פֿראַנצייזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

קאַפּיטל צוויי

צוויי מעמאָראַנדומס

דער מעמאָראַנדום, דאַטירט דעם 5טן פֿעב־רואַר 1955 און אַדרעסירט צו דעם סעקרעטאַריאַט פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פֿראַנצייזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, לייענט זיך אַזוי:

„טײַערע חבֿרים,

איך בין אַ ייִדישער שרײַבער און האַלט פֿאַר מײַן חובֿ פֿון אַ קאָמוניסט צו באַקענען די פּאַרטיי מיט אַ באַזונדערס פּײַנלעכן ענין, וואָס באַ־אומרויִקט טיף, זינט עטלעכע יאָר, די ייִדישע געזעלשאַפֿטלעכקײַט און וועלכן דער לעצטנס פֿאַרגעקומענער אַלסאָוועטישער שרײַבער־קאָנ־גרעס האָט אָגבֿ אילוסטרירט אויף אַ ממש טראַ־גישן אופֿן — דאָס איז דער ענין וועגן די ייִדישע שרײַבער אין ראַטנפֿאַרבאַנד.

איך גיב נאַטירלעך זיך אָפּ אַ חשבון דערפֿון, אַז אונדזער פּאַרטיי איז, אין פּרינציפּ, ניט באַרופֿן און אַוודאי ניט מחויבֿ צו פֿאַרנעמען זיך מיט אַ פֿראַגע, וואָס איז קודם כּל אַן אינערלעכע פֿראַגע פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד. מיר דוכט אָבער, אַז עס וואָלט

געווען פֿאַלש צו ווערן איגנאָרירן דעם אָפּקלאַנג און די אויסווירקונג פֿון דעם ענין אויך אויסער די סאָוועטישע גרענעצן, איבערהויפּט נאָך ווען זיי באַדראָען דעם אײַנפֿלוס און די פּאָזיציעס פֿון אונ־דזער פּאַרטיי צווישן דער ייִדישער אינטעליגענץ און די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן אין פֿראַנקרײַך.

אויפֿן צווייטן קאָנגרעס פֿון אַלסאָוועטישן שרײַבער־פֿאַרבאַנד, וואָס איז ערשט אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין מאָסקווע, האָבן 720 דעלעגאַטן פֿאַר־טראָטן די גאַנצע סאָוועטישע ליטעראַטור, ס׳הייסט די פֿינף־און־פֿערציק שוועסטער־ליטעראַטורן פֿון די פֿעלקער פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד. 71 פֿון די דאָזיקע דעלעגאַטן האָבן אָנגעגעבן, אַז זיי זײַנען פֿון ייִדישער נאַציאָנאַליטעט. קיין איינער פֿון זיי האָט אָבער ניט פֿאַרטראָטן די ייִדישע ליטעראַטור. קיין איינער האָט אויך ניט פֿאַרטראָטן ביראָבידזשאַן, וואָס ווערט נאָך אַלץ אָנגערופֿן ייִדישע אויטאָ־נאָמע געגנט און ווו ייִדיש איז, צוגלײַך מיט רוסיש, די אָפֿיציעלע מלוכה־שפּראַך.

די ייִדישע ליטעראַטור איז אָבער (ריכטיקער — איז געווען) איינע פֿון די וויכטיקסטע און רײַכסטע פֿון אַלע ניט־רוסישע ליטעראַטורן פֿון די סאָוועטישע פֿעלקער. אויפֿן ערשטן קאָנגרעס פֿונעם אַלסאָוועטישן שרײַבער־פֿאַרבאַנד, אין

1934, האָט זי פֿאַרנומען אַן ערן־פּלאַץ, תּיכּף נאָך דער רוסישער, דאַכט זיך, און פֿאַר דער אוקראַיִנישער ליטעראַטור.

די עלטסטע באַקאַנטע טעקסטן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור שטאַמען נאָך פֿון פֿערצנטן יאָרהונדערט. זי האָט אָבער זיך פֿונאַנדערגעבליט מיט גאָר אַ באַזונדערן גלאַנץ במשך פֿון לעצטן יאָרהונדערט, אין פּראָצעס פֿון פֿאַרוועלטלעכונג פֿון דער ייִדישער געזעלשאַפֿט און פֿונעם אויפֿקום פֿון ייִדישן אַרבעטער־קלאַס. זי פֿאַרמאָגט ערשטראַנגיק טאַלאַנטירטע שריפֿטשטעלער און געווויסע פֿון זיי האָבן זיך דערוואָרבן אַ וועלט־נאָמען.

לעניִן האָט הויך געשאַצט די ייִדישע ליטעראַטור. גאָרקי איז געשטאַנען אין פֿרײַנדלעכע באַציִונגען מיט פֿיל ייִדישע שרײַבער. וועגן איינעם פֿון די גרעסטע — שלום־עליכם — האָט גאָרקי פֿיל מאָל איבערגעחזרט: „אַ ליטעראַטור, וואָס פֿאַרמאָגט אַ שרײַבער פֿון אַזאַ פֿאַרנעם, פֿאַרדינט מיט דעם אַליין אַן ערן־פּלאַץ אין דער וועלט־ליטעראַטור".

ערבֿ דער מלחמה האָבן צום אַלסאָוועטישן שרײַבער־פֿאַרבאַנד אַנגעהערט בערך הונדערט־צוואַנציק ייִדישע שרײַבער — פּראָזאַיִקער, דיכטער, דראַמאַטורגן. אַ גרויסער מלוכה־פֿאַר־

לאַג אין מאָסקווע, „דער עמעס״, און מלוכה־פֿאַר־לאַגן אין מינסק (װײַסרוסלאַנד) און אין קיעוו־כאַרקאָוו (אוקראַינע) האָבן רעגולער אַרויס־געגעבן יערלעך הונדערטער ביכער און זשורנאַלן — ליטעראַרישע און וויסנשאַפֿטלעכע — אויף ייִדיש. אַ גרויסע צאָל ייִדישע טעאַטערס — בראש מיטן מאָסקווער ייִדישן מלוכהשן טעאַטער, וואָס האָט זיך גערעכנט פֿאַר איינעם פֿון די בעסטע אין דער הויפּטשטאָט — האָבן אויפֿגעפֿירט די ווערק פֿון דער ייִדישער און אַלוועלטלעכער דראַמאַ־טורגיע, קלאַסישער און מאָדערנער.

גלײַך פֿון די ערשטע טעג פֿון דער מלחמה, זײַנען בײַ זעכציק ייִדישע שרײַבער, ס׳הייסט אַ העלפֿט פֿון אַלע ייִדישע שרײַבער אין ראַטנפֿאַר־באַנד, אַוועק פֿרײַוויליק אויפֿן פֿראָנט.

אין זײַן באַריכט אויפֿן צווייטן קאָנגרעס פֿונעם אַלסאָוועטישן שרײַבער־פֿאַרבאַנד, האָט דער דיכ־טער סורקאָוו אונטערגעשטראָכן, אַז העכער טויזנט סאָוועטישע שרײַבער, ס׳הייסט מער ווי אַ דריטל פֿון אַלע מיטגלידער פֿונעם פֿאַרבאַנד, האָבן געקעמפֿט אויף די שלאַכטפֿעלדער. נאָכן דער־מאָנען די נעמען פֿון זיבעצן געפֿאַלענע שרײַבער, האָט סורקאָוו צוגעגעבן: „און העכער צוויי הונ־דערט אַנדערע חבֿרים אונדזערע, שרײַבער פֿון

אַלע שוועסטער ליטעראַטורן, זײַנען געפֿאַלן אין דער גרויסער פֿאָטערלאַנד־מלחמה״.

צווישן אָט די שרײַבער, וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייער לעבן פֿאַרן היימלאַנד, האָבן זיך געפֿונען קרובֿ דרײַסיק ייִדישע שרײַבער. די פֿאַרלוסטן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור האָבן אַזוי אַרום זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר דרײַ ביז פֿיר מאָל גרעסער, ווי די פֿאַרלוסטן פֿון אַלע אַנדערע סאָוועטישע ליטעראַטורן. אין דער צײַט וואָס דער שרײַבער־פֿאַרבאַנד, ווי אַ גאַנצער, האָט פֿאַרלוירן זיבן פּראָצענט פֿון זײַנע מיטגלידער, איז די ייִדישע ליטעראַטור ממש אָפּגעגאַנגען מיט בלוט פֿאַרלירנדיק קרובֿ פֿינף־און־צוואַנציק פּראָצענט פֿון אירע שרײַבער.

עס איז אַגבֿ נייטיק אָפּצומערקן, אַז במשך פֿון אַלע מלחמה־יאָרן, האָבן די ייִדישע שרײַבער, הן אויף די פֿראָנטן, הן אין הינטערלאַנד, ניט אויפֿגעהערט צו שאַפֿן. אין די דאָזיקע טראַגישע טעג זײַנען געבוירן געוואָרן ווערק אָפֿט ערשט־ראַנגיקע, וואָס האָבן מיטגעהאָלפֿן צו מאָביליזירן און עקזאַלטירן דעם קאַמף־גײַסט פֿון די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן, ניט בלויז אין ראַטנפֿאַרבאַנד, נאָר אויך אין גאַר דער וועלט.

אויפֿן פּלענום פֿון אַלסאָוועטישן שרײַבער־

פֿאַרבאַנד, אין זומער 1945, האָט דער ייִדישער דיכטער און דראַמאַטורג א. קושניראָוו — גוואַרדיע־קאַפּיטאַן, וואָס איז דרײַ מאָל אויסגע־צייכנט געוואָרן אויפֿן שלאַכטפֿעלד — דער־קלערט: „26 פֿון אונדזערע חבֿרים, ייִדישע שרײַ־בער, זײַנען מיט אונדז נישטאָ אינעם טאָג פֿון נצחון. אָט די שרעקלעכע פֿאַרלוסטן האָבן אָבער ניט אָפּגעשוואַכט אונדזער ליטעראַטור... ניט גע־קוקט אויף די מוראדיקע לײַדן פֿון אונדזער פֿאָלק און אויף אַלע גרויזאַמע שחיטות פֿון וועלכע ער איז געפֿאַלן אַ קרבן, איז די ייִדישע ליטעראַטור גע־בליבן לעבן, פֿול מיט קראַפֿט, מיט מוט און אויס־דויער".

אין דעצעמבער 1946 איז געשטאָרבן אין מאָסקווע דער ייִדישער דיכטער עזרא פֿינינבערג. דעם נעקראָלאָג האָבן געחתמעט 92 ייִדישע שרײַ־בער און קינסטלער, צווישן זיי עמנואל קאַזאַ־קעוויטש, דער יונגער דיכטער און פּראָזאַיִקער, וואָס האָט ערשט געהאַט פֿאַרעפֿנטלעכט, אין ייִדיש, זײַן דערציילונג „גרינע שאָטנס". פֿאַר דער דאָזיקער דערציילונג, אין דער רוסישער איבער־זעצונג פֿון מחבר גופֿא און אונטערן טיטל „דער שטערן", איז קאַזאַקעוויטשן צוגעטיילט געוואָרן דער סטאַלין־פּרײַז.

די ייִדישע שרײַבער פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד געהערן צו דרײַ דורות. די עלטסטע, שוין איבער די זעכציקער, האָבן אָנגעהויבן זייער שאַפֿן נאָך פֿאַר דער רעוואָלוציע. דער צווייטער דור, צו וועלכן עס געהערט אויך קאַזאַקעוויטש, און איז אַלט אַרום פֿערציק יאָר, האָט אַלץ דער רעוואָלוציע צו פֿאַרדאַנקען. און לסוף, אַ באַטײַטיקע גרופּע יונגע, נאָך אונטער דרײַסיק יאָר, האָט פֿאַרגעשטעלט מיט זיך דעם ליטעראַרישן נאָכוווּקס.

אין יאַנואַר 1949 איז אין פּראָגרעסיוון ייִדישן פֿאַרלאַג „איקוף" אין ניו־יאָרק דערשינען אַן אַלמאַנאַך געווידמעט דער ייִדישער ליטעראַטור אין ראַטנפֿאַרבאַנד, אונטערן טיטל: „אויף נײַע וועגן — דרײַסיק יאָר סאָוועטיש־ייִדיש שאַפֿן". דער אַלמאַנאַך הייבט זיך אָן מיט אַן אַרײַנפֿיר פֿון דער ייִדיש־סאָוועטישער פּראָזאַיִקערין און עסייִסטין רבֿקה רובין, וואָס שרײַבט: „די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור האָט איר אייגענעם פּנים. ס'איז אַ נײַע ליטעראַטור, אַן אידעענפֿולע, אַ ציל־געווענדטע, אַ דערציִערישע. זי האָט געשאַפֿן אַ נײַע געשטאַלטן־גאַלעריע און אויסגעאַרבעט אירע אייגענע אויסדרוק־מיטלען. זי האָט באַרײַכערט די ייִדישע שפּראַך סײַ לעקסיש, סײַ פֿאָנעטיש. זי האָט שטאַרק פֿאַרברייטערט די קינסטלערישע מעגלעכקײַטן

פֿונעם וואָרט־באַנוץ ... צום דרײַסיקסטן יאָרטאָג פֿון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, צום גרויסן יום־טובֿ פֿונעם סאָוועטן־לאַנד און פֿון אַלע פֿרײַהײַט־ליבנדיקע פֿעלקער אין דער וועלט, איז די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראַטור געקומען מיט גרויסע דערגרייכונגען. קיין שום שטרויכלונגען אויף איר וועג וועלן ניט אָפּשטעלן איר וווּקס. זי וועט ווײַטער בליִען און וואַקסן, פּונקט ווי ס׳וועט בליִען און וואַקסן אונדזער פֿאָלק, דאָס פֿיל־געפּרוּווטע אין לײַדן און אין קאַמף״.

דער דאָזיקער אַרײַנפֿיר איז דאַטירט: „מאָסקווע, 1948״. און אַט, קורץ דערנאָך, מיט קוים עטלעכע חדשים שפּעטער, ווי די ייִדישע ליטעראַטור אין ראַטנפֿאַרבאַנד האָט אַזוי רירנדיק פּראָקלאַמירט איר גלויבן אין דער צוקונפֿט, האָט זי פּלוצלונג אויפֿגעהערט צו עקסיסטירן, לכל הדעות, צו דערשײַנען אין דער עפֿנטלעכקײַט. צײַטונגען, זשורנאַלן, פֿאַרלאַגן, טעאַטערס זײַנען פּלוצלונג געוואָרן פֿאַרמאַכט. קיין שום ייִדיש בוך איז ניט דערשינען אין ראַטנפֿאַרבאַנד, זינט 1949. קיין שום ייִדישער שרײַבער איז מער ניט געקומען צום וואָרט, מיטן אויסנאַם פֿון קאַזאַקעוויטשן, וואָס איז געוואָרן אַ רוסישער שרײַבער. יעטוועדער קאָנטאַקט צווישן די ייִדיש־סאָוועטישע שרײַבער

מיט זייערע אויסלענדישע קאָלעגן איז געוואָרן איבערגעריסן, פֿון הײַנט אויף מאָרגן. אויף בריוו פֿון אויסלאַנד קומט ניט קיין שום תּשובֿה. פֿון צײַט צו צײַט ווערן די בריוו אומגעקערט, מיט דער צו־שריפֿט: דער אַדרעסאַט איז אומבאַקאַנט.

אין דעם דאָזיקן פֿײַנלעכן ענין האָט זיך תּיכּף אָנגעכאַפּט די ייִדישע רעאַקציע און אים פֿאַר־וואַנדלט אין אַ ערשטראַנגיק אַנטיסאָוועטיש גע־ווער. בעת דעם וווּנדערלעכסטן בלי־פּעריאָד פֿון דער ייִדישער קולטור אין ראַטנפֿאַרבאַנד, האָבן די ייִדיש־סאָוועטישע שרײַבער פֿאַרדינט, מצד דער ייִדישער בורזשואַזער קריטיק, בלויז גרינגשאַצונג און זידלערײַ. פֿונעם יאָר 1949 אָבער, האָט בײַ די זעלבע קריטיקער זיך דערוועקט אַ גרענעצלאָזע ליבשאַפֿט און פֿאַרערונג פֿאַר דער ייִדיש־סאָווע־טישער ליטעראַטור און קונסט. הונדערטער אַר־טיקלען און בראָשורן זײַנען זיי געוואָרן געווידמעט. אַ ריי ביכער זײַנען דערשינען — „לזיכּרון די ייִדישע שרײַבער, וואָס זײַנען אומגעבראַכט גע־וואָרן דורך דער סאָוועטישער רעגירונג״. אָנ־דענק־אָוונטן ווערן אָרגאַניזירט אין פֿיל לענדער און, צווישן אַנדערע, אויך אין פֿראַנקרײַך, אין פּאַריז.

אַן עפֿעקטפֿול און ווירקזאַם אַנטיסאָוועטיש

שלאַגוואָרט איז פֿאַרשפּרייט געוואָרן דורך דער ייִדישער רעאַקציע, אין הסכּם מיט דער אַמעריקאַנער פּראָפּאַגאַנדע: „היטלער האָט אויסגעמאָרדעט אַ דריטל פֿון אונדזער פֿאָלק, דער ראַטנפֿאַרבאַנד האָט אומגעבראַכט די ייִדישע קולטור״. עס גייט ניט אַריבער קיין איין עפֿנטלעכער וויכּוח, אויף וועלכער ניט איז טעמע — וועגן פּאָליטיק, ליטעראַטור, קונסט וכדומה — אַז אונדזערע קעגנער זאָלן אונדז ניט שטעלן די זעלבע קשיא, וואָס איז געוואָרן ממש אַ טראַדיציאָנעלע: ווו זײַנען אַהינגעקומען די ייִדישע שרײַבער פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד? צו אונדזער גרויסן באַדויער, זײַנען מיר ניט בכּח די קשיא צו פֿאַרענטפֿערן.

אין דער צײַט, וואָס די ייִדישע רעאַקציע האָט אַזוי אַרום געפֿונען אַ גלענצדיק געווער פֿאַר איר אַנטיסאָוועטישן קרײַצצוג, זײַנען די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן דאַקעגן אַלץ מער און מער באַאומרויִקט און באַזאָרגט. דער ייִדישער פֿאָלקסמענטש איז צוגעבונדן צו ייִדיש מיט דער ספּעציפֿישער לײַדנשאַפֿט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר יעדן אונטערדריקטן פֿאָלק בנוגע זײַן שפּראַך און קולטור. אַ לײַדנשאַפֿט אַ מער אייפֿעריקע נאָך, מחמת די ייִדישע שפּראַך און די ייִדישע ליטעראַטור זײַנען, במשך פֿון דורות, געווען אַ קרבן,

גלײַכצײַטיק, פֿון אַ טאָפּלטער אונטערדריקונג, הן פֿון דרויסן, הן פֿון אינעווייניק.

פֿון דרויסן האָט געדריקט, פֿאַר דער ער־שטער וועלט־מלחמה, די הערשאַפֿט פֿון צאַריזם און צווישן ביידע וועלט־מלחמות — די פּאָליציי פֿון די האַלב־ אָדער גאַנץ פֿאַשיסטישע מלוכות, אַזעלכע ווי פּוילן, רומעניע אָדער לעטלאַנד. פֿון אינעווייניק האָבן געררודפֿט די קלעריקאַלן מכּל המינים, אין נאָמען פֿון פֿאַרגליווערטן רעליגיעזן שטייגער: די ייִדישע גרויס־בורזשואַזיע, אין נאָ־מען פֿון דער לאַנד־קולטור און דער ציוניזם, אין נאָמען פֿון העברעיִש. אַגבֿ, ביז הײַנט צו טאָג נאָך, ווערט ייִדיש דיסקרימינירט אין ישׂראל.

נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט די ייִדישע קולטור, אַ באַפֿרײַטע פֿון אַלע צוימען און באַגרענעצונגען, זיך פֿונאַנדערגעבליט אין ראַטנ־פֿאַרבאַנד אויף אַן אומגעזעענעם אופֿן. אָט דער אויפֿבלי, אַן אויסדרוק פֿון דער לענינישער נאַציאָ־נאַלער פּאָליטיק, איז באַגריסט געוואָרן מיט פֿרייד דורך די ייִדישע פֿאָלקס־מאַסן פֿון אויסלאַנד. דאָס ייִדישע בוך פֿון מאָסקווע, קיעוו און מינסק איז גע־וואָרן אַן אינסטרומענט פֿון סאָוועטן־פֿרײַנדשאַפֿט צווישן דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין גאָר דער וועלט. דער ייִדישער שרײַבער פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד

איז דערשינען ווי אַ וואָרטזאָגער און אַמבאַסאַדאָר
פֿון זײַן לאַנד. בעת די סאָוועט־רעגירונג האָט, אין
1943, געשיקט אין די פֿאַראייניקטע־שטאַטן אַ
דעלעגאַציע פֿון די ייִדן אין ראַטנפֿאַרבאַנד, איז די
דעלעגאַציע באַשטאַנען פֿון אַ דיכטער און אַ שױ־
שפּילער.

איז דערױבער נאָך גרעסער די דערשיטערונג
און דער ווייטיק פֿון ברייטע ייִדישע פֿאָלקס־מאַסן,
וואָס זײַנען עדות, ווי עס איז פּלוצלונג פֿאַר־
שווונדן דאָס אַלץ, וואָס זיי האָבן געהאַט אַרומגע־
רינגלט מיט אַזוי פֿיל ליבשאַפֿט און פֿאַרערונג. זיי
האָבן צוטרוי צום ראַטנפֿאַרבאַנד, וואָס האָט, אַ
דאַנק דער העלדישקײַט און די קרבנות פֿון די
סאָוועטישע פֿעלקער, זיי געראַטעוועט פֿון פֿול־
שטענדיקן אומקום. זיי קאָנען אָבער ניט באַפֿרײַען
זיך פֿון אַ שטײַגנדיקן אומרו, וואָס באַהערשט זיי
אַלץ מער און מער.

נאָך דעם ווי עס איז דעמאַסקירט געוואָרן
דער בילבול אויף די דאָקטוירים, „מערדער אין
ווײַסע כאַלאַטן”, און עס איז אָפֿיציעל געוואָרן
רעהאַביליטירט דער נאָמען פֿונעם אומגע־
קומענעם דירעקטאָר פֿון מאָסקווער ייִדישן מלוכה־
טעאַטער, שלמה מיכאָעלס (ווען דער לעצט
דערשינענער באַנד פֿון דער גרויסער סאָוועט־

טישער ענציקלאָפּעדיע ווידמעט אַ גאַנצן אַר־טיקל), האָט מען געקאָנט דערוואַרטן, אַז באַלד וועט אויך ווערן רעהאַביליטירט די גאַנצע ייִדישע קולטור — די ליטעראַטור, דער טעאַטער און אַלע אַנדערע געביטן. צום גרויסן באַדויערן, האָט זיך די דערוואַרטונג נישט באַרעכטיקט. און דער צווייטער קאָנגרעס פֿונעם אַלסאָוועטישן שרײַבער־פֿאַרבאַנד, אויף וועלכן די פּראָגרעסיווע ייִדישע שרײַבער פֿון אויסלאַנד האָבן געלייגט אַזוי פֿיל האָפֿענונג, האָט מיט זײַן שטילשווײַגן באַשטעטיקט, אַז עפּעס טראַגישס איז געשען.

חבֿרים און קאָלעגן, ייִדישע שרײַבער קומען צו מיר זיך אַן עצה האַלטן, טיילן זיך מיט זייער אומרו, מיט זייער אַנגסט. מיר וואָלטן געוואָלט עפּעס־וואָס טאָן, עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל ציען די אויפֿמערקזאַמקײַט פֿון די געהעריקע סאָוועטישע אינסטאַנצן אויף אָט דעם טרויעריקן מצבֿ, העלפֿן אויפֿקלערן אַ טראַגישע מיספֿאַרשטייעניש, וואָס ברענגט אַזוי פֿיל שאָדן. פֿאַרשיידענע פּראָיעקטן זײַנען אָנגעמערקט געוואָרן: אַן אינטערווענץ בײַ דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע אין פּאַריז, אַ ווענדונג צום אַלסאָוועטישן שרײַבער־פֿאַרבאַנד.

איך האַלט פֿאַר נייטיק צו אונטערשטרײַכן, אַז אָט די אַלע שרײַבער זײַנען אָדער פּאַרטיי־חבֿרים,

אָדער סימפּאַטיקער, וואָס האָבן באַוויזן זייער מוט, זייער אומדערשראָקנקײַט און אויסדויער במשך פֿון לאַנגע יאָרן און אויך אין די צײַטן פֿון דער בלוטיקער היטלער־אָקופּאַציע. קיין שום אַנטיסאָוועטישע בילבובלים־קאַמפּאַניע האָט אויף זיי ניט געהאַט קיין שליטה. זיי זײַנען תּמיד אַרויסגעטראָטן שאַרף קעגן שׂונא, ניט געקוקט דערויף, וואָס דאָס איז עלול געווען צו באַדראָען זייער ליטעראַרישע קאַריערע. קיין איינער פֿון זיי וואָלט אין קיין שום פֿאַל ניט אײַנגעגאַנגען אויף עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן אויסגענוצט ווערן, בכדי צו ברענגען שאָדן דעם ראַטנפֿאַרבאַנד. פֿאַר יעדן איינעם שטעלט זיך אָבער אַ געוויסן־פֿראַגע: צי קאָן ניט אַמאָל די אינטערווענץ פֿון פּראָגרעסיווע שרײַבער האָבן אַ וועלכע ניט איז פּעולה?

מײַנע אַלע אַרגומענטן וועגן פֿאָרזיכטיקײַט איבערצײַגן ניט מער און אַגבֿ בין איך זיך מודה, אַז איך אַליין הייב אויך אָן ספֿקן און ווייס ניט מער, וואָס צו טאָן.

איז מיר פֿאַרבליבן בלויז איינס: ווענדן זיך צו אײַך, טײַערע חבֿרים, און בעטן, איר זאָלט מיר העלפֿן מיט אײַער עצה״.

* * *

קוים עטלעכע טעג שפּעטער, דעם 12טן פֿעב־רואַר 1955, האָב איך געקריגן אַ קבלה, אַזוי גע־שריבן:

„טײַערער חבֿר,

מיר באַשטעטיקן די קבלה פֿונעם בריוו, וואָס דו האָסט אַרײַנגעטראָגן אין צענטראַל־קאָמיטעט דעם 7טן פֿעברואַר. דו וועסט באַקומען אַ תּשובֿה נאָך דעם, ווי עס וועלן צונויפֿגעזאַמלט ווערן די נייטיקע אינפֿאָרמאַציעס וועגן די פֿראַגעס וואָס באַאומרויִקן דיך”.

די צוגעזאָגטע תּשובֿה איז אָבער אַלץ פֿאַר־בליבן — אַ צוזאָג. איך האָב אָנגעהייבן גיין זיך נאָכפֿרעגן. איין מאָל, אַ צווייטן, אַ דריטן. מען האָט מיך אויפֿגענומען פֿרײַנדלעך, חבֿריש און יעדעס מאָל פֿאַרזיכערט: אָט וועלן מיר באַקומען דעם ניי־טיקן מאַטעריאַל, אַלץ וועט ווערן אויפֿגעקלערט. דאָס האָט, ווידער אַ מאָל, באַטײַט — וואַרטן, וואַרטן מיט געדולד, וואַרטן מיט צוטרוי, מיט קאָמוניסטישן אויסדויער.

אַזוי איז אַריבער אַ גאַנץ יאָר און פּלוצלונג איז אויסגעבראָכן אַן ערד־ציטערניש אין דער קאָמו־ניסטישער וועלט: דער צוואַנציקסטער קאָנגרעס פֿון דער אַלסאָוועטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און דער כרושטשאָוו־באַריכט.

במשך פֿון אַ לאַנגער צײַט, האָט די פֿראַנצייזישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי קאַטעגאָריש אָפּגעלייקנט די אויטענטישקײַט פֿונעם כרושטשאָוו־באַריכט. די דערשיטערונג איז געווען אַ צו טיפֿע. די פּאַרטיי־אָנפֿירונג האָט זיך דערשראָקן פֿאַרן אָפֿענעם תּהום. האָט מען געפּרוּווט די ווירקלעכקײַט פֿאַרהוילן, נעגירן די רעאַליטעט. אין דער אָפֿיציעלער פּאַרטיי־פּרעסע, אויף פֿאַרזאַמלונגען און זיצונגען האָט מען דעם באַריכט אָנגערופֿן ניט אַנדערש ווי „דער כּלומרשטער כרושטשאָוו־באַריכט”, אָדער „דער באַריכט וואָס ווערט צוגעשריבן כרושטשאָוון”. ס׳האָט געדאַרפֿט הייסן: די גאַנצע מעשׂה איז ניט מער ווי אַן אויסטראַכטעניש, אַ פּראָוואָקאַציע פֿון שׂונא.

ווייניקער ווי ווען עס איז, האָט די דאָזיקע טאַקטיק געקאָנט איבערצײַגן די ייִדישע קאָמוניסטן. הגם כרושטשאָוו האָט אין זײַן באַריכט מיט קיין איין וואָרט ניט דערמאָנט דעם טרויעריקן ייִדן־קאַפּיטל, האָבן אָנגעהייבן אָנקומען באַגלויבטע ידיעות, צוערשט דורך פּוילן און באַלד פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד גופֿא. ס׳האָבן זיך באַוויזן די ערשטע מיטטיילונגען וועגן דער אָפֿיציעלער „רעהאַביליטאַציע” פֿון די דערמאָרדעטע ייִדישע שרײַבער און וועגן די פּראָיעקטן צו פֿאַרעפֿנט־

לעבן, ווי אַ מין „פֿאַרגיטיקונג", זייערע אויסדער־ווײלטע ווערק... אויף רוסיש.

דער קלאַפּ איז געווען אַ מוראדיקער. ווי איז מעגלעך אַזאַ גרויזאַמער פֿאַרברעכן אינעם היים־לאַנד־של־מעלה, דעם לאַנד פֿון גערעכטיקייט? און ווי איז מעגלעך געווען, מען זאָל דעם פֿאַרברעכן יאָרן־לאַנג אויסבאַהאַלטן און אונדז בלוטיק אָפּ־נאַרן און אויסחוזקן, אינעם לאַנד פֿון יושר און צדק?

ווי בעת אַן אמתער ערד־ציטערניש, האָט זיך אַ וואַקל געטאָן דער באָדן אונטער די פֿיס. און די ערשטע, ממש אינסטינקטיווע, רעאַקציע איז גע־ווען — אָנכאַפּן זיך, מיט ציין און נעגל, על קרני המזבח, בכדי אָפּצוראַטעווען דעם גלויבן פֿון אַ גאַנץ לעבן. מ'האָט זיך געזאָגט: ס'האָט געטראָפֿן אַ היסטאָרישער צופֿאַל, אַן אומגליק — דער „פּער־זאָנען־קולט". דער בייזער גײַסט, די טײַוול־גע־שטאַלט, דער אויספֿירער פֿון אַלע „קולט"־פּור־עניותן איז געבליבן פֿאַרקערפּערט אין אַ מין שׂעיר־לעזאָזל — זײַן נאָמען איז געווען לאַוורענטי בעריאַ. און ווידער און אָבער אַ מאָל האָט מען זיך געטרייסט מיט דער אַלטער מעשׂה וועגן באַרימטן פֿלעק אויף דער אומשולדיק פֿאַרטונקלטער זון.

אָבער „וואַרטן מיט געדולד" איז געוואָרן אומ־

מעגלעך. עס האָט זיך איצט געהאַנדלט שוין נישט וועגן גורל פֿון יחידים, וואָס זײַנען אומגעבראַכט געוואָרן מערדערלעך, נאָר וועגן גורל פֿון אַ גאַנ־צער קולטור און במילא וועגן גורל פֿון אַ פֿאָלק, פֿונעם ייִדישן פֿאָלק אין ראַטנפֿאַרבאַנד. מען האָט געמוזט תּיכּף עפּעס טאָן, אינטערווענירן און דאָס, אויפֿן איינציקן באמת ווירקזאַמען וועג, דאָס הייסט — דורך דער פּאַרטיי.

סוף מערץ 1957 האָט איך אַרײַנגעטראָגן אין צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פֿראַנצייזישער קאָמו־ניסטישער פּאַרטיי אַ צווייטן מעמאָראַנדום, אַדרע־סירט פּערזענלעך צו מאָריס טאָרעזן, וואָס האָט, נאָך זײַן לאַנגער, שווערער קראַנקײַט און זײַן היי־לונג־אויפֿהאַלט אין ראַטנפֿאַרבאַנד, זיך געהאַט צוריקגעקערט קיין פּאַריז און האָט אויף ס׳נײַ איבערגענומען, אויף זײַן פּאָסטן פֿון גענעראַל־סעקרעטאַר, די אָנפֿירונג מיט דער פּאַרטיי.

אָט איז דער צווייטער מעמאָראַנדום, דאַטירט דעם 20טן מערץ 1957:

„טײַערער חבֿר טאָרעז,

מיט צוויי יאָר צוריק, דעם 5טן פֿעברואַר 1955, האָב איך זיך געווענדט צו דעם גענעראַל־סעקרעטאַריאַט פֿון אונדזער פּאַרטיי מיט אַ בריוו, וואָס איך דערלויב זיך איבערחזרן ווערטערלעך,

מחמת איך האָב אויף אים קיין מאָל ניט באַקומען קיין שום תשובֿה".

נאָכן איבערחזרן דעם טעקסט פֿון ערשטן מעמאָראַנדום, האָב איך ממשיך געווען אַזוי:

„די דאַזיקע ווענדונג איז געווען בפֿירוש אַ נויט־רוף. צום באַדויערן, איז דער רוף נישט דער־הערט געוואָרן.

דעם 12טן פֿעברואַר 1955 האָט דער חבֿר ג. פֿליסאַניע, באַשטעטיקנדיק די קבלה פֿונעם בריוו, מיר צוגעזאָגט אַ תשובֿה, „נאָכדעם ווי עס וועלן צונויפֿגעזאַמלט ווערן די נייטיקע אינפֿאָר־מאַציעס". קיין שום תשובֿה איז מיר אָבער קיין מאָל ניט געגעבן געוואָרן, ניט שריפֿטלעך, ניט מינד־לעך, ניט געקוקט אויף מײַנע פֿילמאָליקע אָנ־פֿראַגעס.

איך האַלט דאָס דאָזיקע שווײַגן פֿאַר אומ־באַרעכטיקט. אַפֿילו אויב „די נייטיקע אינפֿאָר־מאַציעס" האָבן ניט געקאָנט ווערן צונויפֿ־געזאַמלט, איז געווען דער חובֿ פֿון סעקרע־טאַריאַט מיך אַרויסצורופֿן בכדי צו געבן מיר, אויף ווי ווײַט מעגלעך, אָט די ברידערלעכע הילף, וואָס איך האָב אַזוי דרינגענדיק — אָבער אומזיסט — געהאָט געבעטן.

אין צווישנצײַט האָט דער שלייער פֿון סוד,

וואָס האָט געהאַט אײַנגעהילט דעם ענין פֿון די ייִדישע שרײַבער אין ראַטנפֿאַרבאַנד, פֿאַמעלעך זיך אויפֿגעהויבן. באַזונדערס נאָכן 20טן קאָנגרעס, האָבן אָנגעהויבן דערגיין ידיעות, וועלכע האָבן לכתּחילה אויסגעזען אַבסאָלוט אומגלייבלעכע, אַזוי שרעקלעך זײַנען זיי געווען. ס׳האָט אויסגעוויזן, ניט אַנדערש, אַז די ידיעות שטאַמען — אָדער פֿון ספּעציאַליזירטע אַנטיסאָוועטישע בילבולים־פּראָדוצענטן, אָדער פּשוט פֿון וויסטע מטורפֿים.

באַלד אָבער זײַנען אָנגעקומען בריוו, ס׳זײַנען דערשינען אַרטיקלען אין דער קאָמוניסטישער פּרעסע פֿון פֿאַרשיידענע לענדער, ס׳האָבן זיך באַוויזן גבֿית־עדות. די רעאַליטעט איז דערשינען אין איר גאַנצן שוידער: די ייִדישע ליטעראַטור און קונסט אין ראַטנפֿאַרבאַנד האָבן איבערגעלעבט אַן אומבאַשרײַבלעך גרויליקע, בלוטיקע טראַגעדיע.

די גרעסטע ייִדישע שרײַבער און קינסטלער, אַרומגערינגלט מיט ליבשאַפֿט, באַוווּנדערונג און פֿאַרערונג, הן אין ראַטנפֿאַרבאַנד, הן דורך די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן אין גאָר דער וועלט, זײַנען געוואָרן פֿאַרפּײַניקט און דערמאָרדעט, נאָך אַ פּאַראָדיע פֿון אַ פּראָצעס. אַ צאָל אַנדערע האָבן אויסגעהויכט די נשמה אין די תּפֿיסות. כּמעט אַלע איבעריקע, ס׳רובֿ צעבראָכענע פֿיזיש און גײַסטיק,

זײַנען איצט געוואָרן „רעהאַביליטירט״, נאָך לאַנגע יאָרן שטראָפֿלאַגער.

די דאָזיקע שחיטה האָט אונדז דערשיטערט ביז די טיפֿסטע טיפֿענישן פֿון האַרץ און נשמה. וואָס גרעסער עס איז געהאַט געוועזן די אמונה אין ראַטנפֿאַרבאַנד, די צוגעבונדנקייט צום לאַנד פֿון סאָציאַליזם, אַלץ טיפֿער, אַלץ מער אומדער־טרעגלעך איז געוועזן די דערשיטערונג און דער ווייטיק.

אַוודאי איז נייטיק צו באַטראַכטן אָט די טראַ־געדיע אין איר היסטאָרישן קאָנטעקסט. זי איז אַ קאַפּיטל — איינער פֿון די צאָלרײַכע, צום באַ־דויערן — פֿון די בלוטיקע פֿאַרברעכנס פֿון דער תּקופֿה, וואָס איז געשטאַנען אונטערן צייכן פֿון פּערזאָנען־קולט און פֿון די בעריא־מעטאָדן. אָבער אַפֿילו אין דעם דאָזיקן קאָנטעקסט, טיילט זיך אויס די ייִדישע טראַגעדיע מיט איר טיפֿקייט און פֿאַר־נעם. מען געפֿינט בעריא־קרבנות צווישן דער אינטעליגענץ פֿון פֿיל אַנדערע סאָוועטישע פֿעל־קער. די רוסישע ליטעראַטור און מער נאָך די אוק־ראַינישע, די גרוזינישע און אַרמענישע האָבן גע־ליטן שווערע פֿאַרלוסטן. צום ערשטן מאָל אָבער האָט די בלוטיקע האַק זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ גאַנצער ליטעראַטור, אָן קיין שום אויסנאַם, אויף אַ

נאַציאָנאַלער קולטור, ווי אַזעלכער, אויף אַ שפּראַך, ווי אַ שפּראַך. עס איז אכזריותדיק צו באַשטראָפֿן אַ גאַנץ פֿאָלק פֿאַר די זינד אָדער פֿאַרברעכנס, וואָס עס זײַנען באַגאַנגען עטלעכע זין זײַנע. ס׳איז אָבער ממש אַ קאָשמאַר. צוצוזען, אין אַ סאָציאַליסטיש לאַנד, ווי עס ווערט פֿאַרפֿאָלגט אַ שפּראַך, אַן אַלף־בית, די ספּעציפֿישע טאָנאַליטעט פֿון אַ געוויסער קולטור־פֿאָרם.

אַן אומענדלעכע פֿאַרלוירנקייט האָט באַהערשט די ייִדישע פּראָגרעסיווע שרײַבער אין פֿראַנקרײַך און אין גאָר דער וועלט. די ייִדישע רעאַקציע האָט טריומפֿירט אויף קולי־קולות און פֿאַרגאָסן קראָקאָדיל־טרערן אויף די אומבאַקאַנטע קבֿרים פֿון די קדושים. די פּראָגרעסיווע שרײַבער, צעבראָכענע פֿון אומגליק, האָבן געטרויערט אין שטילשווײַגן און שלאָפֿלאָזע נעכט.

איין געדאַנק האָט אָפּגעראַטעוועט פֿון ענדגילטיקן יאוש: אַ געזעלשאַפֿט, וואָס פֿאַרמאָגט גענוג מאָראַלישן כּח בכדי אויסצוגעפֿינען און עפֿנטלעך אַנטפּלעקן די אייגענע פֿאַרקריפּלונגען, איז מסוגל צו באַקעמפֿן און באַזיגן דאָס בייז אין זיך גופֿא. נאָך דעם ווי די סאָוועטישע געזעלשאַפֿט האָט אויפֿגעדעקט און פֿאַרמשפּט די אומרעכטן און פֿאַרברעכנס, וואָס זײַנען געוואָרן באַ־

גאַנגען, איז אומגלייבלעך, זי זאָל ניט פֿאַרריכטן, פֿאַרגיטיקן די עוולות, אין דער מאָס — אַן אומ־באַטײַטיקער, צום באַדויערן — וואָס קאָן נאָר זײַן מעגלעך.

די ערשטע סימנים פֿון אַזאַ מין „פֿאַר־גיטיקונג" האָבן זיך טאַקע באַוויזן. אַ צאָל אומ־געבראַכטע ייִדישע שרײַבער זײַנען געוואָרן אָפֿי־ציעל „רעהאַביליטירט". ספּעציעל געשאַפֿענע קאָ־מיסיעס האָבן באַקומען אַן אויפֿטראַג צוצוגרייטן צום דרוק זייערע נאָך ניט דערשינענע ווערק (און דאָס איז ווײַט ניט געווען קיין פּשוטער ענין, מחמת דער בלוטיקער בעריא־שגעון האָט ניט בלויז פֿאַר־פֿײַניקט די שרײַבער, נאָר אויך פֿאַרניכט, אין גאַנצן אָדער טיילווײַז, זייערע מאַנוסקריפּטן).

אין דער זעלבער צײַט האָבן זיך אויך געלאָזט מערקן די ערשטע, באַשיידענע שריט צו „רעהאַבי־ליטירן" די ייִדישע קולטור בכלל. קאָנצערטן פֿון ייִדישער מוזיק און ייִדישער דיכטונג זײַנען אײַנגעע־אָרדנט געוואָרן אין מאָסקווע און אין פֿיל אַנדערע שטעט פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד, מיט אַן אומגעהײַערן דערפֿאָלג, וואָס האָט ווײַט אַריבערגעשטיגן די אָמ־מערסטן אָפּטימיסטישע פֿאָרויסזעונגען.

אין יולי 1956 האָט דער ערשטער סעקרעטאַר פֿונעם אַלסאָוועטישן שרײַבער־פֿאַרבאַנד, סור־

קאָוו, אויפֿגענומען אַ ספּעציעלן שליח פֿון דער פּראָגרעסיווער ניו־יאָרקער צײַטונג „די מאָרגן־פֿרײַהײַט“ און אים דערקלערט: „אונדזער פֿאַרבאַנד האָט אויסגעאַרבעט אַ דעטאַליזירטן פּראָיעקט וועגן דער ווידעראויפֿלעבונג פֿון דער ייִדישער קולטור אין ראַטנפֿאַרבאַנד. דער פּראָיעקט, וועלכן מיר האָבן צוגעשטעלט דער רעגירונג, זעט פֿאָרויס, צווישן אַנדערע: אַ גרויסן ייִדישן פֿאַרלאַג און אַ טאָגצײַטונג, אַ ייִדישן טעאַטער און אַ לאַנד־קאָנפֿערענץ פֿון אַלע ייִדישע שרײַבער און קינסטלער“.

עטלעכע צענדליק ייִדישע שרײַבער, ניצול געוואָרענע בעת די בלוטיקע יאָרן, האָבן ווידער זיך גענומען צו דער פּען. בכדי זיי צו באַהילפֿיק זײַן, איז געשאַפֿן געוואָרן בײַם שרײַבער־פֿאַרבאַנד אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, בראש מיטן שריפֿטשטעלער א. אַזשאַיעוו. עס זײַנען אָנגעצייכנט געוואָרן דאַטעס: אַ ליטעראַרישער זשורנאַל האָט געדאַרפֿט דערשיינען סוף 1956, דער טעאַטער האָט געזאָלט אָנהויבן זײַנע רעפּעטיציעס די ערשטע חדשים פֿון 1957. קיין איינער פֿון די פּראָיעקטן איז אָבער ניט געוואָרן רעאַליזירט. עס זעט אויס, אַז דער גאַנצער ענין וועגן רעהאַביליטאַציע און ווידעראויפֿלעבונג פֿון דער ייִדישער קולטור אין

ראַטנפֿאַרבאַנד געפֿינט זיך אויף אַ טויטן פּונקט.

צוויי קעגנזעצלעכע שטעלונגען זײַנען, לויט באַגלייביקע ידיעות, געקומען צום אויסדרוק אין די אָנפֿירנדיקע אינסטאַנצן פֿון דער סאָוועטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי: איינע זאָגט זיך אַרויס פֿאַר דער באַלדיקער ווידעראויפֿלעבונג פֿון דער ייִדישער קולטור; די צווייטע האַלט, אַז אַזאַ ווידעראויפֿלעבונג אַנטשפּרעכט ניט מער קיין שום רעאַלער באַדערפֿעניש, מחמת די ייִדישע באַפֿעלקערונג פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד האָט זיך שוין פֿול־שטענדיק אינטעגרירט, שפּראַכלעך און קולטור־רעל, אין דער אַרומיקער סבֿיבֿה.

וואָס איז דער ווערט, אָביעקטיוו גענומען, פֿונעם דאָזיקן אַרגומענט?

דער פּראָצעס פֿון אינטעגראַציע איז בלי ספֿק אַ היסטאָרישער פֿאַקט. עס איז זיכער, אַז אַ באַטײַטיקער טייל פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין ראַטנפֿאַרבאַנד (די פּראָפּאָרץ איז אָבער אומ־מעגלעך פֿעסטצושטעלן) רעדט ניט מער, אָדער אַפֿילו — הגם זעלטענער — פֿאַרשטייט ניט מער קיין ייִדיש. דאָס איז כאַראַקטעריסטיש איבער־הויפּט פֿאַר דער ייִדישער באַפֿעלקערונג פֿון די גרויסע שטאָטישע צענטערס און, אין די דאָזיקע צענטערס, באַזונדערס פֿאַרן יונגן דור, וואָס האָט

נאָך ניט דערגרייכט, אָדער האָט קוים איבער־געשטיגן, דעם עלטער פֿון צוואַנציק יאָר.

דער מקור פֿון אינטעגראַציע־פּראָצעס איז אַ טאָפּלטער. ער איז אַ רעזולטאַט פֿון צוויי פֿאַק־טאָרן, וועזנטלעך פֿאַרשיידענע: איינער אַ נאַטיר־לעכער, דער צווייטער — אַ ריין־אַדמיניסטראַטי־ווער.

דער נאַטירלעכער פֿאַקטאָר איז אַן אויסדרוק פֿון אַ היסטאָרישער טענדענץ פֿון די ייִדישע ישובֿים אײַנצוגלידערן זיך — פּאָליטיש, עקאָ־נאָמיש און קולטורעל — אינעם לעבן פֿון זייערע וווין־לענדער, אַזוי שנעל ווי דער פּאָליטישער סטאַטוס פֿון די דאָזיקע לענדער דערלויבט עס.

די פֿראַנצייזישע רעוואָלוציע פֿון 1789 האָט דערעפֿנט די תּקופֿה פֿון ייִדישער בירגערלעכער עמאַנציפּאַציע און אָט די עמאַנציפּאַציע האָט ביסלעכווײַז — נישט אָן שוועריקײַטן און קאָמפּלי־קאַציעס — זיך אויסגעשפּרייט, במשך פֿונעם 19טן יאָרהונדערט, אויף גאַנץ אייראָפּע (אויסער דער צאַרישער אימפּעריע). איינע פֿון די פֿאָלגן פֿון דער עמאַנציפּאַציע איז כּמעט תּמיד געווען דאָס ביסלעכווײַזע איבערגיין — פֿון דער מוטערשפּראַך צו דער לאַנדשפּראַך. די ייִדישע זעלנער פֿון נאַפּאָלעאָנס אַרמיי (און זשאַן־רישאַר בלאָך האָט

עס אונטערגעשטראָכן אין זײַן באַרימטן ראָמאַן „עט קאָמפּאַני״) האָבן נאָך צווישן זיך גערעדט ייִדיש. זייערע אייניקלעך אָבער האָבן שוין גע־רעדט בלויז פֿראַנצייזיש.

די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט באַטײַטיק פֿאַרטיפֿט און באַרײַכערט דעם באַגריף פֿון ייִדי־שער עמאַנציפּאַציע, אַ ירושה פֿון דער גרויסער פֿראַנצייזישער רעוואָלוציע און פֿון די בורזשואַזע רעוואָלוציעס פֿון 19טן יאָרהונדערט. דער פּראָ־בלעם גופֿא האָט אַגבֿ זיך געהאַט געשטעלט אין וועזנטלעך אַנדערע באַדינגונגען, ווי אין מערבֿ־אייראָפּע. אין דער געוועזענער צאַרישער אימ־פּעריע האָבן געוווינט, אין קאָמפּאַקטע מאַסן, מיליאָנען ייִדן מיט אַן אייגענער שפּראַך און אייגע־נער קולטור, אין פּוילן פֿונאַנדערבלי. אָט דער מיליאָנען־ישובֿ, אַ נאַציאָנאַל־באַוווּסטזיניקער, אַ בולט סאָציאַל־דיפֿערענצירטער, האָט געלעבט מיט אַן אייגענעם אינטענסיוון נאַציאָנאַלן לעבן. די לייזונג, וואָס די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט גע־בראַכט פֿאַר אָט דעם נײַ־געשטעלטן פּראָבלעם פֿון עמאַנציפּאַציע איז במילא אויך געווען אַ וועזנט־לעך נײַע. די באַפֿרײַונג, די גלײַכבאַרעכטיקונג פֿונעם אונטערדריקטן און רעכטלאָזן רוסישן ייִדנ־טום איז געווען אַ טאָפּלטע: ניט בלויז אַן אינדיווי־

דועלע, נאָר אויך אַ נאַציאָנאַלע.

די פּיל־נאַציאָנאַלע סאָוועטן־מלוכה, דער ראַטנפֿאַרבאַנד, האָט געשענקט זײַנע ייִדישער בירגער אַ נאַציאָנאַלן סטאַטוס, וואָס האָט זיי אָנערקענט — אָפֿיציעל, קאָנסטיטוציאָנעל — ווי אַ נאַציאָנאַליטעט. במילא זענען די ייִדישע שפּראַך און די ייִדישע קולטור געוואָרן אָנערקענט דורך דער מלוכה ווי עיקרדיקע אַטריבוטן פֿון דער דאָזיקער נאַציאָנאַליטעט. און פּונקט ווי בײַ אַלע אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן פֿון לאַנד, האָבן די דאָזיקע שפּראַך־און־קולטור־אַטריבוטן גענאָסן פֿונעם רעכט אויף הילף און שוץ מצד דער מלוכה.

אַ ברייטע שול־נעץ פֿון ייִדישע שולן פֿון אַלע מדרגות איז געשאַפֿן געוואָרן אין די סאָוועטישע רעפּובליקן פֿון ווײַסרוסלאַנד און אוקראַינע. סעמינאַרן און פּעדאַגאָגישע טעכניקומס האָבן אויסגעבילדט לערער־קאַדרען. די אינסטיטוטן פֿאַר ייִדישער קולטור בײַ די וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיעס פֿון ווײַסרוסלאַנד און אוקראַינע, ווי אויך די ייִדישע אָפּטיילן און קאַטעדרעס אין אַ ריי מלוכה־אוניווערסיטעטן האָבן צוגעגרייט וויסנשאַפֿט־לערס און פֿאָרשערס.

אינעם שול־יאָר 1930/31 למשל זײַנען געווען אין ראַטנפֿאַרבאַנד 1203 ייִדישע שולן, וווּ עס האָבן

זיך געלערנט 137.212 ייִדישע קינדער. אין ווײַס־רוסלאַנד זײַנען פֿיר־און־זעכציק פּראָצענט פֿון אַלע ייִדישע קינדער געווען תּלמידים פֿון די ייִדישע שולן (מיט ייִדיש ווי אַ לערן־שפּראַך פֿון אַלע לימודים). אין אוקראַינע איז אָט די פּראָפּאָרץ געווען פֿון דרײַ־און־פֿופֿציק פּראָצענט. אינעם יאָר 1932 האָבן אין די ייִדישע לערער־סעמינאַרן און די ייִדישע אָפּטיילן בײַ פֿאַרשידענע אוניווערסיטעטן זיך געלערנט 3360 סטודענטן.

בלויז אין אוקראַינע האָט די ייִדישע שול־נעץ און די נעץ פֿון ייִדישע קולטור־אַנשטאַלטן און אינסטיטוציעס אַרומגענומען אין 1932: 765 שולן מיט 90.000 תּלמידים, 3 לערער־סעמינאַרן, 16 טעכניקומס, 5 לאַנדווירטשאַפֿט־שולן, 50 דאָרפֿישע קולטור־צענטערן, 116 ביבליאָטעקן און לייענזאַלן, 3 מלוכה־טעאַטערס, 1 מלוכה־טעאַטער פֿאַר קינדער, 10 צײַטונגען און זשורנאַלן און לסוף, דער באַרימטער קיעווער אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער קולטור. צו דעם אַלעמען דאַרף נאָך צוגערעכנט ווערן אַ גרויסע צאָל אַמאַטאָרן־טעאַטערס, דראַמקרײַזן, כאָרן, אָרקעסטערס, מוזייען אאַ״וו.

דאָס איז געווען די בלי־תּקופֿה פֿון דער ייִדישער קולטור אין ראַטנפֿאַרבאַנד, אויף אַלע גע־

ביטן — ליטעראַטור, וויסנשאַפֿט, פּרעסע (אין 1930 — 35 פּעריאָדישע אויסגאַבעס, דערפֿון 4 טאָג־צײַטונגען), טעאַטער (14 מלוכה־טעאַטערס), מוזיק אאַ״וו. עס זײַנען געווען טעטיק ייִדישע גע־ריכטן און אַ ייִדישע מלוכה־אַדמיניסטראַציע אין די ייִדישע נאַציאָנאַלע ראַיאָנען.

די קרוינונג פֿון אַט דער נאַציאָנאַלער פּאָ־ליטיק האָט געדאַרפֿט זײַן דאָס שאַפֿן פֿון אַ גע־וויסער פֿאָרם פֿון ייִדישער מלוכהשקײַט אין ראַטנ־פֿאַרבאַנד. אין נאָוועמבער 1926 האָט מיכאַיל קאָ־לינין, פֿאָרזיצער פֿון אַלסאָוועטישן צענטראַלן אויס־פֿיר־קאָמיטעט, (וציק), ס׳הייסט, מלוכה־פּרעזי־דענט, געמאַכט אַ היסטאָרישע דערקלערונג: „פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק שטעלט זיך אַ גרויסע אויפֿ־גאַבע — אײַנצוהיטן די אייגענע נאַציאָנאַליטעט. פֿאַר דעם דאַזיקן צוועק דאַרף מען פֿאַרוואַנדלען אַ באַטײַטיקן טייל פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין אַ באַזעסענער פּויערישער לאַנדווירטשאַפֿט־לעכער קאָמפּאַקטער באַפֿעלקערונג, וואָס זאָל ציילן לכל הפּחות הונדערטער טויזנטער״.

אַ גרויסער קאָלאָניזאַציע־פּראָיעקט האָט אָנגעהויבן צו ווערן רעאַליזירט, לכתּחילה אין קרים און דערנאָך אין בּיראָבּידזשאַן. דעם 7טן מאַי 1934 האָט דער צענטראַלער אויספֿיר־קאָמיטעט

פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד פּראָקלאַמירט די געגנט פֿון ביראָבידזשאַן פֿאַר אַ ייִדישע נאַציאָנאַלע געגנט, מיט דער פּערספּעקטיוו צו פֿאַרוואַנדלען זי אין אַ ייִדישע סאָוועטישע רעפּובליק.

עס איז נייטיק אָפּצומערקן, אַז במשך פֿון די אַלע יאָרן, האָט די סאָציאַלע סטרוקטור פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג ניט אויפֿגעהערט צו נאָרמאַליזירן זיך. דעם 1טן אַפּריל 1931 זײַנען אין ראַטנפֿאַרבאַנד געווען 342.000 ייִדישע אַרבעטער באַשעפֿטיקטע אין דער אינדוסטריע און 200.000 האַנטווערקער. די ייִדישע דאָרפֿישע באַפֿעלקערונג האָט געציילט 259.550 נפֿשות. אין 1932 האָט די צאָל ייִדישע אַרבעטער דערגרייכט 480.000, זייער פּראָפּאָרץ איז סיסטעמאַטיש געשטיגן אין דער מעטאַלורגיע, אין בוי־וועזן און אַפֿילו אין דער קוילן־אינדוסטריע (אין אוקראַינע, למשל, איז די פּראָפּאָרץ פֿון ייִדישע קוילן־גרעבער געווען 0,5 פּראָצענט אין 1926, 0,9 פּראָצענט אין 1929 און 1,4 פּראָצענט אין 1931).

פּאַראַלעל צו דעם פֿונאַנדערבלי פֿון דער ייִדישער קולטור — „אַ נאַציאָנאַלער לויט דער פֿאָרם און סאָציאַליסטישער לויטן אינהאַלט" — האָט זיך אָבער אָנגעמערקט בײַ געוויסע שיכטן פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אַ קעגנזעצלעכער פּראָ־

צעס, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, אַ פּראָ־
צעס פֿון אָפּפֿרעמדונג לגבי דער דאָזיקער קול־
טור. דער פּראָצענט פֿון ייִדישע קינדער, וואָס
האָבן באַזוכט די ייִדישע שולן האָט אָנגעהויבן
לאַנגזאַם צו פֿאַלן. דער טיראַזש פֿון דער ייִדישער
פּרעסע האָט זיך פֿאַרקלענערט. אין די גרויסע
שטאָטישע צענטערס איז ייִדיש אָפּט אַרויס־
געשטויסן געוואָרן דורך רוסיש אָדער אוקראַיניש.

ווי אַזוי וואָלט די אויסווירקונג פֿון אָט די צוויי
קעגנזעצלעכע פּראָצעסן — פֿונאַנדערוווּקס פֿון
דער ייִדישער קולטור און גלײַכצײַטיק פֿאַר־
שמעלערונג פֿון איר באַזע — געשטאַלטיקט דאָס
פּנים פֿון סאָוועטישן ייִדנטום? איז געווען
פֿאַרויסצוזען אַ וואָס ברייטערע און טיפֿערע
אינטעגראַציע, מיט אירע אומפֿאַרמײַדלעכע
קאָנסעקווענצן, אײַנשליסלעך דאָס אָפּזאָגן זיך פֿון
אַלע ספּעציפֿיש־נאַציאָנאַלע פֿאָרמעס פֿון שפּראַך
און קולטור, אַזוי ווי עס איז געשען בעת דער ייִדי־
שער בירגערלעכער עמאַנציפּאַציע אין מערבֿ־
אייראָפּע? אָדער, קאַפּויער, האָט געקאָנט מעגלעך
זײַן אַן אינטעגראַציע פֿון אַ העכערן מין, אַ סאָציאַ־
ליסטישע אינטעגראַציע, מיט דעם אויפֿהאַלט פֿון
אַלע אַטריבוטן פֿון נאַציאָנאַלן אייגנאַרט?

די דאָזיקע שאלות וועלן שוין בלײַבן אויף

אייביק אָן אַ תּשובֿה. זיי וועלן בלײַבן אָן אַ תּשובֿה צוליב דער פּשוטער סיבה, וואָס די נאָרמאַלע אַנט־וויקלונג — און אויסוווירקונג — פֿון די היסטאָ־רישע פּראָצעסן איז געוואָרן געפֿעלשט דורך דער אינטערווענץ פֿון פֿאַקטאָרן אַדמיניסטראַטיווע, פֿון מאַכט־פֿאַקטאָרן.

עס איז איצט געוואָרן באַקאַנט, אַז נאָך לאַנג פֿאַר דער מלחמה, און גאָר באַזונדערס אין די טרויעריק־באַרימטע יעזשאָוו־יאָרן 1936/1937, איז די ייִדישע קולטור אויסגעשטאַנען בלוטיקע רדיפֿות. אַ גאַנצע ריי ייִדישע שרײַבער און וויסנ־שאַפֿטלער פֿון מאָסקווע, מינסק און קיעוו זײַנען געוואָרן אַרעסטירט. אַלע זײַנען טראַגיש אומגע־קומען אין די תּפֿיסות אָדער לאַגערן. אַן אמתער פּאָגראָם איז געמאַכט געוואָרן אויפֿן ייִדישן שול־וועזן. אין 1937 און 1938 זײַנען, אונטער פֿאַר־שיידענע פּרעטעקסטן, אָבער פֿאַקטיש לויט דער פֿאַראָרדענונג פֿון די מאַכט־אָרגאַנען, געוואָרן גע־שלאָסן כּמעט אַלע ייִדישע שולן, פֿון אַלע מינים און אַלע מדרגות. מען האָט אַזוי אַרום אָפּגעריסן, מיט צוואַנג, די יונגע ייִדישע דורות פֿון דער ייִדישער שפּראַך און קולטור, וועלכע זײַנען פֿאַר־משפּט געוואָרן צו בלײַבן אָן אַ צוקונפֿט.

די שווערע מלחמה־פֿאַרלוסטן (לויט דער

פּראָפּאַרץ פֿון די אויסצייכענונגען אויף די שלאַכט־פֿעלדער, פֿאַרנעמען די ייִדן איינעם פֿון די ערשטע ערטער צווישן אַלע פֿעלקער פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד) און די גרויזאַמע שחיטות פֿון דער ציווילער ייִדי־שער באַפֿעלקערונג, וואָס האָט ניט באַוויזן צו אַנט־רינען פֿון די נאַצי־אַרמייען, (אַ מיליאָן קרבנות), האָבן נאָך מער פֿאַרשמעלערט די באַזע פֿון דער ייִדישער קולטור. אָט די קולטור האָט אָבער דורכ־געלעבט אַ ממש װוּנדערלעכן אויפֿסנײַ נאָך די בלוטיקע מלחמה־יאָרן. איר פּלוצימדיקער פֿאַר־שווינדן אין האַרבסט 1948 דאַרף, ווידער אַ מאָל, ווערן אַרויפֿגעשריבן אויפֿן חשבון פֿון אַדמי־ניסטראַטיווע פֿאַקטאָרן, פֿון די זעלבע מאַכט־אָר־גאַנען טאַקע, וואָס טראָגן אויף זיך די אחריות פֿאַר דעם מאַרטירער־טויט פֿון די וויכטיקסטע פֿאַר־שטייער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור און קונסט.

פֿון אָט דעם קורצן היסטאָרישן איבערזיכט לאָזט זיך אַרויסציען אַ בלי שום ספֿקדיקע מסקנא: די טראַגעדיע פֿון דער ייִדישער קולטור אין ראַטנ־פֿאַרבאַנד איז אַ רעזולטאַט — נישט פֿון אַ פֿאַמעלעכיקן אויסלעשונג־פּראָצעס, נישט פֿון אַ נאַטירלעכן טויט, נאָר פֿון אַ גאַנצער ריי רציחה־דיקע איבערפֿאַלן, וועלכע האָבן גלײַכצײַטיק פֿאַר־געשטעלט מיט זיך בפֿירושע פֿאַרלעצונגען פֿון

דער סאָוועטישער לעגאַליטעט גופֿא און פֿון די פרינציפּן פֿון דער לענינישער נאַציאָנאַלער פּאָ־ליטיק.

עס ווערט קלאָר אַזוי אַרום, אַז דער אינטע־גראַציע־אַרגומענט פֿון די אַלע, וואָס זאָגן זיך אַרויס קעגן דער ווידעראויפֿלעבונג פֿון דער ייִדי־שער קולטור, האָט ניט די מינדסטע ממשות.

צי איז דער פּראָצעס פֿון אינטעגראַציע אַ רעאַלער? בלי שום ספֿק. צי איז ער אַן אַלגע־מיינער? בלי שום ספֿק — ניין. עס איז זיכער, אַז דער יוגנטלעכער, וואָס שוין צוואַנציק יאָר כּמעט, ווי ער האָט ניט קיין שום ייִדישע שול, קאָן ניט מער, בדרך כּלל, ניט שרײַבן און ניט לייענען קיין ייִדיש. ער רעדט ניט מער קיין ייִדיש, אַפֿילו אויב ער פֿאַרשטייט נאָך די שפּראַך. עס איז זיכער, אַז פֿאַר הונדערטער טויזנטער סאָוועטישע ייִדן, אַרבעטער אָדער אינטעלעקטואַלן, איז די מוטער־שפּראַך געוואָרן רוסיש.

עס איז אָבער נישט דער מינדסטער ספֿק, אַז הונדערטער טויזנטער אַנדערע סאָוועטישע ייִדן זײַנען געבליבן טיף צוגעבונדן צו דער ייִדישער שפּראַך און ייִדישער קולטור. עס לעבט נאָך דער דור פֿון פֿאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. עס איז אין פֿולער קראַפֿט דער דור, וואָס איז איצט אַלט

בערך פֿערציק יאָר און וועלכער האָט זײַן שול־בילדונג באַקומען אין דער ייִדישער שול און איז דערצויגן געוואָרן אויף דער ייִדישער ליטע־ראַטור. עס איז געבליבן די גאַנצע ייִדישע אינטע־ליגענץ און בתוכם די פֿיל טויזנט־קעפּיקע לערער־שאַפֿט פֿון דער ייִדישער שולנעץ — גרונטשולן, מיטלשולן און הויכשולן. עס דאַרף לסוף גענומען ווערן אין חשבון די ייִדישע באַפֿעלקערונג פֿון די נײַ־צוגעקומענע געביטן, וואָס רעדט כּמעט אויס־שליסלעך ייִדיש.

אָט די אַלע ייִדן, גלײַכבאַרעכטיקטע סאָוועטישע בירגער, וואָס זײַנען צוגעבונדן צו דער ייִדישער קולטור — צי פֿאָדערן זיי, צי בעטן זיי, עס זאָל ווידער אויפֿגעלעבט ווערן די דאָזיקע קול־טור? ניין, זיי פֿאָדערן גאָרניט און בעטן גאָרניט און דאָס דאָזיקע שווײַגן ווערט אויסגעטײַטשט ווי אַ באַווײַז, אַז די סאָוועטישע ייִדן דאַרפֿן ניט מער, פֿאַרלאַנגען ניט מער די ייִדישע קולטור. ווי אַזוי אָבער קאָנען זיי אויסדריקן זייער פֿאַרלאַנג, בעת גאָר ניט לאַנג צוריק האָט מען מורא געהאַט צו ריידן ייִדיש אויף דער גאַס, מען האָט מורא גע־האַט צו האַלטן אַ ייִדיש בוך אין שטוב און די דאָזיקע מורא איז, זעט אויס, נאָך ניט אין גאַנצן פֿאַרשוווּנדן?

דער ריין־פֿאָרמאַליסטישער צוגאַנג, וואָס פֿאָ־דערט דווקא אַן אָפֿיציעלע בקשה מצד דער ייִדי־שער באַפֿעלקערונג שטייט אַגבֿ אין פֿולשטענ־דיקער סתּירה צו די פּרינציפּן, וואָס לענין האָט פֿאָרמולירט אויפֿן געביט פֿון נאַציאָנאַלער פּאָ־ליטיק.

„פֿאַרן פּראָלעטאַריער, האָט לענין געזאָגט, איז ניט בלויז וויכטיק, נאָר אַבסאָלוט נייטיק צו גע־ווינען, אין קלאַסן־קאַמף, דעם מאַקסימום צוטרוי מצד די ניט־רוסן. ווי אַזוי קאָן מען עס דער־גרייכן? דערצו איז ניט גענוג אַ בלויז פֿאָרמעלע גלײַכקייט. מען מוז, דורך אונדזער האַלטונג, דורך אונדזערע הנחות לגבי דעם ניט־רוס, קאָמפּענ־סירן זײַן חשד, זײַן אומצוטרוי, די באַליידיקונגען, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען אין דער פֿאַרגאַנגענ־הייט מצד דער רעגירונג פֿון דער אימפּעריאַ־ליסטישער גרויס־רוסישער נאַציע". („וועגן די נאַציאָנאַליטעטן און דער אויטאָנאָמיזאַציע".)

דער דאָזיקער טעקסט, וואָס איז דיקטירט גע־וואָרן אין 1922, הגם אין אַן אַנדערן היסטאָרישן קאָנטעקסט, האָט אָבער אויפֿגעהיט זײַן פֿולן ווערט אויך הײַנט צו טאָג. דער חורבן פֿון דער ייִדישער קולטור איז אויפֿגענומען געוואָרן דורך די סאָווע־טישע ייִדן — אַפֿילו דורך די, וואָס ריידן בלויז

רוסיש — ווי אַ מוראדיקע אומגערעכטיקײַט, ווי אַ באַליידיקונג, ממש ווי אַ דערנידערונג. עס וואָלט געווען יושרדיק און קלוג צו פֿאַרריכטן די אומגערעכטיקײַט צו פֿאַרגיטיקן די באַליידיקונג — ניט בלויז מיט פֿאָרמעלער גלײַכקײַט, נאָר מיט עפֿעקטיווע מעשׂים.

מחמת, אין תּוך גענומען, צי איז דען דער ענין פֿון דער ייִדישער קולטור אַ פֿונקציע בעיקר פֿון קוואַנטיטעט? און אויב די אַנהענגער פֿון ייִדיש וואָלטן זיך געציילט ניט אין הונדערטער טויזנטער, נאָר בלויז אין צענדליקער טויזנטער, צי וואָלט דען די דאָזיקע נאַציאָנאַלע קולטור פֿאַרלוירן בלויז צוליב דעם איר זכות הקיום? די גרויסקײַט און הומאַנישקײַט פֿון דער סאָוועטישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק האָט, פֿון תּמיד אָן, זיך אויסגעדריקט אין דער שטרעבונג צו דערמוטיקן און העלפֿן אַנטוויקלען די נאַציאָנאַלע קולטורן פֿון אַלע סאָוועטישע פֿעלקער און פֿעלקערשאַפֿטן, אַפֿילו פֿון די קלענסטע, אַפֿילו פֿון די, פֿאַר וועמען מען האָט נאָך ערשט באַדאַרפֿט דערפֿינדן אַן אלף־בית. פֿאַרוואָס זשע זאָל מען זיך באַציִען לחלוטין אַנדערש צו דער ייִדישער קולטור, וועלכע איז איינע פֿון די רײַכסטע נאַציאָנאַלע קולטורן אין ראַטנפֿאַרבאַנד?

ביַי וועלכער מיינונג מען זאָל זיך ניט האַלטן אין דער פראַגע וועגן די היסטאָרישע פערספּעק־טיוון פון דער דאָזיקער קולטור, אָדער וועגן דער צוקונפט און די קאָנסעקווענצן פונעם פּראָצעס פון אינטעגראַציע, וואָלט גענוג געווען דער פּשו־טער פאַקט, אַז אַ געוויסע צאָל סאָוועטישע ביר־גער פון ייִדישער נאַציאָנאַליטעט — און די דאָזיקע נאַציאָנאַליטעט איז דאָך אויסדריקלעך אָנגעוויזן אין זייערע פּאַספּאָרטן — פאַרלאַנגט צו לייענען אַ ייִדיש בוך און אַ ייִדישע צײַטונג, צו גיין אין ייִדישן טעאַטער, צו הערן ייִדישע מוזיק — דאָס וואָלט געדאַרפט זײַן איבערגענוג בכדי צו באַפרידיקן זייער פאַרלאַנג, סײַדן... סײַדן עס האַנדלט זיך וועגן אַ נאַציאָנאַלער דיסקרימינאַציע, וואָס איז אומדענקבער אין אַ סאָציאַליסטישער געזעל־שאַפט.

און דאָ קומען מיר צום אייגנטלעכן תּוך פון גאַנצן פּראָבלעם, וואָס שטײַגט ווײַט אַריבער זײַן קולטור־אַספּעקט אַליין. אַלץ זעט אויס באמת, ווי אַרום — און דורך — דעם ענין פון דער ייִדישער קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד וואָלט זיך קריסטאַ־ליזירט אַ געוויסע פאָרם (און נישט די איינציקע, צום באַדויערן) פון אַן אַנטי־ייִדישער דיסקרימי־נאַציע־פּאָליטיק.

ס׳איז טרויעריק, ממש טראַגיש צו זײַן געצווונגען עס צו זאָגן, אָבער דאָס איז, צום באַדויערן, דער רייַנסטער אמת: ראַטנפֿאַרבאַנד איז הײַנט צו טאָג דאָס אײנציקע לאַנד, וווּ ניט געקוקט אויף דער מיליאָניקער ייִדישער באַפֿעלקערונג, עס זאָל זײַן פֿאַרבאָטן צו דרוקן אַ ייִדיש וואָרט (אויסער אין ביראָבידזשאַן, וווּ עס דערשײַנט אַ נעבעכדיק בלעטל) און דאָס, דרײַ יאָר נאָך דער ליקווידאַציע פֿון דער בעריאַ־קליקע און אַ יאָר נאָכן צוואַנציקסטן קאָנגרעס.

איין און אײנציק בוך איז דערשינען אין מאָסקווע — מיט ייִדישע אותיות — אַ סידור. איין און אײנציקע ייִדישע שול איז דערעפֿנט געוואָרן — אַ ישיבֿה. די דאָזיקע בשׂורה טובֿה איז אויפֿגענומען געוואָרן ווי אַ פּאַטש אין פּנים דורך דער ווײַט־ווײַט גרעסטער מערהײַט סאָוועטישע ייִדן און דורך די ייִדישע פֿאָלקס־מאַסן פֿון גאָר דער וועלט, וועלכע האָבן נאָך פֿריש אין זכּרון די פֿאַרביטערטע קאַמפֿן פֿאַר דער פֿאַרוועלטלעכונג פֿון דער ייִדישער געזעלשאַפֿט.

דאָס טראַגישע פֿאַרשווינדן פֿון אַלץ, וואָס האָט נאָר דעם מינדסטן שײַכות צו ייִדישער קולטור ברענגט אַן אומגעוויינטלעכן שאָדן קודם כּל דעם ראַטנפֿאַרבאַנד גופֿא, זײַן פּרעסטיזש און זײַן

השפּעה אין די ייִדישע ישובֿים פֿון גאַר דער וועלט. די רעאַקציע האָט געלאָזן אין גאַנג אַ טראַגיש שלאָגוואָרט, וואָס נעמט זיך אָבער ביסלעכווײַז אָן אַלץ מער און מער: „קאָמוניזם און אַנטיסעמיטיזם קאָנען קאָעקסיסטירן".

אַ צווייט שלאָגוואָרט האָט אויך גרויס דערפֿאָלג: „פֿערציק יאָר נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט אויף ס'נײַ זיך באַוויזן אין ראָטנפֿאַרבאַנד די ייִדן־פֿראַגע". צו אונדזער גרויסן באַדויערן און ווייטיק, האָט די דאָזיקע „פֿאַרשאָלטענע פֿראַגע", וועגן וועלכער מיר זײַנען געווען זיכער, אַז זי האָט געפֿונען אַ פֿולשטענדיקע און דעפֿיניטיווע לייזונג, ווידער אויפֿגעטויכט פֿון איר פֿינצטערער פֿאַרגאַנגענהײַט. דאָס איז אַגבֿ חל ניט בלויז אויפֿן געביט פֿון שפּראַך און קולטור, נאָר אויך אויף אַנדערע געביטן.

דער דאָזיקער מצבֿ באַאומרויִקט אויסערגעוויינטלעך די ייִדישע אינטעליגענץ און די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן אין פֿראַנקרײַך און האָט אַרויסגערופֿן אַ טיפֿע אויפֿרודערונג אין אונדזערע אייגענע רייען. אַלטע חבֿרים, אויסגעפּרוּווטע פּאַרטיי־מיטגלידער, פֿאַרלירן דעם מוט, זענען זיך מיאש. אַנדערע ציען זיך אינגאַנצן צוריק פֿון געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקײַט, אַנדערע ווידער

פֿאַרלאָזן אונדז און גייען אַריבער צום קעגנער. ס'איז דערלויבט צו זאָגן, אָן גוזמא, אַז דער אײַנפֿלוס פֿון אונדזער פּאַרטיי צווישן דער ייִדישער באַפֿעלקערונג איז שטאַרק געפֿאַלן און עס דראָט אַ סכּנה, אַז ער וועט פֿאַלן אַלץ מער און מער, אַזוי לאַנג ווי עס וועט ניט געלייזט ווערן דער דאָזיקער טרויעריקער ענין.

מיר האָבן בכן ניט קיין רעכט צו בלײַבן פּאַסיוו. מען דאַרף, מען מוז עפּעס־וואָס אונטערנעמען און טאַקע — ווי צום שנעלסטן. איך בין פֿולשטענדיק איבערצײַגט, איך בין אַבסאָלוט זיכער, אַז אונדזער פּאַרטיי איז בכּח — אין די ראַמען פֿון אירע ברידערלעכע באַציִונגען מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד — אַ סך, גאָר אַ סך אויפֿצוטאָן.

דעריבער טאַקע האַלט איך פֿאַר מײַן חובֿ פֿון אַ קאָמוניסט דיך צו בעטן, חבֿר טאָרעז, ממש צו פֿאַרשווערן דיך, דו זאָלסט אויסנוצן דעם גאַנצן אײַנפֿלוס פֿון אונדזער פּאַרטיי, ווי אויך דײַן גאַנצן פּערזענלעכן פּרעסטיזש, בכדי צו העלפֿן די סאָוועטישע חבֿרים געפֿינען אַ ריכטיקע און גערעכטע לייזונג פֿאַר אָט די אַלע טראַגישע פּראָבלעמען.

דעם 11טן יאַנואַר ד.י. האָט דער פּאַרלאַמענט

פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד באַשטעטיקט די אָפֿיציעלע רעהאַביליטאַציע פֿון פֿינף קליינע סאָוועטישע פֿעלקער (באַלקאַרן, קאַלמוקן, קאַראַטשן, טשעט־שענצעס און אינגושן) וועלכע זײַנען, לויטן אויס־דרוק פֿון א. גאָרקי, סעקרעטאַר פֿונעם אויבער־סאָוועט פֿון פֿ.ס.ס.ר., געהאַט געפֿאַלן אַ קרבן פֿון אַ פֿאַרקריפּלונג פֿון די עיקרדיקע פּרינציפּן פֿון דער לענינישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק.

די ייִדישע קולטור, וואָס איז אויך אַ קרבן פֿון אַן ענלעכער פֿאַרקריפּלונג, וואַרט נאָך אַלץ אויף איר אָפֿיציעלער רעהאַביליטאַציע. עס איז אומגעהייער וויכטיק, זי זאָל מער ניט דאַרפֿן וואַרטן.

אונדזער פֿראַנצייזישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וואָס קאָן, מיט רעכט, זיך באַרימען, אַז זי האָט שטענדיק באַקעמפֿט דעם אַנטיסעמיטיזם און אַז שטענדיק, אין די שווערסטע באַדינגען, האָט זי פֿאַרטיידיקט און אָנגעווענדט די פּרינציפּן פֿון פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם, איז צום בעטן באַרופֿן — און דעריבער מחויבֿ — צו טאָן אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך, בכדי די פֿולשטענדיקע רעהאַביליטאַציע פֿון דער ייִדישער קולטור אין ראַטנפֿאַרבאַנד זאָל ווערן וואָס שנעלער אַ פֿאַקט.

דאָס וועט זײַן אַן אויסערגעוויינטלעך וויכטיקער אויפֿטו לטובֿת אונדזער פּאַרטיי, לטובֿת אַ

גאַנצער רײ ברידער־פּאַרטײען, אָבער קודם כּל און בעיקר — לטובֿת דעם ראַטנפֿאַרבאַנד גופֿא".

* * *

בעת איך האָב דעם מעמאָראַנדום אַרײַנ־געטראָגן אין צענטראַל־קאָמיטעט, איז נאָך געווען ווינטער. דער ווינטער איז פֿאַרבײַ און באַלד אויך דער פֿרילינג. ס'זײַנען פֿאַרלאָפֿן וואָכן און חדשים. ס'איז אַריבער דער זומער. ס'האָבן זיך פֿאַרענדיקט די וואַקאַציעס.

אָנהויב האַרבסט האָט מען מיר מודיע געווען פֿון צענטראַלן פּאַרטײ־סעקרעטאַריאַט, אַז מאָריס טאָרעז לײגט פֿאָר מיך אויפֿצונעמען דעם 26טן סעפּטעמבער.

קאַפּיטל דרײַ

אַ באַגעגעניש מיט מאָריס טאָרעז

אין 1937 איז אין פּאַריז דערשינען אַ בוך, וואָס איז אויפֿגענומען געוואָרן, גלײַכצײַטיק, מיט אומגעהייערן ענטוזיאַזם פֿון איין צד און מיט בייסיקער איראָניע, מיט סאַרקאַזם, פֿון צווייטן צד.

דאָס בוך האָט געהייסן „אַ זון פֿון פֿאָלק״ און דער מחבר — מאָריס טאָרעז, גענעראַל-סעקרעטאָר, זינט 1930, פֿון דער פֿראַנצייזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דאָס ווערק האָט פּאָרגעשטעלט מיט זיך אַ מין טאָפּלטע אויטאָביאָגראַפֿיע — פֿון אַ יחיד און פֿון אַ פּאַרטיי.

דער טיטל פֿון בוך איז שנעל געוואָרן אַ שם-דבֿר. מאָריס טאָרעז איז באמת געווען אַ זון פֿון פֿאָלק, אַ פּראָלעטאַריער בן פּראָלעטאַריער. געבוירן און אויפֿגעוואַקסן אין צפֿון-פֿראַנקרײַך, אין אַ געגנט פֿון קוילן-אינדוסטריע, איז ער יאָרן-לאַנג אַליין געווען אַ קוילן-גרעבער.

אַן ערשטראַנגיקער אָרגאַניזאַטאָר און גלענצנדיקער רעדנער, אַ גוט-ברודעריש-צוגעלאָזטער און צעשמייכלטער, שטאַרק באַליבט

צווישן די ברייטסטע אַרבעטער־מאַסן, איז טאָרעז געווען אַ געטרײַער תּלמיד פֿון קאָמינטערן, אַ מקורבֿ און אַ הייסער חסיד פֿונעם „פֿאָטער פֿון די פֿעלקער" און האָט זיך געגרויסט מיטן צונאָמען פֿון „בעסטן סטאַליניסט אין פֿראַנקרײַך".

נאָכן דײַטש־סאָוועטישן אָפּמאַך און דעם אויסברוך פֿון דער מלחמה, האָט טאָרעז, לויט אַ באַשלוס פֿון דער פּאַרטיי, נישט צוגעשטעלט זיך צו זײַן מאָביליזאַציע־צענטער. ער האָט אומלעגאַל פֿאַרלאָזט פֿראַנקרײַך און איז אַריבערגעפֿאָרן קיין ראַטנפֿאַרבאַנד. אַ מיליטער־געריכט האָט אים פֿאַרמשפּט, פֿאַר דעזערציע, צו טויט־שטראָף. אַמנעסטירט אין 1944, האָט טאָרעז זיך צוריקגעקערט קיין פּאַריז, איז געוואָרן אַ מיניסטער אין דער רעגירונג פֿון גענעראַל דע־גאָל און נאָך דע־גאָלס דעמיסיע — וויצע־פּרעמיער־מיניסטער, ביז 1947, פֿון פֿיר אַנדערע רעגירונגען. אַגבֿ, דע־גאָל האָט אין זײַנע מעמוארן זיך אָפּגערופֿן שפּעטער מיט גרויס לויב וועגן די פֿעיקײַטן, ווי אַ מלוכה־מאַן, פֿונעם געוועזענעם קוילן־גרעבער, דעם „זון פֿון פֿאָלק".

אין אָקטאָבער 1950 איז טאָרעז פּלוצלונג געוואָרן געפֿערלעך קראַנק און איז אין נאָוועמבער, מיט אַ ספּעציעלן עראָפּלאַן, אָפּגעפֿירט געוואָרן קיין מאָסקווע. במשך פֿון וואָכן און חדשים, איז זײַן

מצבֿ געווען כמעט אַ האָפֿענונגלאָזער. נאָך אַ לאַנ־גער היילונג און קאָנוואַלעסענץ, איז ער ביסלעכ־ווײַז געקומען צו די כּחות און האָט אין אַפּריל 1953 זיך אומגעקערט אַהיים בכדי ווידער זיך צו שטעלן בראש פֿון זײַן פּאַרטיי.

איך האָב מיט טאַרעזן פֿריער קיין מאָל ניט געהאַט זיך געטראָפֿן. אונדזער ערשטע באַ־געגעניש, דעם 26טן סעפּטעמבער 1957, האָט גע־דאַרפֿט פֿאָרקומען אין דער געבײַדע פֿון פּאַר־לאַמענט. ברענגען מיך אַהין האָט געזאָלט טאַר־עזעס געוועזענער סעקרעטאַר, אַ מיטגליד פֿון צענטראַל־קאָמיטעט, מיט וועמען איך בין געווען באַקענט שוין פֿון לאַנג. סײַ טאַרעז, סײַ זײַן גע־וועזענער סעקרעטאַר זײַנען געווען פּאַרלאַמענט־דעפּוטאַטן. די קאָמוניסטישע פֿראַקציע איז, אַגבֿ, דאַן געווען אין פּאַרלאַמענט, אויב איך האָב קיין טעות ניט, די צאָלרײַכסטע.

ס'האָט אָנגעהויבן צופֿאַלן דער פֿאַרנאַכט. דורך פֿיל טרעפּ און קאָרידאָרן, האָט מיך מײַן באַ־גלייטער אַרײַנגעפֿירט אין איינעם פֿון די ביוראָען פֿון די קאָמוניסטישע פּאַרלאַמענטאַריער. אַ ווײַלע בין איך געבליבן אַליין. באַלד האָט זיך אין אַ צע־עפֿנטער טיר באַוויזן טאַרעז. ס'איז מיר פֿאַרבליבן אין זכרון מײַן ערשטער אײַנדרוק: טאַרעז האָט

אויסגעזען פֿאַרעלטערט און אַ ביסל אײַנגעבויגן, ער איז געגאַנגען אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן. אויף זײַן פּנים האָט זיך אָבער באַוויזן אַ ברייטן שמייכל, וואָס האָט אים תּיכּף ווי איבערגעשטאַלטיקט און פֿאַרייִנגערט. אַ ביסל אויסטערליש האָט מיר אויסגעוויזן דער אופֿן פֿון זײַן אויפֿנעמען מיך. ער האָט מיר אויסגעשטרעקט די האַנט, לאַנג געהאַלטן מײַן האַנט אין זײַנער און פּאַמעלעך זיך אָנגערופֿן: זעסט, אַ באַרג מיט אַ באַרג קאָן זיך קיין מאָל ניט באַגעגענען, אַ מענטש אָבער מיט אַ מענטשן, אַ חבֿר מיט אַ חבֿר — שטענדיק. דאָס איז, נאַטירלעך, געווען ניט עפּעס אַנדערש, ווי אַ העפֿלעכקײַט־פֿאָרמול, אָבער אַרויסגעזאָגט מיט אַזוי פֿיל וואַרעמקײַט און פֿרײַנדשאַפֿט, אַז איך האָב ווירקלעך זיך תּיכּף דערפֿילט — ווי אַ חבֿר מיט אַ חבֿר.

מיר האָבן זיך געזעצט און ס׳האָט זיך פֿאַרבונדן אַ שמועס, וואָס האָט געדויערט קנאַפּע צוויי שעה.

— ער האָט איבערגעלייענט מײַן מעמאָראַנדום — האָט טאָרעז אָנגעהויבן — איבערגעלייענט אויפֿמערקזאַם. די פּראָבלעמען, וואָס איך באַריר, זײַנען פֿאַר אים געווען כּמעט אומבאַקאַנט. האָט ער געהאַלטן פֿאַר נייטיק קודם כּל צו

אינפֿאָרמירן זיך גענויער וועגן אַלץ. איצט האָט ער מיך פֿאַרבעטן, בכדי זיך צו באַקענען מיט מיר און דערציילן וועגן דעם, וואָס ער האָט זיך דער־וווּסט...

איך האָב געוואַרט שווײַגנדיק, אָנגעשטרענגט.

— הײַנטיקן זומער, האָט טאָרעז פֿאָרגעזעצט, בעת זײַנע וואַקאַציעס, אין ראַטנפֿאַרבאַנד, האָט ער דעם גאַנצן ענין אויפֿגענומען און דיסקוטירט מיט די אָנפֿירנדיקע סאָוועטישע חבֿרים. איך שטויס זיך אַוודאי אָן, אַז דאָ גייט ניט בלויז וועגן קולטור, וועגן ליטעראַטור, צי וועגן טעאַטער. ס׳איז אָן אָן ערך ווייניקער פּשוט, ווי מיר ווײַזט זיך אויס. די פֿראַגע איז אַ ברייטערע, אַ פּאָליטישע.

דאָס האָב איך נאַטירלעך געוווּסט. ס׳איז ניט שווער געווען עס צו פֿאַרשטיין. דאָס ווײַטערדיקע אָבער איז פֿאַר מיר געקומען אומגעריכט.

— פֿאַר די סאָוועטישע חבֿרים, האָט טאָרעז געזאָגט, האַנדלט זיך וועגן אַן אַלגעמיינער אָפּשאַצונג פֿונעם כאַראַקטער, הײַנט צו טאָג, פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין ראַטנפֿאַרבאַנד.

אַן אומרו האָט אָנגעהויבן מיך באַהערשן.

— און די אָפּשאַצונג איז מער־ווייניק אַזעלכע,

האָט טאָרעז גערעדט פּאַמעלעך: די אינטער־נאַציאָנאַלע סיטואַציע איז אַן ערנסטע, דער ראָטן־פאַרבאַנד איז ווידער באַדראָט. דאָס מיינט, אַז ער מוז פאַרשטאַרקן די אינערלעכע וואַכזאַמקייט. עס מוז ווערן אויסגעשמידט אַ פעסטער, אײַנהײַט־לעכער פראָנט, וואָס זאָל זײַן אַבסאָלוט אומצו־טריטלעך פאַרן שונא. איז אָט... (טאָרעז האָט אַ ווײַלע זיך געוואַקלט, ווי וועלנדיק צוקלײַבן די געהעריקע ווערטער) די סאָוועטישע חבֿרים האַלטן, אַז די ייִדישע באַפעלקערונג איז איצט, צוליב איר נאַציאָנאַליזם, דער שוואַכסטער אָפּ־שניט פון דעם פראָנט, אָט דער וואָס איז אַמ־מערסטן מסוגל צו ווערן באַווירקט, באַאײַנפלוסט. לויט לעניגס באַרימטן זאָג וועגן שוואַכסטן רינג פון אַ קייט — איך דערמאָן זיך? — האַלטן די סאָוועטישע חבֿרים, אַז די ייִדישע באַפעלקערונג איז, הײַנט צו טאָג, אָט דער שוואַכסטער רינג...

פונקט אַזוי ווי עס איז מיר פאַרבליבן בולט אין זכרון מײַן ערשטער אײַנדרוק פון דער באַ־געגעניש, בעת טאָרעז האָט זיך באַגריסט מיט מיר, פונקט אַזוי בולט געדענק איך און לעב עס איבער ווידער און פיל בפועל ממש, אַפילו איצטער שרײַבנדיק די שורות, נאָך אַזוי פיל יאָרן, איך פיל דעם ציטער, וואָס האָט מיך אַרומגעכאַפּט אין אַלע

אבֿרים. ממש סטיכיש האָט זיך אַ געשריי בײַ מיר אַרויסגעריסן:

— דאָס איז מאָנסטרועז, חבֿר טאָרעז! דאָס איז מאָנסטרועז!

טאָרעז האָט אַ ווײַלע געשוויגן, באַלד אַנגע־נומען מײַן האַנט און שטיל זיך אָנגערופֿן:

— זײַ מיר מוחל. עס טוט מיר לײַד, באמת. איך האָב אָבער געהאַלטן, אַז דו דאַרפֿסט עס וויסן.

איך האָב ניט געקאָנט זיך באַרויִקן.

— שטעל זיך פֿאָר, האָב איך געזאָגט, שטעל זיך פֿאָר, אַז עס פֿאַרשאַרפֿט זיך פּלוצלונג די אינטערנאַציאָנאַלע סיטואַציע, עס דערגייט צו אַ קריטישער שפּאַנונג אין די אינטערנאַציאָנאַלע באַציִונגען, איז דאַמאָלט — וואָס?!... וועט מען דעם „שוואַכסטן רינג" דאַרפֿן שנעל באַזײַטיקן, אומשעדלעך מאַכן און די ייִדישע באַפֿעלקערונג פֿאַרשיקן אויפֿן ווײַטן־צפֿון, צי אפֿשר גאָר...

טאָרעז האָט מיך ניט געלאָזט ענדיקן.

— נו, ניין!.. אָבער ניין! האָט ער מיך איבער־געריסן, כמעט מיט געבייזער. ס'האָט ניט קיין זינען! מען טאָר אַזוי עמאָציאָנעל ניט אויפֿנעמען ערנסטע פּראָבלעמען! מען טאָר ניט איבער־טרײַבן! (און פֿאַרגעזעצט, שוין מילדער) כ'האָב מורא, האָסט מיך שלעכט פֿאַרשטאַנען. און אפֿשר

האָב איך שלעכט זיך אויסגעדריקט. עס האַנדלט זיך, אין תּוך, נישט וועגן דער ייִדישער באַפעל־קערונג, ווי אַ גאַנצער, נאָר וועגן געוויסע טײלן אירע, וואָס זײַנען שטאַרק נאַציאָנאַליסטיש גע־שטימט און פאַרבאַהאַלטן אַפילו ניט זייער נאַציאָ־נאַליזם. מען האָט מיר דערציילט וועגן גרויסע מאַניפעסטאַציעס, וואָס זײַנען אָרגאַניזירט גע־וואָרן לכּבֿוד דעם אויפקום פון מדינת ישׂראל. די סאָוועטישע חבֿרים האַלטן, אַז די ווידעראויפ־לעבונג פון דער ייִדישער קולטור איז נישט בלויז אומנייטיק, נאָר איז מסוגל צו פאַרשטאַרקן אָט דעם נאַציאָנאַליזם.

ס׳איז צוגעפאַלן אַ שטילקייט. איך בין געווען אין גאַנצן דערשיטערט, הגם טאָרעז האָט, ווי איך האָב פאַרשטאַנען, געפּרוּווט אָפּשוואַכן דעם אײַנ־דרוק, וואָס זײַנע אינפאָרמאַציעס האָבן אויף מיר געמאַכט. ער האָט געטראַכט אַ ווײַלע און צוגע־געבן:

— איך האָב מיט די סאָוועטישע חבֿרים לאַנג דיסקוטירט וועגן די אַלע פּראָבלעמען, דיסקו־טירט אויספירלעך, אָפנהאַרציק, חבֿריש. איך האָב זיי געזאָגט: זייער שטעלונג איז אַ פאַלשע. די פאַקטן, אויף וועלכע זיי פאַררופן זיך, קאָנען טאַקע זײַן ריכטיקע, אָבער דער אַנאַליז און די אויספירן

זײַנען פֿאַלשע. נאַציאָנאַליזם? מעגלעך. אָבער פֿון אַ ספּעציפֿישן מין, מיט ספּעציפֿישע סיבות. מען טאָר ניט פֿאַרגעסן באַבי־יאַר, אוישוויץ און די אַלע דערשיטערונגען פֿון די נאָך־מלחמה יאָרן. איך האָב זיך נאָכגעפֿרעגט. די אינפֿאָרמאַציעס פֿון דײַן מעמאָראַנדום שטימען מיט דערווירקלעכקײַט. דאָס דאַרף מען נעמען אין באַטראַכט. אַפֿילו אַ נאָרמאַל, געזונט נאַציאָנאַל געפֿיל קאָן ווערן קראַנק, פֿאַרקריפּלט. קיין שום אַדמיניסטראַטיווע מיטלען וועלן דאָ ניט העלפֿן, וועלן גאָרניט אויס־היילן, גאָרניט לייזן. גראָד פֿאַרקערט. דאָס איז נישט קיין אויסוועג. איך האָב די חבֿרים דער־ציילט, ווי מען באַקעמפֿט בײַ אונדז אין פֿראַנק־רײַך וואַלד־שׂרפֿות. ס׳איז אַן אַלטע דורותדיקע טראַדיציע. די טראַדיציע פֿון קעגן־פֿײַער. בעת עס ברעכט אויס אַ וואַלד־שׂרפֿה, צינדט מען אַ קעגן־שׂרפֿה, וואָס רינגלט זי אַרום און פֿאַרהאַלט זי.

אַ קעגן־פֿײַער שטעלט אָפּ און לעשט פֿאַ־מעלעך אויס דאָס פֿײַער. איך האָב די חבֿרים גע־זאָגט: שאַפֿט באַדינגונגען, וואָס זאָלן דערלויבן דער סאָוועטישער ייִדישער באַפֿעלקערונג זיך אויסצולעבן נאַציאָנאַל, ווי אַלע אַנדערע סאָווע־טישע פֿעלקער, באַנײַט די ייִדישע קולטור אין לאַנד. דאַן וועלן במילא די פֿראַגן וועגן נאַציאָ־

נאַליזם און וועגן שוואַכסטן רינג ווערן געלייזט. מיר דאַכט, אַז די דיסקוסיע איז געווען אַ פּרוכט־באַרע. איך גלויב, אַז עס וועלן פֿאַרקומען ענדע־רונגען. צום גוטן.

איך האָב באַמערקט, אַז טאַרעז ווערט מיד. אָבער נאָך אַ פֿראַגע האָט מיר ממש געברענט די ליפּן. איך האָב געבעטן אַ דערלויבעניש זי צו שטעלן:

— צו דער ייִדיש־סאָוועטישער פּראָבלע־מאַטיק האָסטו אמת קיין מאָל ניט געהאַט קיין דירעקטן שײַכות. אָבער ביסט אַזוי פֿיל יאָרן גע־ווען אין ראַטנפֿאַרבאַנד און מיט דער ייִדיש־סאָווע־טישער קולטור, מען קאָן זאָגן, מיטן סאָוועטישן ייִדנטום, איז געשען אַזאַ גרויסע, אַזאַ בלוטיקע טראַגעדיע — צי האָסטו וועגן דעם גאָרניט, גאָר־ניט געוווּסט?

טאַרעז האָט אַ לאַנגע ווײַלע מיך אָנגעקוקט שווײַגנדיק און געזאָגט:

— ניין, איך האָב ניט געוווּסט. עס זײַנען, צום באַדויערן, געשען אין ראַטנפֿאַרבאַנד אַ סך אַנ־דערע גרויסע, בלוטיקע טראַגעדיעס, אָבער מיר האָבן גאָר וועגן זיי ניט געוווּסט. ריכטיקער (ער האָט זיך געוואַקלט אַ ווײַלע), מיר האָבן עפּעס־וואָס געהערט, אָבער ניט געגלייבט און במילא —

נישט דערלאָזט צו אונדזער באַוווּסטזײַן, אָפּגעשטויסן פֿון זיך. מיר האָבן געהאַט צוטרוי. עס איז ניט לײַכט פֿאַר אַן אויסלענדער צו פֿאַרשטיין דעם באַטייט, אין ראַטנפֿאַרבאַנד, פֿונעם באַגריף: צוטרוי. צוטרוי צו דער פּאַרטיי, צו דעם ראַטנמאַכט. דאָס מיינט: אומבאַגרענעצטער צוטרוי, אַבסאָלוטער צוטרוי, ממש בלינדער צוטרוי. איך וויל, דו זאָלסט מיר גלייבן. אָט וועל איך דיר דערציילן עפּעס ריין־פּערזענלעכס.

— דאָס איז געשען, ווען איך בין געלעגן אין מאָסקווער שפּיטאָל, אַ שווער קראַנקער, אין אַ שטאַרק געדריקטער שטימונג. איין מאָל, פֿאַרנאַכט־צײַט, איז צוגעגאַנגען צו מיר אַ קראַנקן־שוועסטער און, אַן איין וואָרט, אַוועקגענומען אַלע רפֿואות, וואָס זײַנען געלעגן לעבן מיר און וואָס איך פֿלעג אײַננעמען טאָג־טעגלעך, אַוועקגענומען ביזן לעצטן טראָפּן, ביזן קלענסטן פּיל. איך בין געוואָרן דערשיטערט. דאָס איז געווען דער באַשיימפּערלעכסטער באַווײַז, אַז פֿאַר מיר איז מער קיין רפֿואה נישטאָ, אַז איך בין פֿאַרמשפּט. אויף מאָרגן אין דער פֿרי האָב איך, דורך די צײַטונגען, זיך דערוווּסט, אַז די פּראָפֿעסאָרן, וואָס האָבן מיך געהיילט, זײַנען אין דער אמתן פּשוטע מערדער, וועלכע האָבן געוואָלט מיך אומ־

ברענגען. ווייסטו, ווי איך האָב אויף דער ידיעה רעאַגירט? מײַן ערשטער געפֿיל איז געווען — אַן אומגעהײַערע פֿרייד, ממש אַ חיהשע פֿרייד. מען וועט מיך ווידער היילן! איך בין נישט קיין פֿאַר־משפּטער! איך וועל לעבן! ערשט שפּעטער איז מיר געקומען דער געדאַנק: וואָס איז דאָ אַזוינס גע־שען?! ווי אַזוי איז עס מעגלעך?! ווי איז עס גאָר באַגרײַפֿלעך?! אָט די מערדער, וועלכע האָבן גע־וואָלט מיך טויטן, האָבן דאָך געהיילט מיך מיט אַן איבערגעגעבנקייט, וואָס איז אוממעגלעך גאָר זיך פֿאָרצושטעלן, מיט טרײַשאַפֿט, מיט ליבשאַפֿט, ניט ווי פֿרײַנט, ניט ווי חבֿרים, נאָר ווי אייגענע ברי־דער, ווי אַן אייגענער פֿאָטער! אָבער פֿאָרט, זיי האָבן אַליין זיך מודה געווען. און צו דער העכ־סטער סאָוועטישער יוסטיץ — ווי קאָן מען דען נישט האָבן קיין צוטרוי?! האָב איך געהאַט צוטרוי...

עס איז ווידער צוגעפֿאַלן אַ שטילקײַט. איך האָב געוואָלט זיך אויפֿהייבן, אָבער טאַרעז האָט, מיט אַ באַוועגונג פֿון דער האַנט, מיך געבעטן בלייבן זיצן.

— מיר האָבן נאָך ניט געענדיקט, האָט ער געזאָגט. איך האָב דיך געבעטן קומען נישט בלויז לשם אינפֿאָרמאַציע, נאָר אויך בכדי צו דער־פֿילן אַ שליחות. איך דאַרף דיר איבערגעבן אַן

אײַנלאַדונג. דײַן מעמאָראַנדום, איבערגעזעצט אויף רוסיש, געפֿינט זיך אין די העכסטע סאָוועטישע אינסטאַנצן. די רוסישע חבֿרים האָבן זיך אָנגעפֿרעגט וועגן מחבר פֿון מעמאָראַנדום און מיר געזאָגט: זאָל דער חבֿר קומען אַהער, בכדי צו דורכדיסקוטירן די אַלע פּראָבלעמען. ער וועט קאָנען זען אַלץ און אַלעמען, וועמען ער וועט נאָר וועלן... איך גיב דיר איבער די אײַנלאַנדונג קיין מאָסקווע.

פֿון אומגעריכטקייט, בין איך געוואָרן אינגאַנצן מבולבל. אַן אײַנלאַדונג קיין מאָסקווע, אין דער איצטיקער סיטואַציע?! נאָך דעם אַלעמען, וואָס איך האָב נאָר־וואָס אויסגעהערט?!

טאָרעז האָט געשמייכלט.

— יאָ, און איך האַלט, אַז דו דאַרפֿסט פֿאָרן.

— אַזאַ רײַזע, האָב איך געטראַכט אויפֿן קול, וואָלט געהאַט אַ זין בלויז אין פֿאַל, ווען עס וואָלט געווען אַן אויסזיכט — אַפֿילו דער מינדסטער — אויף דערפֿאָלג.

טאָרעז האָט געענטפֿערט קאַטעגאָריש:

— איך גלייב, אַז אַזאַ אויסזיכט איז פֿאַראַן.

האָב איך געבעטן עטלעכע טעג אויף באַקלערן זיך און מיר האָבן פֿרײַנדלעך זיך געזעגנט.

* * *

אַ וואָך שפּעטער, דעם 4טן אָקטאָבער 1957, האָב איך אַוועקגעשיקט טאָרעזן פֿאָלגנדיקן בריוו:

„טײַערער חבֿר טאָרעז,

איך וויל קודם כּל דיר באַדאַנקען, פֿון גאַנצן האַרצן, פֿאַר דער פֿרײַנדלעכקײַט, מיט וועלכער דו האָסט מיך אויפֿגענומען. איך בין געווען אויך טיף גערירט פֿון דײַן ברידערלעכער פֿאַרשטענדעניש פֿאַר די טרויעריקע ענינים, וועגן וועלכע מיר האָבן געשמועסט.

מען דאַרף טאָן אַלץ, וואָס הענגט אָפּ פֿון אונדז, אַבסאָלוט אַלץ, בכדי עס זאָל ווי אַמ־שנעלסטן געפֿונען ווערן אַ צופֿרידנשטעלנדיקע לייזונג פֿאַר די פּראָבלעמען, וואָס ברענגען אָן אומגעהײערן שאָדן אונדזער פּאַרטיי, אָן אומגע־הײערן שאָדן אויך דעם ראַטנפֿאַרבאַנד און דער זאַך פֿון סאָציאַליזם בכלל.

איך בין, פֿאַרשטענדלעך, מסכּים צו פֿאָרן קיין מאָסקווע בכדי צו דיסקוטירן וועגן גאַנצן ענין, אַזוי ווי דו האָסט מיר פֿאָרגעלייגט. אַזאַ נסיעה איז פֿאַר מיר פֿאַרבונדן מיט פֿיל שוועריקײַטן, קודם כּל פּראָפֿעסיאָנעלע. זיי וועלן אָבער ניט אָפּהאַלטן מיך קיין איין רגע, אויב ס'איז נאָר פֿאַראַן אָן אויסזיכט אויף דערפֿאָלג.

דער דערפֿאָלג פֿון דער נסיעה הענגט אָבער

אָפּ אין גאַנצן פֿונעם כאַראַקטער, וואָס וועט איר אָנגעגעבן ווערן גלײַך פֿון אָנהייב.

אַ פּריוואַטער באַזוך, אַפֿילו מיט דער מעגלעכקײַט צו זען אַלץ און אַלעמען, ווענען כ'וועל נאָר וועלן — אַזוי ווי מען האָט דיך פֿאַר־זיכערט — וועט ניט ברענגען לחלוטין קיין שום נוצן. עס האַנדלט זיך ניט מער וועגן צונויפֿ־זאַמלען אינפֿאָרמאַציע. מיר זײַנען שוין, צו אונ־דזער גרויסן ווייטיק, זייער גוט אינפֿאָרמירט. דאָס וואָס פֿאָדערט זיך איצט איז — צו באַאײַנפֿלוסן, צו איבערצײַגן און דאָ, צום באַדויערן, וועלן נישט מײַנע באַמיונגען, נישט מײַנע אַרגומענטן ניט האָבן קיין שום פּעולה. אַ ריי אַנדערע שרײַבער, ייִדן און ניט־ייִדן, האָבן שוין פֿילמאָליק אינטערווענירט, אָן דעם מינדסטן רעזולטאַט.

דער איינציקער באַדינג פֿאַר דערפֿאָלג איז צו אָרגאַניזירן מײַן רײַזע אויף אַזאַ אופֿן, אַז זי זאָל קאָנען באַטראַכט ווערן ווי אַן אינטערווענץ, וואָס האָט דעם פֿולן הסכּם פֿון אונדזער פּאַרטיי, פֿון דער גרויסער פֿראַנצייזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. מײַן נסיעה דאַרף אַזוי אַרום זײַן אַ שליחות פֿון דער פּאַרטיי.

עס האַנדלט זיך, פֿאַרשטענדלעך, נישט וועגן קיין אָפֿיציעלער שליחות. ס'איז אָבער נייטיק אַז די,

מיט וועמען מיר וועט אויסקומען צו דיסקוטירן, זאָלן וויסן, אַז די שטעלונג, וואָס איך פֿאַרטיידיק (און וואָס איך האָב אַנטוויקלט אין מײַן מעמאָ־ראַנדום פֿון 20טן מערץ ד.י.) איז נישט בלויז מײַנע אַ פּערזענלעכע, נאָר וווערט אויך געשטיצט דורך דער אָנפֿירערשאַפֿט פֿון אונדזער פּאַרטיי.

איך גלייב, אַז צום בעסטן וואָלט געווען (סײַ פֿאַר דער זאַך גופֿא, סײַ, כ׳בין זיך מודה, פֿאַר מיר פּערזענלעך) ווען מען וואָלט געקאָנט פֿאַרבינדן מײַן נסיעה מיט דעם באַזוך, וואָס דו קלײַבסט זיך צו מאַכן בקרובֿ אין ראַטנפֿאַרבאַנד, אין שײַכות מיטן פֿערציקסטן יובֿל פֿון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

דאָס וואָלט מיר געגעבן די מעגלעכקײַט צוצו־גרייטן, נאָך אַ ריי פֿריערדיקע פּערזענלעכע קאָנ־טאַקטן, דעם מאַטעריאַל פֿאַר די דעצידירנדיקע צוזאַמענטרעפֿן, אין דײַן אַנוועזנקײַט, און בעת וועלכע מײַן ראָל וואָלט זיך באַגרענעצט צו דער באַשיידענער פֿונקציע פֿון אַן עקספּערט פֿון אונ־דזער פּאַרטיי.

אויב אַזאַ לייזונג וועט, צוליב וועלכע ניט איז סיבות, זיך אַרויסווײַזן פֿאַר ניט רעאַליזירבאַר, וועט נייטיק זײַן עס זאָל מיך באַגלייטן, בעת מײַן אויפֿהאַלט אין מאָסקווע, אַ חבֿר פֿון דער פּאַרטיי־אָנפֿירונג, בכדי די וויכטיקסטע אונטערהאַנד־

לונגען זאָלן פֿאָרקומען אין זײַן אָנוועזנקײַט.

בכל אופֿן דוכט זיך מיר, אַז מײַן נסיעה, אויב טאָקע זי וועט צושטאַנד קומען, וואָלט געדאַרפֿט אויספֿאַלן קורץ נאָך די פֿײַערונגען פֿון פֿער־ציקסטן יובֿל, מחמת דאַן וועלן אין דער סאָווע־טישער הויפּטשטאָט זיך געפֿינען — אַזוי בין איך יעדנפֿאַלס משער — אַ צאָל אָנפֿירנדיקע חבֿרים פֿון אונדזער פּאַרטיי.

איך וויל אונטערשטרײַכן, אַז דאָס איז אַב־סאָלוט ניט קיין פֿראַגע פֿון פּערזענלעכער באַ־קוועמלעכקײַט. עס האַנדלט זיך אויסשליסלעך וועגן שאַפֿן די גינציקסטע באַדינגונגען בכדי צו דערגרייכן די געוווּנטשענע רעזולטאַטן.

ס'איז קוים נייטיק נאָך אַ מאָל צו דערמאָנען די אומגעוויינטלעכע וויכטיקײַט פֿון דעם ענין, וואָס שטײַגט אַריבער די ראַמען פֿון אַ ריין־ייִדישער און אַפֿילו ריין־סאָוועטישער פֿראַגע. איך האָב די טיפֿסטע איבערצײַגונג, אַז בלויז אונדזער פּאַרטיי איז מסוגל צו דערפֿירן צו אַ לייזונג פֿון אָט דעם פּײַנלעכן פּראָבלעם, וואָס געפֿינט זיך דערווײַל אויף אַ טויטן פּונקט.

דאָס איז אַן אויפֿגאַבע, פֿאַר וועלכער די באַצייכענונג: אַ היסטאָרישע, זעט מיר אויס — אָן קיין שום מליצה — לחלוטין נישט איבערטריבן.

קאַפּיטל פיר

די הכנות

די גרונט־אָרגאַניזאַציע פון דער קאָמוניסטי־שער פאַרטיי איז — דאָס קעמערל. יעדער פאַרטיי־חבר געהערט, אָבליגאַטאָריש, צו אַ קעמערל, לויט זײַן אַרבעט־פּלאַץ, זײַן באַרוף אָדער עווענטועל, זײַן וווינאָרט. אַן אינדוסטריעלער אַרבעטער איז אַ מיטגליד פונעם קעמערל פון זײַן אינדוסטריעלער אונטערנעמונג, און אָנגעשטעלטער — פונעם קעמערל פון זײַן ביוראָ, אַ סטודענט, אַ פּראָ־פעסאָר — פונעם אוניווערסיטעט־קעמערל, אַן אַדוואָקאַט, אַ ריכטער — פונעם געריכט־קעמערל. די חברים, וועלכע זײַנען, צוליב אַזעלכע אָדער אַנדערע טעמים, מער נישט טעטיק פּראָפעס־יאָנעל, געהערן צו געגנט־קעמערלעך, לויט זייער וווינאָרט.

אינעם קעמערל ווערן באַהאַנדלט הן אַלע אַלגעמיין־פּאָליטישע פּראָבלעמען פון לאַנד, הן אַלע פראַגעס פון ספּעציפיש לאָקאַלן כאַראַקטער. פון דעם סעקרעטאַריאַט פון קעמערל — אַ באמת דעמאָקראַטיש אויסגעווײלטן דורך דער מיט־

גלידערשאַפט — פירט אַ גאַנצע היעראַרכיע פון אינסטאַנצן, מער אָדער ווייניקער דעמאָקראַטיש „אויסגעוויילטע״, ביז דער העכסטער פּאַר־טייִשער אינסטאַנץ, דעם צענטראַל־קאָמיטעט.

צו די אַלגעמיינע פּאַרטיי־קעמערלעך געהערן, אין פראַנקרייַך, צוגלייַך מיט אַלע אַנדערע פּאַרטיי־חבֿרים, אויך די אימיגרירטע, ניט־פראַנ־צייזישע מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. זייער ספּעציפיש־נאַציאָנאַלע פּאָליטישע טעטיקייַט — אויף זייער אייגענער שפּראַך און מיט זייער אייגענער נאַציאָנאַלער פּראָבלעמאַטיק — ווערט געפירט דורך אַט די אייַנגעוואַנדערטע קאָמוניסטן אויסער די אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַמען פון דער פראַנצייזישער קאָמפּאַרטיי און בכלל אָן אַן אָבליגאַטאָרישער פּאַרטיי־סטרוקטור, אין לויזע, אַזוי גערופענע „מאַסן־אָרגאַניזאַציעס״. מיט דער דאָזיקער טעטיקייַט פירט אָן, אין יעדער נאַציאָ־נאַלער גרופּע, אַ פּאָליטישע קאָמיסיע, נישט קיין אויסגעוויילטע, נאָר אַ נאָמינירטע, אונטער דער אויפזיכט און דעם קאָנטראָל פון אַ ספּעציעלער אינסטאַנץ, אָדער אַ ספּעציעלן פאַראַנטוואָרטלעכן בייַם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פראַנצייזישער פּאַרטיי.

אַזאַ מין קאָמיסיע, וואָס האָט פאַרקערפּערט

און פֿאַרטראַטן די פּאַרטיי־אָנפֿירונג, האָט אויך עקסיסטירט פֿאַר דער אַזוי גערופֿענער „ייִדישער אַרבעט״.

איך בין קיין מאָל, אין דער פֿראַנצײזישער פּאַרטיי, ניט געווען קיין מיטגליד פֿון קיין אָנפֿירנ־דיקער אינסטאַנץ. איך בין אויך קיין מאָל ניט גע־ווען קיין מיטגליד פֿון דער ייִדישער פּאַרטיי־קאָמיסיע, וועלכע האָט, הן אין די צוואַנציקער און דרײַסיקער יאָרן, הן אין די נאָך־מלחמה יאָרן, אָנגעפֿירט מיט אַ ברייט־פֿאַרצווײַגטער געזעל־שאַפֿטלעכער טעטיקײַט, אַרויסגעגעבן אַ טעג־לעכע צײַטונג און אויפֿגעבויט אַ ריי פֿאַרשיידנ־אַרטיקע אינסטיטוציעס און געזעלשאַפֿטן אויפֿן געביט פֿון קולטור און דערציִונג, פֿון פּראָפֿעס־יאָנעלער באַוועגונג, פֿון קעגנזײַטיקער הילף, פֿון ספּאָרט וכדומה. מײַן אויסשליסלעכער טעטיקײַט־געביט איז געווען קולטור־אַרבעט—קולטור־עסקן און שרײַבער.

הגם איך האָב צו דער ייִדישער פּאַרטיי־קאָמיסיע נישט אָנגעהערט, בין איך אָבער געווען באַפֿרײַנדט מיט כּמעט אַלע אירע מיטגלידער, מיט וועמען עס האָבן מיך פֿאַרבונדן יאָרצענדליקער פֿון געמיינזאַמער געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקײַט. די שאַרפֿע אינערלעכע וויכּוחים, וואָס האָבן זיך

געצויגן במשך פֿון יאָרן אַרום פּראָבלעם פֿון דער ייִדישער קולטור אין ראַטנפֿאַרבאַנד — און אָפֿט במילא אָנגענומען אַ פּערזענלעכן כאַראַקטער און אַרויסגערופֿן אַ סך פֿאַרביטערונג — האָבן אָט די פֿרײַנדשאַפֿט היפּש פֿאַרשאָטנט, אָבער ניט אין גאַנצן פֿאַרווישט. עס איז נאָך פֿריש געווען אין זכּרון, די געמיינזאַמע עפּאָפּעע פֿון דער ווידער־שטאַנד־באַוועגונג בעת דער דײַטשער אָקופּאַציע.

גלײַך אויף צו מאָרגנס נאָך מײַן צוזאַמענ־טרעף מיט מאָריס טאָרעזן, האָב איך אינפֿאָרמירט די אָנפֿירנדיקע חבֿרים פֿון דער ייִדישער פּאַרטיי־קאָמיסיע (כ׳האָב עס געהאַלטן פֿאַר מײַן חובֿ) הן וועגן אינהאַלט פֿונעם שמועס מיטן גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון דער פּאַרטיי, הן וועגן מײַן אײַנ־לאַדונג קיין מאָסקווע. דאָס האָט אָבער תּיכּף אַרויסגערופֿן צווישן אונדז אַ נײַע שפּאַנונג.

ריין פֿאָרמעל גענומען, האָט מען מיר גאָרניט געקאָנט פֿאַרוואַרפֿן. איך האָב אמת וועגן מײַנע אַלע שריפֿטלעכע און מינדלעכע אינטערווענצן בײַ דער פּאַרטיי נישט געהאַט דערציילט קיינעם פֿון דער פּאָליטישער קאָמיסיע. כ׳בין עס אָבער אויך ניט געווען מחויבֿ צו טאָן. פּונקט ווי יעדער פּאַרטיי־חבֿר, האָב איך געהאַט דאָס פֿולע רעכט צו ווענדן זיך דירעקט צום צענטראַל־קאָמיטעט וועגן

אַלע ענינים, וואָס איך האָב נאָר געהאַלטן פֿאַר נייטיק.

די באַציִונגען אָבער צווישן מיר — ווי אויך צווישן אַלע ייִדישע שרײַבער, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום דער קאָמוניסטישער באַוועגונג — און דער פּאָליטישער קאָמיסיע זײַנען געוועזן שאַרף קאָנפֿליקטועלע. במילא איז דער פֿאַקט, אַז טאָרעז האָט געהאַלטן פֿאַר נייטיק אויפֿצונעמען מיך אַליין און נישט דעם סעקרעטאַריאַט פֿון דער קאָמיסיע און, מער נאָך, דער פֿאַקט וואָס די אײַנלאַדונג קיין מאָסקווע איז געקומען פֿאַר מיר פּערזענלעך און בלויז פֿאַר מיר, געווען עלול אַרונטערצורײַסן דעם פּרעסטיזש פֿון דער קאָמיסיע און אויסגעטײַטשט ווערן, אַז די פּאַרטיי האָט געגעבן גערעכט מיר — קעגן איר.

די ייִדישע פּאַרטיי־קאָמיסיע האָט זיך דערי־בער געוואָנדן צום צענטראַל־קאָמיטעט מיט אַ בקשה צו פֿאַרוואַנדלען מײַן אינדיווידועלע נסיעה אין אַ נסיעה פֿון אַ דעלעגאַציע, אין וועלכער זי זאָל זײַן ווי געהעריק פֿאַרטראָטן. און דאָס צוליב צוויי טעמים: ערשטנס, צוליב דעם פּרעסטיזש פֿון דער אָנפֿירונג פֿון דער ייִדישער פּאַרטיי־אַרבעט; צווייטנס, בכדי צו פֿאַרזיכערן די פּאָליטישע אויסגעהאַלטנקײַט בעת די אונטערהאַנדלונגען,

וואָס ווערן געפּירט ווערן אין מאָסקווע.

דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט גלײַך געגעבן זײַן הסכּמה און איך — מײַן צושטימונג. עס איז באַשטעטיקט געוואָרן דער פֿאָרשלאָג פֿון אַ דרײַ־פּערזאָניקער דעלעגאַציע אין באַשטאַנד פֿון: א. יודין, סעקרעטאַר פֿון דער ייִדישער פּאַרטיי־קאָמיסיע, מ. ווילנער, דירעקטאָר פֿון דער טאָג־צײַטונג „נײַע פּרעסע״ און — איך. אין נאָמען פֿון דער פֿראַנצייזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָט אונדז געדאַרפֿט באַגלייטן אַ מיטגליד פֿון צענ־טראַל־קאָמיטעט.

די דאַטע פֿון דער רײַזע איז נאָך ניט געווען באַשטימט. ס׳איז אָבער געווען קלאָר, אַז מחמת די אַרײַנגעבראַכטע ענדערונגען, וועט זי ניט קאָנען צושטאַנד קומען נישט בעת די אָקטאָבער־פֿײַע־רונגען, נישט גלײַך נאָך זיי. האָבן מיר אויסגע־נוצט די צײַט בכדי צוצוגרייטן די נסיעה — פּאָ־ליטיש — אויף אַ גאַנצער ריי באַראַטונגען, זאַלבע־דריט און אַפֿט זאַלבעפֿערט, מיטן אַנטייל פֿונעם פֿראַנצייזישן חבֿר, אונדזער צוקונפֿטיקן באַ־גלייטער.

עס איז נייטיק געווען פֿעסטצושטעלן די אייגנטלעכע אויפֿגאַבן פֿון דער דעלעגאַציע, די צילן וואָס זי צייכנט אָן פֿאַר זיך, די פּראָבלעמען,

וואָס זי קלײַבט זיך אויפֿצוהויבן און די מעטאָדן מיט וועלכע זי האָט בדעה זיך צו באַנוצן. און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צווישן מיר און מײַנע חבֿרים־מיטפֿאָרער הערשט אַ טיפֿער חילוקי־דעות.

ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם, צי מען דאַרף אויסברייטערן, אָדער קאַפּויער פֿאַרשמעלערן דעם פֿאַרנעם פֿון די פּראָבלעמען, וואָס מיר וועלן שטעלן צו דיסקוסיע, וועגן דעם צי מען דאַרף אונדזער שליחות אײַנשליסן אין די קאָנפֿידענציעלע ראַמען פֿון ענג־צווישן־פּאַרטייִשע קאָנטאַקטן, אָדער קאַפּויער באַמיען זיך איר אָנצוגעבן אַ וואָס ברייטערן געזעלשאַפֿטלעכן אָפּקלאַנג. דאָס זײַנען געווען פֿראַגעס נישט בלויז פֿון טאַקטיק, נאָר גלײַכצײַטיק פֿון פּרינציפּיעלן באַטײַט.

אונדזערע דיסקוסיעס האָבן זיך אַזוי לאַנג געצויגן, די ווידעראַנאַנדן אַזוי פֿאַרשאַרפֿט, אַז איך האָב געפֿונען פֿאַר נייטיק צו רעזומירן מײַן שטעלונג אין אַ ספּעציעלן דאָקומענט, וועלכן כ׳האָב איבערגעשיקט, דעם 2טן פֿעברואַר 1958, צום סעקרעטאַריאַט פֿון צענטראַל־קאָמיטעט, מיט קאָפּיעס, פֿאַרשטייט זיך, פֿאַר מײַנע ביידע מיטפֿאָרער.

דער דאָקומענט לייענט זיך אַזוי:

דער ציל און די אַרבעט־מעטאָדן
פֿון אונדזער דעלעגאַציע

דער ציל און די אַרבעט־מעטאָדן פֿון אונדזער דעלעגאַציע דאַרפֿן אָנגעצייכנט ווערן, גלייב איך, אויפֿן סמך פֿון דעם שמועס, וואָס עס האָט מיט מיר געהאַט, דעם 26טן סעפּטעמבער פֿון פֿאַריקן יאָר, דער גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון אונדזער פּאַרטיי.

צום סוף פֿון אונדזער שמועס, האָט חבֿר טאַרעז מיר געזאָגט: „דײַן מעמאָראַנדום (פֿון 20טן מערץ 1957), איבערגעזעצט אויף רוסיש, געפֿינט זיך אין די העכסטע סאָוועטישע אינסטאַנצן. די רוסישע חבֿרים האָבן זיך אָנגעפֿרעגט וועגן מחבר פֿון מעמאָראַנדום און מיר געזאָגט: זאָל דער חבֿר קומען אַהער, בכדי צו דורכדיסקוטירן די אַלע פּראָבלעמען. ער וועט קאָנען זען אַלץ און אַלע־מען, וועמען ער וועט נאָר וועלן". און חבֿר טאַרעז האָט צוגעגעבן: „איך האַלט, אַז דו דאַרפֿסט פֿאָרן".

אויף מײַן באַמערקונג, אַז אַזאַ נסיעה וואָלט געהאַט אַ זין בלויז אין פֿאַל, ווען עס וואָלט געוועזן אַן ערנסטער אויסזיכט, אַפֿילו דער מינדסטער, אויף דערפֿאָלג, האָט טאַרעז געענטפֿערט: „איך גלייב, אַז אַזאַ אויסזיכט איז פֿאַראַן".

דער ציל פֿון דער רײַזע איז אַזוי אַרום גע־וואָרן אָנגעצייכנט, פֿון איין זײַט, דורך די סאָווע־

טישע חבֿרים גופֿא, וואָס האָבן בדעה פֿאַרצווזעצן און אויסברייטערן דעם מיינונג־אויסטויש, וועלכן זיי האָבן אָנגעהויבן מיטן חבֿר טאַרעז און, פֿון דער צווייטער זײַט, דורכן גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון אונדזער פּאַרטיי, וואָס האַלט, אַז אָט דער מיינונג־אויסטויש קאָן און דאַרף דערפֿירן צו קאָנקרעטע רעזולטאַטן.

לויט די סאָוועטישע חבֿרים — און נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַן אינדיווידועלער אײַנלאַדונג — האָט דער מיינונג־אויסטויש געזאָלט אַרומנעמען בלויז די פּראָבלעמען, וואָס זײַנען געוואָרן אַנטוויקלט אָדער אָנגעמערקט אין מײַן מעמאָראַנדום. ס׳איז אָבער קלאָר, אַז אונדזער דעלעגאַציע וועט קאָנען אויסברייטערן די ראָמען פֿון אָט דער פּראָבלעמאַטיק.

ס׳דאַרף טאָקע בפֿירוש אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז עס האַנדלט זיך וועגן דער גאַנצער, דער אַלזײַטיקער פּראָבלעמאַטיק, אַזאַ ווי זי עקסיסטירט איצט באמת, אין דער ווירקלעכקײַט.

די פֿראַגע וועגן דער ייִדישער קולטור אין ראַטנפֿאַרבאַנד אינטערעסירט אונדז, נאַטירלעך, אין דער ערשטער ריי. עס איז אָבער אַבסאָלוט אוממעגלעך צו איזאָלירן אָט די פֿראַגע פֿונעם אַלגעמיינעם פּראָבלעם וועגן מצבֿ, הײַנט צו טאָג,

פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין ראַטנפֿאַר־באַנד, נישט בלויז אויפֿן געביט פֿון קולטור, נאָר גלײַכצײַטיק אויך אויפֿן סאָציאַלן, עקאָנאָמישן און פּאָליטישן געביט.

די אינפֿאָרמאַציעס, וואָס די סאָוועטישע פֿירנדיקע חבֿרים האָבן, אין אויגוסט חודש פֿון פֿאָריקן יאָר, געגעבן דעם חבֿר טאָרעז וועגן די נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען צווישן דער ייִדישער באַפֿעלקערונג און וועגן איר באַציִונג צו מדינת ישׂראל, באַשטעטיקן צום בעסטן דאָס, וואָס איך האָב אין מײַן מעמאָראַנדום בלויז פֿאָרגעפֿילט און נעמלעך, אַז דער עיקר־פּראָבלעם איז אַן אַן ערך ברייטער, ווי זײַן אויסשליסלעכער קולטור־אַספּעקט.

מיר וואָלטן דעריבער זיך אויסגעמיטן מיטן ציל, ווען מיר באַגרענעצן זיך צו בלויז איין אַספּעקט, אַנשטאָט צו באַרירן דאָס אַלזײַטיק־גאַנצע.

באַרירן — ווי אַזוי?

וואָס שייך מיר פּערזענלעך, רעזערוויר איך זיך, נאַטירלעך, דאָס רעכט צו פֿאַרטיידיקן מײַן מעמאָראַנדום אין אַלע זײַנע אויספֿירן (איך דערלויב זיך צו דערמאָנען, אַז דאָס איז לכתּחילה געווען דער אייגנטלעכער ציל פֿון מײַן רײַזע).

וואָס שייך אונדזער דעלעגאַציע, אין גאַנצן

גענומען, גלייב איך, אַז מיר ווען דאַרפֿן, אין אונ־
דזערע פֿאַרהאַנדלונגען, זיך שטיצן אויף די
תּשובֿות, וואָס דער חבֿר טאַרעז האָט געגעבן די
סאָוועטישע אָנפֿירנדיקע חבֿרים, אין צוויי עיקר־
דיקע געביטן און נעמלעך:

1) אויפֿן געביט פֿון ייִדישער קולטור — עס
איז אוממעגלעך צו לייזן די דאָזיקע פֿראַגע דורך
אַדמיניסטראַטיווע מיטלען;

2) אויפֿן אַלגעמיין־פּאָליטישן געביט און בכדי
צו קעמפֿן מיט דערפֿאָלג קעגן יעטוועדן אומ־
געזונטן נאַציאָנאַליזם — די טעאָריע פֿון „קעגן־
פֿײַער".

די אויפֿגאַבע פֿון אונדזער דעלעגאַציע וועט
אַזוי אַרום באַשטיין — נישט אין דורכפֿירן סתּם אַ
מיינונג־אויסטויש, נישט אין אַרײַנלאָזן זיך אין
אַקאַדעמישע וויכּוחים, נאָר אין פֿאַרטיידיקן אַ
קלאָרע און קאַטעגאָרישע שטעלונג, וואָס לאָזט זיך
דעפֿינירן בערך אַזוי:

די טראַגישע אומגערעכטיקייט, וואָס שטאַמט
דירעקט פֿון דער תּקופֿה פֿון „פּערזאָנען־קולט" און
שטעלט פֿאָר מיט זיך אַ הימל־שרײַענדיקע פֿאַר־
לעצונג פֿון דער לענינישער נאַציאָנאַלער פּאָ־
ליטיק, דאַרף ווערן וואָס שנעלער פֿאַרריכט און
פֿאַרגיטיקט. ס'איז אַבסאָלוט ניט וויכטיק אויף

וועלכע גורמים עס וועט אונדז ווערן אָנגעוויזן בכדי אויפֿצוקלערן די אומגערעכטיקייט. זיי קאָנען גאָרנישט אויפֿקלערן און געוויס לחלוטין גאָרניט באַרעכטיקן. (דער באַרימטער בריוו, למשל, פֿון דער אָפֿיציעלער, מלוכהשער „וואָקס"־געזעל־שאַפֿט שוויבלט און גריבלט מיט סקאַנדאַליעזע טעותים און מיט בפֿירוש גראָבע ליגנס). די אומגע־רעכטיקייט, ווי אַזוי מען זאָל זיך ניט באַמיען זי אונדז פֿאַרצושטעלן, איז און פֿאַרבלייבט אַן אומגע־רעכטיקייט. זי דאַרף ווערן פֿאַרגיטיקט ווי אַמ־שנעלסטן.

מיט איין וואָרט, מיר קומען ווי פֿאַרטיידיקער פֿון אַ גערעכטער זאַך און מיר ווילן דאַרפֿן זי פֿאַרטיידיקן, נישט בלויז מיט דער טיפֿסטער איבערצייגונג פֿון איר גערעכטיקייט, נאָר אויך מיטן גאַנצן האַרצן.

פֿון אָט די אויפֿגאַבן, וואָס שטעלן זיך פֿאַר אונדזער דעלעגאַציע, דרינגען אַרויס אונדזערע אַרבעט־מעטאָדן.

איך שטעל זיך פֿאָר, אַז מיר ווילן דאַרפֿן פֿירן אונטערהאַנדלונגען מיט אַ דעלעגאַציע, אָדער קערפּערשאַפֿט, וואָס וועט ווערן באַשטימט דורך דער אָנפֿירונג פֿון דער סאָוועטישער פּאַרטיי. די אונטערהאַנדלונגען ווילן אַוודאי זיין פֿון גרויס

וויכטיקײַט. אין פֿאַל אָבער — וואָס איז אַבסאָלוט ניט אויסגעשלאָסן — ווען אונדז וועט נישט געלינגען צו איבערצײַגן דעם סאָוועטישן צד, וועט זײַן אונדזער חובֿ צו זוכן הילף און אונטערשטיצונג אויסער די ראַמען פֿון דער דאָזיקער קערפּערשאַפֿט.

איך גלייב, אַז די סאָוועטישע חבֿרים גופֿא האָבן טאַקע אַזוי זיך פֿאַרגעשטעלט די אַרבעט־מעטאָדן פֿון אַן אויסלענדישער דעלעגאַציע, בעת זיי האָבן פֿאַרזיכערט דעם חבֿר טאַרעז, אַז, קומענדיק קיין ראַטנפֿאַרבאַנד, וועל איך „קאָנען זען אַלץ און אַלעמען".

עס וועט אונדז זיכער אויסקומען צו שטעלן זיך אין פֿאַרבינדונג מיט די סאָוועטישע שרײַבער, ייִדישע און רוסישע, און אפֿשר אויך באַמיען זיך וועגן אַ באַגעגעניש מיט דער העכסטער סאָוועטישער פֿירערשאַפֿט, פֿון וועמען עס איז ענדגילטיק אָפּהענגיק די לייזונג פֿון פּראָבלעם.

אין סך־הכל זע איך פֿאַר אונדזער דעלעגאַציע פֿאַר אַן אויסערגעוויינלעך שווערע אַרבעט, וואָס האָט ניט קיין שום געמיינזאַמס מיט אַן אינפֿאָרמאַציע־שליחות.

מיר וועלן דאַרפֿן פֿירן אַ קאַמף — אַ קאַמף פֿאַר גערעכטיקײַט! — באַווירקן, איבערצײַגן און

פֿאַרשטענדלעך, אַז דער ערשטער באַדינג פֿאַר דערפֿאָלג איז — אַז מיר אַליין זאָלן זײַן טיף איבערצײַגט אין דער אַבסאָלוטער ריכטיקײַט פֿון אונדזער שטעלונג, איבערצײַגט אויך אין דער גרויסער, אין דער אומגעהייערער וויכטיקײַט פֿון דער שליחות און דאָס, נישט בלויז פֿאַר אונדזער פּאַרטיי און פֿאַר אַ גאַנצער ריי ברידער־פּאַר־טייען, נאָר אויך פֿאַרן ראַטנפֿאַרבאַנד גופֿא".

* * *

דער דאָזיקער דאָקומענט וועגן „מעטאָדיק" האָט געהאַט אַן אומגעריכטן רעזולטאַט. איך בין אַרויסגערופֿן געוואָרן אין סעקרעטאַריאַט פֿון צענ־טראַל־קאָמיטעט און דאָרט איז מיר געמאָלדן גע־וואָרן אַט וואָס:

די פּאַרטיי־אָנפֿירונג האָט גאָרניט וואָס אויסצוזעצן קעגן מײַן פּראָיעקט און איז ווענט־לעך מיט אים מסכּים. די אָנגעמערקטע צילן־און־מעטאָדן גייען אָבער ווײַט אַריבער די ראַמען פֿון צווישן־באַציונגען צווישן צוויי קאָמוניסטישע ברידער־פּאַרטייען. די אָנוועזנקײַט אין דער דעלע־גאַציע פֿון אַ חבֿר פֿון צענטראַל־קאָמיטעט איז דעריבער נישט מעגלעך. אַט די אָנוועזנקײַט וואָלט אַגבֿ געקאָנט זײַן אַ שטערונג פֿאַר געוויסע איניצי־

אַטיוון פֿון ניט־צווישן־פּאַרטייִשן כאַראַקטער, ווי למשל דער געפּלאַנטער צוזאַמענטרעף מיט די סאָוועטישע שרײַבער.

די דרײַ־פּערזאָניקע דעלעגאַציע בלײַבט, ווי פֿאַרויסגעזען, אין אָפֿיציעלער שליחות פֿון דער פּאַרטיי, זי וועט טאַקע הייסן „דעלעגאַציע פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פֿראַנצייזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי" און ווי אַזאַ וועט זי ווערן אויפֿגענומען אין ראַטנפֿאַרבאַנד. דער פֿראַנצייזישער חבֿר אָבער, מיטגליד פֿון צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס האָט געזאָלט זי באַגלייטן, וועט מיט איר נישט מיטפֿאָרן.

די ידיעה איז געווען פֿאַר אונדז אַ גרויסע אַנטוישונג. מיר האָבן זיך דערפֿילט ווי פֿאַריתומט. די ראָל פֿון אונדזער באַגלייטער וואָלט אין תּוך געווען גיכער אַ סימבאָלישע, אָבער דער סימבאָל האָט פֿאַרמאָגט אַן ערשטראַנגיקן באַטײַט. די אומ־מיטלבאַרע פּאָליטישע אַחריות האָט זיך פֿאַר־וואַנדלט אין גוטהייסונג, אין אונטערשטיצונג. מצד דער פּאַרטיי האָט עס באַטײַט אַ געוויסער צוריק־צוג, וואָס האָט אָבער פֿאַקטיש בלויז אָפּגעשפּיגלט די ווירקלעכקײַט. סוף כּל סוף איז דאָך די פֿראַנ־צייזישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי נישט געווען, אינעם קאַמף פֿאַר ייִדישער קולטור און ייִדישע רעכט אין

ראַטנפאַרבאַנד, קיין דירעקטער צד. אַ וועזנט־לעכער ניואַנס איז אַזוי אַרום געוואָרן אָפּגע־מערקט, אונטערגעשטראָכן.

אַפילו מיט איר קלינגענדיקן טיטל „דעלע־גאַציע פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פראַנ־צייזישער קאָמוניסטישער פאַרטיי״, איז די שליחות געוואָרן אַ ריין־יידיש־געזעלשאַפטלעכע. זי האָט פאַרלוירן דעם כאַראַקטער פון דירעקטע צווישן־פאַרטיי־קאָנטאַקטן. דאָס איז במילא געווען עלול צו באַווירקן די רעזולטאַטן פון דער גאַנצער נסיעה.

מיר האָבן געפּרוּווט דיסקוטירן, איבערצייַגן, אָבער אָן דערפאָלג.

דעם 3טן מערץ 1958 זייַנען מיר, זאַלבעדריט, אַרויסגעפלויגן קיין מאָסקווע.

קאַפּיטל פֿינף

מאָסקווע

דער ערשטער אַרויספֿאָר — ריכטיקער גע־זאָגט, דער אַרויספֿלי — פֿון אונדזער דעלעגאַציע איז ניט געווען קיין זייער מזלדיקער. אויפֿן אָפּ־שטעל אין בערלין האָט מען אונדז מודיע געווען, אַז אין מאָסקווע איז אַ שניי־שטורעם און דער דאָרטיקער לופֿט־פּאָרט איז געשלאָסן! מען האָט געמוזט וואַרטן.

האָבן מיר געוואַרט שעהן און ווידער שעהן, מ׳האָט אונדז מכבד געווען מיט אַ מאָלצײַט און דערווײַל איז צוגעפֿאַלן דער אָוונט און באַלד די נאַכט. די מעטעאָראָלאָגישע ידיעות פֿון מאָסקווע זײַנען אַלץ געווען שלעכטע. איז ניט געבליבן קיין אַנדער ברירה, ווי איבערנעכטיקן אין בערלין. אַ נײַער מאָלצײַט, אַ צימער אין אַ האָטעל, האַרט לעבן לופֿט־פּאָרט, אַ שניי־ווײַסע בעט און אַן אויס־טערליש געפֿיל פֿון אומרעאַלקײַט — פֿאַר־ברענגען אַ נאַכט אין דײַטשלאַנד.

אויף צו מאָרגנס האָט מען זיך ווידער געלאָזן אין וועג, הגם דער שניי־שטורעם איבער דער

סאָוועטישער הויפּטשטאָט האָט נאָך אַלץ ניט גע־האַט זיך איַינגעשטילט. ווידער לאַנגע אָפּשטעלן, צוערשט אין וואַרשע, דערנאָך אין ווילנע. אַנגע־קומען קיין מאָסקווע זיַינען מיר טיף אין דער נאַכט. מען האָט אויף אונדז געוואַרט. אין שטאָט זיַינען מיר אַריַינגעפאָרן, מיטן פּרימאַרגן־גרוי.

אָט בין איך ווידער אין מאָסקווע! ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן, איך דערקען די גאַסן, איַינגע־הילטע אין פרישן שניי. אָבער קיין פריַיד אין האַרצן איז מער ניט געווען. אָט זיַינען די מויערן פון קרעמל! אָט איז דער רויטער פּלאַץ! מיט קאַרגע פיר יאָרצענדליק פריער, האָב איך דאָ מאַר־שירט, אַ צעפּלאָמטער, צעברויזטער, פּופצן־יאָריקער קאָמיוגיסט, אין געשלאָסענע רייען, מיט אַ ביקס אויפן אַקסל, און ענטוזיאַסטיש געזונגען: „דרייסט וועלן מיר גיין אין שלאַכט — פאַר דער מאַכט פון די סאָוועטן!״. און אָט בין איך אויף ס׳ניַי אינעם לאַנד־פון־די־סאָוועטן! אויף ס׳ניַי, בכדי „צו גיין אין שלאַכט״. אָבער קנאָפּע פיר יאָרצענדליק זיַינען פאַרביַי און די שלאַכט איז נישט די זעלבע. עס שטייט אונדז פאַר — „אַ קאַמף פאַר גערעכטי־קיַיט״, נאָך אַזוי פיל אומרעכט, נאָך אַזוי פיל אומ־שולדיק פאַרגאָסענעם בלוט.

מיר האָבן קוים באַוויזן זיך אויסרוען אַ ביסל

נאָכן שווערן וועג, ווי די „שלאַכט" האָט זיך אָנגע־הויבן. ס'איז געווען צוגעגרייט פֿאַר אונדז אַ באַ־געגעניש אין „וואָקס" — ראשי־תּיבֿות פֿון „אַל־סאָוועטישע געזעלשאַפֿט פֿאַר קולטור־באַציִונגען מיט אויסלאַנד". די דאָזיקע געזעלשאַפֿט האָט, אַ יאָר פֿריִער, געהאַט זיך קונה שם געווען מיט אַן עפֿנטלעכער דערקלערונג — אין אַ בריוו צו אַן אויסלענדישער ייִדישער אָרגאַניזאַציע — וועגן דער ייִדישער קולטור אין ראַטנפֿאַרבאַנד. די ייִדישע קולטור, האָט דערקלערט דער „וואָקס", איז אויפֿגעקומען אין געטאָ און איז בעצם, אין איר תּוך, פֿאַרבליבן אַ געטאָ־קולטור. במילא איז זי פֿאַרשווונדן, מיטן פֿאַרשווינדן פֿון געטאָ. בלויז דער אַלטער דור קאָן נאָך האָבן אַ געוויסן אינטע־רעס פֿאַר דער דאָזיקער קולטור און פֿאַר זײַנט־וועגן טאַקע, פֿאַרן אַלטן דור, דערשיינען איצט ווידער אין ראַטנפֿאַרבאַנד ביכער אויף ייִדיש, ווי פֿאַר דער מלחמה. אָט די אויסטערלישע דער־קלערונג האָט אַרויסגערופֿן שאַרפֿע פּראָטעסטן אין פֿיל ייִדישע ישובֿים.

אויפֿגענומען אין „וואָקס" האָט מען אונדז מיט גרויס גאַסטפֿריינדלעכקײַט און אַפֿילו — אויב מײַן זכּרון פֿאַרפֿירט מיך ניט — מיט כּיבוד. דער פֿאַר־זיצער איז געזעסן, אַרומגערינגלט מיט אַ גאַנצן

שטאָב מיטאַרבעטער. געווען אויך אַ פֿאָרשטייער פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער סאָוועטישער קאָמפּאַרטיי.

אין זײַן ברוך־הבא־אַרײַנפֿיר האָט דער פֿאָר־זיצער קודם כּל פֿעסטגעשטעלט — זייער פֿײַער־לעך און זייער קאַטעגאָריש — אַז אין ראַטנפֿאַר־באַנד איז ניט פֿאַראַן קיין שום, קיין ייִדן־פֿראַגע. והראיה, אַט די נעמען פֿון פֿיל ייִדישע קינסטלער און געלערנטע, וואָס ער האָט תּיכּף אויסגערעכנט אויף אויסווייניק. וואָס שײַך אונ־דזער שליחות, וועגן וועלכער ער איז שוין געווען אינפֿאָרמירט, האָט ער אונדז גערעאָטן, ביז גאָר חבֿריש, מיר זאָלן אומבאַדינגט אויסברייטערן אונ־דזערע האָריזאָנטן, ניט באַגרענעצן זיך אויס־שליסלעך צו ייִדישע ענינים — דאָס פֿעלשט די פּערספּעקטיוון — נאָר באַקענען זיך אַלזײַטיק מיט דער סאָוועטישער ווירקלעכקײַט.

אַ סכעמע פֿון אַט דער אַלזײַטיקער סאָווע־טישער ווירקלעכקײַט איז שוין טאַקע געווען גרייט פֿאַר אונדזערטוועגן: קודם כּל, נאַטירלעך, דער לענין־סטאַלין־מאַוזאָליי, דערנאָך דער קרעמל־פּאַלאַץ, דער לענין־מוזיי און די וויכטיקסטע פּלע־צער פֿון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין מאָסקווע און לענינגראַד. אויסער דעם, אַ קולטור־פּאַלאַץ, אַ

ריי מוזייען און צוויי אינדוסטריעלע מעטאַ־לורגישע גיגאַנטן (און אַ באַגעגעניש מיט די ייִדישע אַרבעטער פֿון די גיגאַנטן); ווײַטער, אַ צונויפֿטרעף אין קולטור־מיניסטעריום, אַ באַזוך אין דער מאָסקווער שול און בײַם מאָסקווער רבֿ און לסוף, אַן אויפֿנעם אין סאָוועטישן שרײַבער־פֿאַר־באַנד און אין צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי.

אַ ווײַלע זײַנען מיר געבליבן מבולבל. די דעלעגאַציע פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פֿראַנצייזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי דאַרף אָפּ־שטאָטן אַ וויזיט דעם מאָסקווער רבֿ?! געהערט עס טאַקע צו דער „אַלזײַטיקער סאָוועטישער ווירק־לעכקײַט“?!

— וואָלט ניט מעגלעך געווען, האָבן מיר גע־פֿרעגט, מיר זאָלן האָבן אַ באַגעגעניש מיט די ייִדישע שרײַבער?

דער פֿאָרשטייער פֿון צענטראַל־קאָמיטעט האָט גלײַך פֿאַרנאָטירט אונדזער ווונטש און פֿרײַנדלעך פֿאַרזיכערט:

— אויב נאָר ס'וועט ניט זײַן קיין אומפֿאָרויס־געזעענע שטערונג, וועלן מיר אַזאַ באַגעגעניש אָרגאַניזירן.

אַגבֿ, די רשימה פֿון אונדזערע באַזוכן און טרעפֿונגען איז ניט געווען באַגרענעצט. מיר האָבן

זי אויך געקאָנט ענדערן. עס איז אונדז צוגעטיילט געוואָרן, אויף דער גאַנצער צײַט פֿון אונדזער באַזוך, אַ באַגלייטער — אַ יונגער, סימפּאַטישער בחור, אַ סטודענט. ער האָט געדאַרפֿט אויך זײַן אונדזער פֿאַרבינדלער מיט די סאָוועטישע אינסטאַנצן. דורך אים האָבן מיר געקאָנט זיך ווענדן מיט אַלערליי פֿאַרשלאָגן אָדער ווינטשן.

נאָך אַ סקאַרבאָוער סעריע פֿון שאלות־ותשובֿות, איז דער „וואָקס"־צונויפֿטרעף געווען פֿאַרענדיקט. מיר האָבן, נאַטירלעך, זייער שיין באַדאַנקט פֿאַר דער גאַסט־פֿרײַנדלעכקײַט און פֿאַרן כּיבוד און מען האָט אונדז אָפּגעפֿירט אין האָטעל, מידע און — דערשיטערטע. אונדזער באַזוך איז, זעט אויס, געוואָרן אָרגאַניזירט כּמעט ווי אַ טוריסטישער אויספֿלוג. צען טעג אין מאָסקווע, צוויי טעג אין לענינגראַד. אַן איבערגעלאָדענע פּראָגראַם פֿון כלערליי זעונגווערטיקײַטן, טאַקע זייער אינטערעסאַנטע, אָבער, רבונו של עולם — ווּ איז אונדזער שליחות?! ווּ און מיט וועמען וועט מען עס — „פֿירן אַ קאַמף פֿאַר גערעכטיקײַט?!"

גלײַך אויף צו מאָרגנס האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער טוריסטישע פּראָגראַם, אַ פֿולע ווי אַן אויג. מיר זײַנען אָבער באַשטאַנען אויף תּכלית, געבעטן קודם כּל צו ענדערן די אָרדענונג פֿון די

צונויפֿטרעפֿן און עטלעכע טעג שפּעטער איז פֿאָר־געקומען אונדזער באַגעגעניש אין קולטור־מיניס־טעריום.

אויפֿגענומען האָט אונדז דער וויצע־מיניס־טער פֿאַר קולטור־ענינים, דאַנילאָוו, אַ מיטל־יאָריקער מאַן, מיט טיפּיש־רוסישע, אָפֿענע גע־זיכט־שטריכן.

ער האָט אונדז וואַרעם באַגריסט, געבעטן זיצן און אָנגעהויבן אונדזער שמועס אַזוי:

— יאָ, איך ווייס, עס איז געשען בײַ אונדז אַ גרויס אומגליק מיט דער ייִדישער קולטור. מיר באַדויערן עס אַלע, פֿון גאַנצן האַרצן...

ס׳איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס מיר האָבן געהערט אַזאַ לשון. סײַ דאָס וואָרט „אומ־גליק" און סײַ דער באַדויער האָבן אויף אונדז גע־מאַכט אַן אומגעהײערן רושם. מיר האָבן תּיכּף דערפֿילט אַ שטאַרקע נאָענטקײַט, אַן אויפֿריכטיקע חבֿרשאַפֿט צו אָט דעם אומבאַקאַנטן, פֿרעמדן מאַן. „פֿירן אַ קאַמף פֿאַר גערעכטיקײַט"? ס׳איז אַ מיספֿאַרשטייעניש! די שלאַכט איז געווען פֿון פֿאַרויס אַ געווּנענע. אויפֿן אָרט פֿון צד שכּנגד איז גאַר געשטאַנען אַ פֿרײַנד, אַ פֿאַרבינדעטער.

מיר האָבן נאָך ניט געוווּסט — ערשט שפּעטער, אויף די ווײַטערדיקע צוזאַמענטרעפֿן,

האָבן מיר זיך געכאַפּט — אַז דער באַדויער וועגן גרויסן אומגליק איז געווען ניט מער ווי אַן אַבליגאַטאָרישע קאָנדאָלענץ, אַ העפלעכקייט־מיט־געפיל, אפשר טאַקע אַן אויפריכטיקער, אָבער וואָס האָט קיין סך נישט באַטײַט און זיכער — נאָך וויניקער פאַרפליכט, מחייב געווען.

— עס איז, צו אונדזער גרויסן באַדויער, געשען אַן אומגליק, האָט פאַרגעזעצט דאַנילאָוו, און מיר באַמיען זיך, אויף אַלע אופנים, צו פאַרריכטן אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך.

ער האָט געעפנט אַ טעקע און אַרויסגענומען גרויסע בויגנס.

— אָט זעט, מיר האָבן אָרגאַניזירט דרײַ ייִדישע טעאַטער־גרופּעס: איינע אין קישינעוו, אונטער דער אָנפירונג פון סידי טאַל: די צווייטע אין מאָסקווע, אונטער דער אָנפירונג פון אַננאַ גוזיק און די דריטע, פון צוועלף שוישפּילער, אין אוזבעקיסטאַן. אַלע דרײַ טעאַטער־גרופּעס גיבן קאָנצערט־פאָרשטעלונגען פון ייִדישער קליינ־קונסט, פון פאָלקלאָר און ליד, אין גאַנצן ראַטנ־פאַרבאַנד. גלײַכצײַטיק קאָנצערטירן איבערן גאַנצן לאַנד ייִדישע זינגער־סאָליסטן, וואָס טרעטן אויף אין אַ רעפּערטואַר פון ייִדישן פאָלקלאָר, ווי אויך פון קלאַסישן און מאָדערנעם ייִדישן און

רוסישן ליד. די צאָל פֿון ייִדישע קאָנצערטן האָט, בלויז פֿאַרן יאָר 1957, דערגרייכט דרײַ טויזנט, מיט בערך דרײַ מיליאָן באַזוכער.

מיר זײַנען געוואָרן נשתּומם. דרײַ מיליאָן באַ־זוכער?!

— יאָ, בערך דרײַ מיליאָן. דאָס איז די צאָל פֿון פֿאַרקויפֿטע בילעטן, לויט דער אָפֿיציעלער בוכ־פֿירונג.

אַ פֿראַגע האָט זיך אָנגעבעטן פֿון זיך אַליין:

— חבֿר דאַנילאָוו, אויב עס זײַנען פֿאַראַן אין ראַטנפֿאַרבאַנד דרײַ מיליאָן באַזוכער פֿון ייִדישע קאָנצערט־פֿאָרשטעלונגען, טאָ פֿאַרוואָס ווערט ניט געשאַפֿן קײן איין סטאַבילער, פּערמאַנענטער ייִדישער טעאַטער, זאָל זײַן דערווײַל בלויז איינער, וואָס וועט באַדינען סײַ די סאָוועטישע הויפּט־שטאָט, סײַ די ייִדישע צענטערס פֿון אַנדערע סאָוועטישע רעפּובליקן?

אויף דער דאָזיקער שאלה איז באַשײַמ־פּערלעך דעם חבֿר דאַנילאָוו שווער געווען צו גע־פֿינען אַ תּשובֿה, וואָס זאָל אים אַליין באַפֿרידיקן. ער האָט זיך דערפֿילט אומבאַקוועם און גענומען ריידן אַזוי ווי ניט־גערן:

— נישטאָ קיין אַקטיאָרן...

מיר האָבן זיך דערלויבט צו אָפּאָנירן.

— אין ראַטנפֿאַרבאַנד זײַנען נאָך פֿאַרבליבן הונדערטער ערשטראַנגיקע ייִדישע שוישפּילער. ערבֿ דער מלחמה האָבן דאָ געשפּילט צען ייִדישע טעאַטערס, פֿון הויכער קינסטלערישער מדרגה, בראש מיטן מאָסקווער „גאָסעט".

דאַנילאָוו האָט זיך אָפּגערופֿן:

— איך האָב גוט געקענט מיכאָעלסן...

— לאָמיר אָננעמען, האָבן מיר געטענהט, אַז אַ צאָל ייִדישע שוישפּילער זײַנען געפֿאַלן אויף די שלאַכטפֿעלדער, אָדער אומגעקומען פֿון דער נאַצי־אכזריות, איז נאָך אַלץ פֿאַרבליבן גענוג בכדי צונויפֿצושטעלן, נישט בלויז איין טעאַטער־טרופּע, נאָר עטלעכע.

די פֿאַרלעגנהייט פֿונעם חבֿר וויצע־מיניס־טער איז בפֿירוש געוואָרן אַלץ גרעסער.

— אין מאָסקווע, האָט ער לסוף געפֿונען אַ נײַעם אַרגומענט, איז ניט פֿאַראַן נישט קיין אַרמע־נישער טעאַטער, נישט קיין גרוזינישער...

— זאָל זײַן נישט אין מאָסקווע, האָבן מיר גע־ענטפֿערט, זאָל זײַן ווו איר וועט באַשטימען, זאָל זײַן צוערשט אַ וואַנדער־טעאַטער! איר שטעלט זיך פֿאָר, ווי עס וועט אויפֿגענומען ווערן, דורך דער ייִדישער געזעלשאַפֿטלעכקייט אין אויסלאַנד — און נישט בלויז דורך דער ייִדישער — די ידיעה,

אַז עס איז ווידער דערעפֿנט געוואָרן אַ ייִדישער טעאַטער אין ראַטנפֿאַרבאַנד?!

דאַנילאָוו האָט געשוויגן אַ ווײַלע און לסוף צוגעגעבן:

— מיר וועלן נאָך באַטראַכטן דעם ענין. יעדנ־פֿאַלס פֿאַרזיכער איך אײַך, אַז אַלץ וואָס איר האָט מיר געזאָגט, וועט גענומען ווערן צו קענטעניש.

עס האָט אויסגעזען, ווי ס׳וואָלט אים בפֿירוש אַראָפּ אַ באַרג פֿון די פּלייצעס. ער האָט אַרויס־גענומען פֿון טעקע נײַע בויגנס און, שוין מיט אַן אויפֿגעמונטערטן קול:

— און איצט, זעט, האָט ער אויסגערופֿן, וואָס עס איז אויפֿגעטאָן געוואָרן אויפֿן געביט פֿון פֿאַר־לאַג־וועזן. אינעם יאָר 1956 זײַנען דערשינען די ווערק פֿון: בערגעלסאָן — אין 75.000 עקזעמ־פּלאַרן, קוויטקאָ — אין 20.000 און אין „דעטגיז״ (קינדער־פֿאַרלאַג) — אין 500.000 עקזעמפּלאַרן, פּרץ מאַרקיש — אין 10.000, פּערסאָוו און ע. גאָר־דאָן — אין 30.000, ווערגעליס — אין 5.000 און שלום־עליכם — אין גאַנצע 225.000 עקזעמפּלאַרן, דערפֿון אַ באַנד געזאַמלטע שריפֿטן אין 150.000 און „מאָטל פּייסיס״ אין 50.000 עקזעמפּלאַרן. אויפֿן יאָר 1958 איז פֿאַרויסגעזען אין פֿאַרלאַג־פּלאַן: בערגעלסאָנס „בײַם דניעפּער״, דעם נסתּרס

„משפּחה משבר", צוויי בענד פֿון פּרץ מארקיש, צו באַנד פֿון קוויטקאָ, פֿון האלקין און פֿון האָפּשטיין. אויסערדעם, אַן אַנטאָלאָגיע פֿון דער ייִדישער דיכטונג.

דאַנילאָוו האָט געשמײכלט, ווי נאָך אַן אָפּגע־האַלטענעם נצחון. אָבער באַלד איז פֿון אונדזער זײַט געקומען די אומשולדיקע — און גלײַכצײַטיק גיפֿטיקע — שאלה, מחמת די תּשובֿה האָבן מיר געוווּסט שוין פֿון פֿאָרויס:

— די אַלע ווערק זײַנען דערשינען אויף וואָס פֿאַר אַ שפּראַך, חבֿר דאַנילאָוו?

— אויף רוסיש, נאַטירלעך.

— און אויף ייִדיש, וואָס איז דערשינען?

ווידער אַ מאָל איז דאַנילאָוו געוואָרן אויס זיגער.

— יאָ, איך ווייס, האָט ער געזאָגט, די פֿראַגע איז אַ וויכטיקע. מיר האָבן זי נאָך ניט געלײזט. דער גאַנצער ענין וועט נאָך ווערן דורכגעשטודירט. מיר האָבן זיך אַנגעשטויסן אויף גרויסע טיפּאָ־גראַפֿישע שוועריקײַטן.

מיר האָבן ניט פֿאַרשטאַנען וועגן וועלכע מינים שוועריקײַטן עס האַנדלט זיך און דאַנילאָוו האָט אויפֿגעקלערט:

— אין די צײַטן פֿון „קולט" (ווידער צום

ערשטן מאָל האָבן מיר געהערט אַ מאגיש וואָרט, די פֿאַרקירצטע פֿאָרם פֿון „פּערזאָנען־קולט“, וואָס איז אין ראַטנפֿאַרבאַנד דערשינען ווי די פֿאַרקערפּערונג פֿון אַלדאָס בייז און איבערגעחזרט געוואָרן אויף טריט און שריט), אין די צײַטן פֿון „קולט“ האָט מען דעם ייִדישן שריפֿטזאַץ, די ייִדישע אותיות צעשמאָלצן.

האָבן מיר געמאַכט אַ פֿאַרשלאַג: מיר זײַנען גרייט אײַנצוקויפֿן און איבערשיקן קיין מאָסקווע, במשך פֿון עטלעכע וואָכן, נײַעם און מאָדערנעם ייִדישן שריפֿטזאַץ. די פֿראַנצייזישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי און די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן אין גאָר דער וועלט קאָנען באין אופֿן ניט פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס עס איז אין ראַטנפֿאַרבאַנד געוואָרפֿן געוואָרן אַ חרם אויפֿן געדרוקטן ייִדישן וואָרט.

דאַנילאָוו האָט געדאַנקט פֿאַרן פֿאַרשלאַג, אָבער אים נישט אָנגענומען.

— ניין, האָט ער געזאָגט, עס גייט ניט בלויז וועגן שריפֿט. דער ענין איז זייער אַ קאָמפּליצירטער. („וואָפּראָס אָטשען סלאָזשני“).

— קאָן מען פֿרעגן, אין וואָס עס באַשטייט די קאָמפּליצירטקײַט?

דאַנילאָוו האָט אויף דער פֿראַגע נישט געענטפֿערט.

— האָט געדולד, חבֿרים, האָט ער געבעטן. דער אופֿן, ווי איר האָט אָפּן געשטעלט די פֿראַגע, וועט אונדז העלפֿן זי צו לייזן. האָט געדולד, נאָך עטלעכע טעג. איר וועט באַקומען אַ תּשובֿה.

— ס'וועט זיכער זײַן אַ תּשובֿה?

— זיכער!

דער שמועס איז געווען געענדיקט. פֿאַרן אַוועקגיין האָט אונדז דאַנילאָוו געפֿרעגט, צי מיר ווייסן, אַז אין מאָסקווע שפּילט איצט די קישענע־ווער ייִדישע טעאַטער־טרופּע. ער האָט אונדז גע־ראָטן אומבאַדינגט צו גיין זען די פֿאָרשטעלונג.

מיר האָבן זיך וואַרעם געזעגנט. צום ערשטן מאָל האָבן מיר געהאַט דאָס געפֿיל, אַז מיר הויבן אָן אויספֿילן אונדזער אייגנטלעכע שליחות. עס האָט זיך באַשטעטיקט דאָס, וואָס מיר האָבן גע־האַט געהערט: דער ענין ייִדישע קולטור ווערט נאָך אַלץ דיסקוטירט.

עטלעכע טעג שפּעטער האָבן מיר, לויט דער עצה פֿון דאַנילאָוון, באַזוכט די פֿאָרשטעלונג פֿון קישענעווער ייִדישן טעאַטער־אַנסאַמבל, וואָס האָט געשפּילט, שוין אַ חודש צײַט, מיט זייער פֿיל דער־פֿאָלג, אין אַ גרויסן טעאַטער־זאַל אין צענטער פֿון שטאָט.

אַן אומגעהייערן רושם האָט אויף אונדז גע־

מאַכט קודם כּל — און אפשר בעיקר — דער צושויער־עולם. דער זאַל איז געווען איבערפֿולט מיט אַ מין באַזוכער, צו וועלכן מיר זײַנען ניט געוווען געוווינט, נישט אין פֿראַנקרײַך, נישט אין אַנדערע מערבֿ־לענדער. דער גרעסטער טייל פֿון עולם איז באַשטאַנען פֿון יוגנטלעכע און פֿון יונגע, דרײַסיק־פֿערציק־יאָריקע מענער און פֿרויען. עס האָט זיך אויך שטאַרק געוואָרפֿן אין די אויגן אַ גרויסע צאָל מיליטער־לײַט, ס׳רובֿ אָפֿיצערן פֿון פֿאַרשיידענע ראַנגען.

דער ספּעקטאַקל האָט געהייסן „לאַכן איז געזונט” און דער עולם האָט געלאַכט, הילכיק געלאַכט אָן אַן אויפֿהער, פֿון אָנהויב ביזן סוף. דעם פּראָגראַם, בלויז פֿון קליינקונסט־נומערן — לידער, מאָנאָלאָגן, סקעטשן, טענץ — האָט אויסגעטראָגן אויף אירע פּלייצעס בעיקר די אָנפֿירערין פֿון דער טרופּע, סידי טאַל, אַ הויך־טאַלאַנטירטע שוישפּילערין, וואָס האָט געהאַט פֿאַרנומען אַן ערשטראַנגיק פּלאַץ אין יעקבֿ־שטערנבערג־טעאַטער, אין פֿאַרמלחמהדיקן רומעניען. דער ליטעראַרישער ניוואָ פֿון פּראָגראַם איז דווקא נישט געווען קיין שטאַרק געהויבענער. דאָס האָט אָבער ניט געשטערט דעם צושויער־זאַל אויפֿצונעמען די פֿאַרשטעלונג ממש מיט ענטוזיאַזם. דער עולם האָט

געשײַנט. מען האָט משונהדיק הנאה געהאַט פֿון ייִדישן וואָרט, פֿון ייִדישן וויץ און גלײַכווערטל, פֿון דער ייִדישער תּנועה, פֿון ייִדישער נגינה. דער צוזאַמענשפּיל צווישן בינע און צושויער איז גע־ווען אַן אידעאַלער. לאַנג, שוין גאָר לאַנג איז ניט אויסגעקומען צו זען אַזאַ טעאַטער־גיריקן, אַזאַ דאַנקבאַרן ייִדישן טעאַטער־עולם.

מען האָט אונדז דערציילט, אַז מיט ענלעכן דערפֿאָלג גייען דורך די ייִדישע קליינקונסט־אָוונטן (קאָנצערטן, ווי מען רופֿט זיי) אין גאַנץ ראַטנפֿאַרבאַנד. דרײַ טויזנט קאָנצערטן בלויז אין 1957! דרײַ מיליאָן באַזוכער פֿון ייִדישע טעאַטער־אָוונטן! ס'איז פֿאַראַן פֿאַר וועמען צו „פֿירן אַ קאַמף פֿאַר געדרעכטיקײַט".

דאָס איז אָבער געווען בלויז איין זײַט פֿון דער מטבע. די צווייטע זײַט האָט אונדז געוויזן די געזעלשאַפֿט „וואָקס", בעת דעם ספּעציעל צוגע־גרייטן באַזוך פֿון די אינדוסטריעלע „גיגאַנטן" — די מאָסקווער מעטאַלורגישע שרעטל־געלעגער־פֿאַבריק, מיט אירע 16.000 אַרבעטער און די לענינ־גראַדער מעטאַלורגישע טורבינען־פֿאַבריק, מיט 13.000 אַרבעטער.

ביידע באַזוכן זײַנען דורכגעפֿירט געוואָרן אויף אַן אידענטישן אופֿן — וואָרשיינלעך אַז

אײַנגעשטעלטער נוסח פֿאַר אויסלענדישע געסט. צוערשט, אַ זיצונג מיט אָנפֿירנדיקע קאַדערן פֿון דער אונטערנעמונג — הויפּט־אינזשעניערן, אָנפֿירער פֿון פּראָדוקציע־אָפּטיילן וכדומה. אויף דער זיצונג אַ רעפֿעראַט, אַ מער אָדער ווייניקער אויספֿירלעכער, אַ מער אָדער ווייניקער אינטערעסאַנטער, וועגן „גיגאַנט" גופֿא, זײַן לעבנס־געשיכטע, זײַן פּראָדוקציע, זײַנע פּלענער, אַלץ מיט ציפֿערן, דיאַגראַמעס און סטאַטיסטישע טאַבעלעס. דערנאָך, אַ דורכלויפֿנדיקער וויזיט אין איינעם אָדער עטלעכע פּראָדוציר־אַטעליעס. לסוף, ספּעציעל לכּבוד אונדז — אַ צוזאַמענטרעף מיט עטלעכע צענדליק ייִדישע אַרבעטער און אינזשעניערן.

די דאָזיקע צוזאַמענטרעפֿן זײַנען אויך, לויט זייער אינהאַלט און פֿאַרלויף, אין ביידע „גיגאַנטן", געווען ענלעך צווישן זיך ווי צוויי טראָפּנס וואַסער. עטלעכע צענדליק מיטליאַריקע מענער, ס'רובֿ — אויב ניט אַלע — פּאַרטיי־חבֿרים, באַגריסן זיך מיט די געסט און זעצן זיך אַרום אַ טיש. דער פֿאַרזיצער, אַן אינזשעניער, האַלט אַ פֿרײַנדלעכן אַרײַנפֿיר־וואָרט און דערציילט זײַן ביאָגראַפֿיע, די ביאָגראַפֿיע פֿון אַ סאָוועטישן ייִדן. אַ זון פֿון אַן אָרעמען שוסטער (אָדער אַ שנײַדער, אַ

בעל־עגלה...), איז ער דערגאַנגען, אַ דאַנק דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, צו דער פּאָזיציע פֿון אַן אָנפֿירנדיקן אינזשעניער. (איין ברודער — פֿאָר־זיצער פֿון אַ קאָלכאָז, דער צווייטער — פּאָל־קאָווניק אין דער אַרמיי, דער דריטער — פּראָ־פֿעסאָר אין אַ לאַנדווירטשאַפֿט־אינסטיטוט אאַ״וו). פֿון דעם אַלעמען איז געדרונגען, אַז נישט ער, נישט זיינע קינדער (צוויי זין,ביידע אינזשעניערן) קענען ניט און דאַרפֿן ניט קיין ייִדיש.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַלגעמיינער מיינונג־אויסטויש וועגן פּראָבלעם פֿון דער ייִדישער קולטור אין ראַטנפֿאַרבאַנד. מיר האָבן געשטעלט שאלות און די תּשובֿות, שאַרפֿע ווי אָנגעשפּיצטע פֿײַלן, זײַנען געפֿלויגן פֿון אַלע זײַטן.

איך האָב אויף שנעל די תּשובֿות פֿאַרנאָטירט און די נאָטיצן, אויף פֿאַרגעלטע בלעטער פֿון אַ סאָוועטישן בלאָקנאָט, ליגן איצט פֿאַר מײַנע אויגן.

— רעהאַביליטירן די ייִדישע קולטור? און אפֿשר מאָרגן רעהאַביליטירן אויך די ייִדישע רבנים?!

— ייִדיש איז אַ שפּראַך אַן אָפּגעשטאָרבענע, אָדער וואָס שטאַרבט אָפּ. קיין מאָל וואָלט איך מײַנע קינדער ניט געלערנט קיין ייִדיש.

— ווען מען וואָלט געמאַכט אַ רעפערענדום,

וואָלטן קוים צען פּראָצענט אַפּשר געשטימט פֿאַר אַ יידישער צײַטונג.

— עס טרעפֿן זיך נאָך מענטשן, וואָס קענען ניט קיין זשאַרגאָן און ניט קיין העברעיִש און ריידן פֿונדעסטוועגן וועגן יידישער קולטור. איך זאָג זיי: גייט אין שול אַרײַן, איר זײַנט נאַציאָנאַליסטן, שאָוויניסטן.

— מיכאָעלס האָט זיך געפֿירט לויט אַ שטרענג־נאַציאָנאַליסטישער ליניע. ער האָט ניט אויסגענוצט זײַן גרויסן טאַלאַנט פֿאַר ברייטערע מעגלעכקײַטן, אויף רוסיש.

— די וואָס ווילן אויפֿלעבן דעם יידישן טעאַטער זײַנען פּשוטע קליינבירגער. זיי קלאַ־מערן זיך אין דער פֿאַרגאַנגענהײַט.

— איך אינטערעסיר זיך מיט שלום־עליכמען נישט מער ווי מיט מאַרק טווען, אָדער מיט פֿויכט־וואַנגערן.

— מיר זײַנען יידן און שטאָלצירן מיט אַלע גרויסע יידן פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד, וואָס האָבן זיך באַ־רימט געמאַכט אין דער ליטעראַטור, קונסט און וויסנשאַפֿט.

— די יידישע באַפֿעלקערונג אין ראַטנפֿאַר־באַנד איז צעזייט איבערן גאַנצן לאַנד און אַסימי־

לירט. פאַרהאַלטן דעם אַסימילאַציע־פּראָצעס וואָלט געווען רעאַקציאָנער.

מיט דעם האָט זיך דער מיינונג־אויסטויש ווערנטלעך פאַרענדיקט. די געזעלשאַפט „וואָקס״ האָט איר אויפגאַבע דערפילט: מיר האָבן זיך באַקענט מיט אַן אַספּעקט פון דער „אַלזײַטיקער סאָוועטישער ווירקלעכקײַט״.

די טעג זײַנען געפלויגן. די צוגעזאָגטע תשובֿה אויף די קשיות, וואָס מיר האָבן געשטעלט אין קולטור־מיניסטעריום, איז אַלץ ניט געקומען. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז זי וועט אונדז געגעבן ווערן אויף דעם דעצידירנדיקן צוזאַמענטרעף אין צענטראַל־קאָמיטעט. אויף פריער איז געווען פאָרויסגעזען אַ באַגעגעניש מיט די רוסישע סאָוועטישע שרײַבער. מיר האָבן אויף איר געלייגט פיל האָפענונג. מיר האָבן געגלויבט, אַז זי וועט זײַן מסוגל צו באַווירקן די שטעלונג פון די סאָוועטישע פירנדיקע אינסטאַנצן און במילא — די רעזולטאַטן פון אונדזער שליחות.

מיר האָבן אויך אויסגעפועלט אַ באַגעגעניש מיט די ייִדישע שרײַבער, אין פאָרם פון אַן אַזוי גערופענעם „שאַפערישן אָוונט״. דאָס האָט געזאָלט זײַן דער ערשטער אָפיציעלער צוזאַמענקום

פֿון די מאָסקװער ייִדישע שרײַבער, אין לאָקאַל פֿון שרײַבער־פֿאַרבאַנד, נאָך אַלע יאָרן פֿון בלוט און פּײַן. אָט דער צוזאַמענקום האָט גלײַכצײַטיק גע־דאַרפֿט זײַן דער אָפּשלוס און די באַקרױנונג פֿון אונדזער אױפֿהאַלט אין ראַטנפֿאַרבאַנד.

דער צוזאַמענטרעף מיט די רוסישע שרײַבער איז געװען זײער אַ פֿרײַנדלעכער, הגם װיכּוחים האָבן זיך אַנטװיקלט דװקא הײסע און לאַנגע. אין גרױסן זאַל פֿון אַלסאָװעטישן שרײַבער־פֿאַרבאַנד האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אַ רײ באַװוּסטע רוסישע שריפֿטשטעלער, אַזעלכע װי קירסאַנאָװ, קאַ־טאַעװ, ניקולין, אַזשאַיעװ, סמירנאָװ, אַגאַפּאָװ א. אַנד. די ייִדישע שרײַבער זײַנען געװען פֿאַר־טראָטן דורך אַהרן װערגעליס און יעקב שטערנ־בערג. דעם פֿאָרזיץ האָט געפֿירט אַלעקסאַנדער טשאַקאָװסקי, װאָס איז דאַן געװען רעדאַקטאָר פֿון זשורנאַל „אינאָסטראַננאַיאַ ליטעראַטוראַ" (אױס־לענדישע ליטעראַטור) און איז שפּעטער געװאָרן רעדאַקטאָר פֿון דער טאָג־צײַטונג „ליטעראַ־טורנאַיאַ גאַזעטאַ" (ליטעראַרישע צײַטונג).

פּונקט װי בעת די פֿריערדיקע צוזאַמענ־טרעפֿן, האָב איך אױך אין שרײַבער־פֿאַרבאַנד פֿאַרצײכנט, פּראָטאָקאָל־מעסיק, אַלץ װאָס איז גע־זאָגט געװאָרן. איך װעל איצט די אַרױסזאָגונגען

איבערגעבן, אַזוי געַנוי ווי מעגלעך.

אַ ברייטערן אַרײַנפּיר וועגן מצב פֿון דער ייִדיש־סאָוועטישער ליטעראַטור האָט געמאַכט אַהרן ווערגעליס. ער האָט געזאָגט:

— זיבעציק ייִדישע שרײַבער זײַנען הײַנט צו טאָג פֿולבאַרעכטיקטע מיטגלידער פֿונעם אַלסאָ־וועטישן שרײַבער־פֿאַרבאַנד; צוואַנציק אַנדערע, וואָס שרײַבן אויך אויף ייִדיש, שטעלן נאָך זייערע ערשטע טריט אין דער ליטעראַטור. אַלע ייִדישע שרײַבער זײַנען שאַפֿעריש, יעדער אויף זײַן געביט — דיכטער, פּראָזאַיקער, עסייִסטן, קריטיקער און דראַמאַטורגן. אַדאַנק דער ברידערלעכער מיטהילף פֿונעם שרײַבער־פֿאַרבאַנד, איז רעאַליזירט געוואָרן אַן ערשטראַנגיקער אויפֿטו — די איבערזעצונג פֿון די ייִדישע שרײַבער אויף רוסיש. ביז איצט זײַנען שוין דערשינען צוויי־און־צוואַנציק בענד איבערזעצונגען, נישט בלויז פֿון שרײַבער, וואָס זײַנען שוין מער נישטאָ צווישן אונדז, נאָר אויך פֿון די, וואָס לעבן און שאַפֿן. במשך פֿונעם קומענדיקן יאָר וועלן ווערן אַרויסגעגעבן אין רוסיש די ווערק פֿון אַלע איבעריקע ייִדישע שרײַבער. דאָס איז פֿון אומגעהייערער וויכטיקײַט. די ייִדישע ליטעראַטור גייט אַרויס אויף אַ ברייטן שליאַך און וועט גרייכן צו די ברייטסטע קרײַזן פֿון

לייענער. דאָס איז געווען דער חלום פֿון שלום־עליכמען.

— עס בלײַבט נאָך אָבער אומגעלייזט די פֿראַגע וועגן באַנײַען די פֿאַרלאַג־אַרבעט אויף ייִדיש. די פֿראַגע איז ניט קיין אײַנפֿאַכע. עס זײַנען פֿאַראַן מיינונג־פֿאַרשיידנקײַטן. אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, אונטערן פֿאָרזיץ פֿון אַזשאַיעוו, איז געשאַפֿן געוואָרן בײַם שרײַבער־פֿאַרבאַנד און האָט צוגעגרייט אַ דאָקומענט וועגן דאָזיקן ענין. צו דער קאָמיסיע געהערן אויך ייִדישע שרײַבער — האַלקין, ווערגעליס א. אַנד. איך פּערזענלעך האַלט, אַז דאָס ייִדישע בוך דאַרף ווידער דערשיינען. מיר האָבן שרײַבער. מיר האָבן לייענער. אין די נײַצוגעקומענע ראַנד־געביטן זײַנען פֿאַראַן ייִדיש־ריידנדיקע מאַסן. ס'איז אונדז אַ חרפּה, אונדז ייִדישע שרײַבער, וואָס אין אונדזער נאָמען, אין נאָמען פֿון סאָוועטישן ייִדנטום, רעדט די שול און דער רבֿ און וואָס דאָס איינציקע פֿאַרעפֿנטלעכטע בוך מיט ייִדישע אותיות איז — אַ סידור. ניט מיר בלויז, ייִדישע שרײַבער, נאָר אויך אונדזערע קאָלעגן, רוסישע שרײַבער, זײַנען פֿון דער זעלבער מיינונג.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַלגעמיינע דיסקוסיע, מיטן אָנטייל פֿון די אויסלענדישע געסט.

דער עיקר־וויכּוח, זייער אַ הייסער, איז געגאַנגען אַרום דער פֿראַגע, צי מען קאָן זיך באַגנוגענען בלויז מיט די רוסישע איבערזעצונגען פֿון ייִדישן בוך. מיט איין און איינציקן אויסנאַם, האָבן אַלע אָנוועזנדיקע רוסישע שרײַבער זיך אַרויסגעזאָגט — טייל מיט באַוואָרענישן — פֿאַר דער נויטווענדיקייט ווידער אַרויסצוגעבן דאָס ייִדישע בוך — אויף ייִדיש.

צום מערסטן קאַטעגאָריש זײַנען געווען קירסאַנאָוו, קאַטאַיעוו און איסאַקאָוו.

קירסאַנאָוו האָט דערקלערט:

— מיר, סאָוועטישע שרײַבער, זײַנען דערצויגן געוואָרן אין גײַסט פֿון קעגנזײַטיקער הילף צווישן אַלע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד. אונדזערע בעסטע רוסישע דיכטער האָבן איבערזעצט די ייִדישע שרײַבער. בכדי צו פֿאַרגיטיקן, אויף ווי ווײַט מעגלעך, אַלע פֿאַרלעצונגען פֿון דער סאָוועטישער געזעצלעכקײַט, האַלט איך, ווי אַ רוסישער שרײַבער, אַז ס'איז נייטיק אַרויסצוגעבן די ווערק פֿון די ייִדישע שרײַבער, הן אויף רוסיש, הן אויף ייִדיש. מיר, רוסישע שרײַבער, האָבן אַ חובֿ לגבי אונדזערע ייִדישע חבֿרים. מיר דאַרפֿן זיי העלפֿן, מיר דאַרפֿן אַלץ טאָן בכדי עס זאָלן פֿאַרגיטיקט ווערן די

עוולות, וואָס זײַנען בנוגע זיי געוואָרן באַגאַנגען. מיר דאַרפֿן אַלץ טאָן, בכדי קיינער זאָל ניט קאָנען עפּעס־וואָס פֿאַרוואַרפֿן דעם ראַטנפֿאַרבאַנד.

אין זעלבן גײַסט האָבן זיך אַרויסגעזאָגט קאַטאַעוו און איסאַקאָוו, וואָס האָבן צוגעגעבן, אַז אַזעלכע פֿירנדיקע שריפֿטשטעלער ווי שאָלאָכאָוו און פּאַוסטאָווסקי — וועלכע האָבן גראָד דעם טאָג זיך ניט געפֿונען אין מאָסקווע — זײַנען פֿון דער זעלבער מיינונג.

מיט געוויסע ניואַנסן, האָבן אַ ווענטלעך ענלעכן צוגאַנג פֿאַרטיידיקט אַגאַפּאָוו, אַזשאַיעוו און סמירנאָוו. אַגאַפּאָוו האָט געזאָגט:

— מיר דאַרפֿן די ווירקלעכקײַט זען אַזאַ, ווי זי איז אין דער אמתן. עס איז פֿאַראַן אַן עיקר־דיקער חילוק צווישן, למשל, דער גרוזינישער אָדער אַרמענישער קולטור, וואָס ווערט געשאַפֿן אויף אַ באַשטימטער טעריטאָריע, מיט אַן אייגע־נער עקאָנאָמיק און אייגענעם מלוכה־לעבן און, פֿון דער אַנדער זײַט, דער ייִדישער קולטור, וואָס איז אויפֿגעקומען אינצווישן אַנדערע נאַציאָנאַלע קולטורן. דאָס איז נישט קיין פֿראַגע פֿון דיסקרימי־נאַציע, נאָר פֿון היסטאָרישע פֿאַקטן. גלײַכצײַטיק אָבער טאָרן מיר ניט פֿאַרגעסן, אַז מיר האָבן ערשטראַנגיקע ייִדישע שרײַבער, וואָס שרײַבן אויף

זייער מוטערשפּראַך. עס איז אומזיניק און אומדערלאַזבאַר, אַז זייערע ווערק זאָלן קאָנען דערשיינען בלויז אין איבערזעצונג און נישט אין דער שפּראַך, אויף וועלכער זיי ווערן געשאַפֿן. קיין שום רוסישער שרײַבער איז נישט קעגן ווידער־דערשײַנען פֿון ייִדישן בוך.

ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז בײַם טיש געפֿינט זיך אַ רוסישער שרײַבער, איין און איינ־ציקער אויפֿן צוזאַמענטרעף, וואָס האָט זיך קאַטע־גאָריש אַרויסגעזאָגט — קעגן. דאָס איז געווען דער פֿאָרזיצער, אַלעקסאַנדער טשאַקאָווסקי, דווקא אַ ייִד. זײַן שטעלונג האָט ער מאָטיווירט אַזוי:

— די פֿראַגע דאַרף באַטראַכט ווערן פֿון אַ טאָפּלטן קוקווינקל: ערשטנס, אין די ראַמען פֿון דער סאָוועטישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק: צווייטנס, אין אָנבליק פֿון די אַלגעמיינע מלוכה־אינטערעסן. אין צאַרישן רוסלאַנד איז דאָס ייִדישע בוך געווען אַ נאַטירלעכע דערשײַנונג. ס'האָט גע־הערשט אַנטיסעמיטיזם, רדיפֿות, באַגרענעצונגען פֿון וווינרעכט אאַ״וו. די ייִדישע ליטעראַטור איז געווען אַ קליינשטעטלדיקע, אַ באַגרענעצטע, אָבער מיט הומאַניסטישע ווערטן און אַ געוויסער פּאָפּולאַריטעט. די סיטואַציע האָט זיך אָבער

לחלוטין געענדערט. מען דאַרף פֿאַרשטיין, אַז די ייִדן־פֿראַגע בײַ אונדז איז פֿון אַן אַבסאָלוט אַנדער כאַראַקטער, ווי די פֿראַגע פֿון אוזמורודן למשל, אָדער פֿון אוזבעקן. מען דאַרף דעם פּראָבלעם אויפֿנעמען אין זײַן היסטאָרישער דימענסיע. די אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז אויסגעבראָכן אין אַ לאַנד אַן אַפּגעשטאַנענעם, אַן אומוויסנדיקן, מיט אַ קאָלאָסאַלן אַנאַלפֿאַבעטיזם. די ייִדן זײַנען דאַן געווען די צום מערסטן באַוווסטזיניקע פֿעלקער־שאַפֿט, די צום מערסטן באַוועגלעכע, קאָסמאָפּאָליטישע און רעוואָלוציאָנערע. זיי זײַנען אָפֿט געווען דער „פֿערמענט" פֿון די געשעענישן. צי האָט די רעוואָלוציע באמת ליקווידירט, אין דער טיף, די פֿראַגע פֿון אַנטיסעמיטיזם? ניין, נישט אין גאַנצן. די לייזונג איז באַשטאַנען אין אַ קינסט־לעכער רעגולירונג, אין אַ מין פּראָטעקציאָניזם. די דאָזיקע תּקופֿה איז אַן אָפּגעשלאָסענע. אומקערן זיך ווידער צו איר, וואָלט געווען נישט נאַטירלעך און דערצו נאָך — מסוגל אַרויסצורופֿן פֿײַנט־לעכע שטימונגען...

טשאַקאָווסקיס אַרויסטריט, פֿול מיט אַנצו־הערענישן, וואָס האָבן געשטאַמט דירעקט פֿון דער כרושטשאָוו־תּורה, פֿול מיט ניט־דערזאָגטקײַטן און מיט סודותפֿולע רמזים אויף מלוכה־אינטע־

רעסן, איז געווען דער איינציקער גרילץ אין דער דיסקוסיע — דער אויסנאַם, וואָס באַשטעטיקט דעם כּלל.

מיר זײַנען אַרויס פֿון שרײַבער־פֿאַרבאַנד מיט אַ טאָפּלטן אײַנדרוק: דערמונטערטע פֿון דער באַציִונג מצד די רוסישע שרײַבער. (קאַטאַיעוו, בײַם געזעגענען זיך, האָט הייס געדריקט די האַנט און ניט אויפֿגעהערט צו חזרן: נאָר פֿאַרלירט ניט דעם מוט, ס׳וועט נאָך אַלץ גוט זײַן!); פֿון דער צווייטער זײַט אָבער איז קלאָר געוואָרן, אַז די שרײַבער האָבן שוין געטאָן, מינדלעך און שריפֿט־לעך, אַלץ וואָס איז געווען פֿון זיי אָפּהענגיק. מיר האָבן זייערווירקונג געהאַט שטאַרק איבערשאַצט.

די איינציקע האָפֿענונג איז פֿאַרבליבן — דער צוזאַמענטרעף אין צענטראַל־קאָמיטעט. מיר האָבן גענומען זיך גרייטן צו דער „לעצטער, אַנטשיידנ־דיקער שלאַכט״.

און אָט זײַנען מיר אין צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער אַלסאָוועטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, דאָס האַרץ און דער מח פֿונעם ריזיקן „לאַנד פֿון אָק־טאָבער״. מען האָט אונדז אַרײַנגעפֿירט אין אַ גרויסן קאַבינעט, וווּ עס האָבן געוואַרט אויף אונדז פֿינף מענער. דער עלטערער דור איז געווען פֿאַר־טראָטן דורך פּאָנאָמאַריאָוו, מיטגליד פֿון צענ־

טראַל־קאָמיטעט, לאַנגיאָריקער פֿאַראַנטוואָרט־לעכער פֿאַרן אָפּטייל פֿון אינטערנאַציאָנאַלע צווישן־פּאַרטייִשע באַציונגען, און מיטין, מיטגליד פֿון צענטראַל־קאָמיטעט און אַקאַדעמיקער (מיט־גליד פֿון דער אַלסאָוועטישער וויסנשאַפֿט־אַקאַ־דעמיע); דער ייִנגערער דור איז געווען רעפּרע־זענטירט דורך פּאָליקאַרפּאָוו, פֿאַראַנטוואָרט־לעכער פֿאַרן קולטור־און־ליטעראַטור־אָפּטייל בײַם צענטראַל־קאָמיטעט, און דורך צוויי מיט־אַרבעטער פֿון פּאָנאָמאַריאָוון. בײַ אַ באַזונדער טישל איז געזעסן אַ סעקרעטאַרין.

אויפֿגענומען האָט מען אונדז, ווי אומעטום, מיט פֿיל גאַסטפֿרײַנדלעכקײַט, יעדנפֿאַלס אויסער־לעכער. פּאָנאָמאַריאָוו, דער פֿאָרזיצער, האָט באַ־גריסט די דעלעגאַציע פֿונעם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פֿראַנצייזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און אונדזער דעלעגאַציע האָט, נאַטירלעך, אָפּגע־דאַנקט פֿאַר דער חבֿרישער אויפֿנאַמע און פֿאַר דער גאַסטפֿרײַנדלעכקײַט, בעת אונדזער גאַנצן אויפֿהאַלט אין ראַטנפֿאַרבאַנד. נאָך דעם דאָזיקן העפֿלעכקײַט־צערעמאָניאַל, איז מען אַריבער צום עצם־ענין.

ס'איז אײַנגעשטעלט געוואָרן אַ סדר־היום: צו ערשט וועלן די געסט פֿון פּאַריז רעפֿערירן הן

וועגן די אייגנטלעכע צילן פֿון זייער שליחות, הן וועגן זייערע אײַנדרוקן און אויספֿירן פֿונעם באַזוך אין ראַטנפֿאַרבאַנד. דערנאָך וועלן די סאָוועטישע חבֿרים זיך אַרויסזאָגן וועגן אַלע באַרירטע פּראָ־בלעמען און לסוף וועט דורכגעפֿירט ווערן אַ קעגנזײַטיקער מיינונג־אויסטויש. ס'האָט זיך אָגבֿ באַלד אַרויסגעוויזן, אַז די סאָוועטישע חבֿרים האָבן גלענצנדיק געוווּסט אַלץ וועגן די צילן פֿון דער פּאַריזער שליחות, ווי אויך אַלץ וועגן די פּראָ־בלעמען, וואָס וועלן באַרירט ווערן, מחמת זיי זײַנען געווען גענוי אינפֿאָרמירט וועגן די אַרויס־זאָגונגען און שטעלונגען, אויף די פֿאַרשיידענע צוזאַמענטרעפֿן, פֿון יעדן מיטגליד פֿון אונדזער דעלעגאַציע.

נאָך די אַרײַנפֿיר־ווערטער פֿון די פּאַריזער געסט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ דיסקוסיע, וואָס האָט געדויערט העכער דרײַ שעה, אַ דיסקוסיע אַ שאַרפֿע, אַ לײַדנשאַפֿטלעכע און אָפֿט אַ פֿאַר־ביטערטע. זי האָט זיך אַנטוויקלט אין צוויי ריכ־טונגען: ערשטנס, וועגן אַסימילאַציע־פּראָצעס בכלל, צווייטנס וועגן גורל אין ראַטנפֿאַרבאַנד פֿון ייִדישן בוך, פֿון ייִדישן טעאַטער און פֿון ייִדישן שולוועזן. פֿון סאָוועטישן צד האָבן גערעדט בלויז פּאַנאָמאַריאָוו, מיטין און פּאָליקאַרפּאָוו. די איבע־

ריקע צוויי אָנוועזנדיקע האָבן זיך באַגנוגנט מיט מאַכן נאַטיצן.

דער צום מײנסטן הייסער, ענטוזיאַסטישער פּאַרטיידיקער פֿון אַסימילאַציע איז געווען מיטין (אַגבֿ, אַ ייִד):

— דער אַסימילאַציע־פּראָצעס, האָט ער גע־חזרט, איז אַ געזונטער, אַ נאַטירלעכער, אַ פּראָגרעסיווער אין אַלע הינזיכטן, אַ געווונט־שענער הן פֿאַר די ייִדן גופֿא, הן פֿאַר דער אויסגע־שטאַלטיקונג פֿון אַן איינהײַטלעכער סאָוועטישער נאַציע. מיר האַלטן אונטער אַלץ וואָס איז פּראָ־גרעסיוו און וועלן דעריבער ניט אונטערשטיצן קיין זאַך, וואָס איז מסוגל דעם אַסימילאַציע־פּראָצעס זיך קעגנצושטעלן. פֿאַר די ייִדן עפֿנט זיך אַ נײַע וועלט, דער גאַנצער ראַטנפֿאַרבאַנד שטייט פֿאַר זיי אָפֿן. צוליב וועלכע סיבות זאָל מען קינסטלעך שטערן דאָס, וואָס שטעלט פֿאָר מיט זיך אַ נאַטיר־לעכע דערשיינונג? עפּעס ענלעכס קומט פֿאָר אומעטום, אַפֿילו אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. בײַ אונדז אָבער, ווו עס ווערן באַקעמפֿט אַלע פֿאָרמען פֿון נאַציאָנאַליזם, גייט אָן דער פּראָ־צעס אין אַ באַזונדערס שטורעמדיקן ריטם. עס וואָלט געווען אַבסאָלוט פֿאַלש אים צו פֿאַרהאַלטן.

פּאָנאָמאַריאָוו האָט צוגעגעבן:

— אין ראַטנפֿאַרבאַנד קומט פֿאַר אַן אומגעזעענע, אַ ספּאָנטאַנישע פֿעלקער־מישונג. מיר האָבן דעם אַסימילאַציע־פּראָצעס נישט אָרגאַניזירט און נישט פּלאַנירט. אין די פֿאַראייניקטע־שטאַטן איז די אַסימילאַציע אויך אַן אינטענסיווע, הגם זי עפֿנט ניט פֿאַר דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אַזעלכע פּערספּעקטיוון, ווי בײַ אונדז, מחמת דאָס אַמעריקאַנער פֿאָלק גופֿא איז נישט קיין אײנהײטלעכס.

פּאָליקאַרפּאָוו האָט געפּרוּווט „פֿאַרטיפֿן" — לויט זײַן אייגענעם אויסדרוק — די דיסקוסיע.

— מען דאַרף, האָט ער געזאָגט, מאַכן אַ חילוק צווישן קאָנקרעטער ווירקלעכקײַט און טעאָרעטישער אַבסטראַקציע. אויב מען זאָל דעם פּראָבלעם באַהאַנדלען ריין אַבסטראַקט און אַקאַדעמיש געַנומען — ווי עס טוען די פּאַריזער חבֿרים — קאָן מען אפֿשר געפֿינען מאָטיוון צו באַאומרויִקן זיך. ס׳איז אָבער נייטיק אויפֿצונעמען געשעענישן אין זייער דיאַלעקטישער איבערגעשטאַלטיקונג און זען די רעאַליטעט אַזאַ, ווי זי דערשיינט אין דער אמתן. בלויז איין פֿראַגע שטייט פֿאַקטיש: צי איז דער איצטיקער מצבֿ אַ שטערונג פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון די שאַפֿערישע כּוחות פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין ראַטנפֿאַר־

באַנד? די תּשובֿה איז קאַטעגאָריש: ניין! אין דער ווירקלעכקײַט איז קיין שום פּראָבלעם ניט פֿאַראַן. די ייִדישע באַפֿעלקערונג איז אַוועק באַטײַטיק ווײַטער, ווי די ייִדישע שרײַבער. צי יאָגן מיר אונטער, צי טרײַבן מיר אונטער דעם אַסימי־לאַציע־פּראָצעס? באין אופֿן ניט. מיר לויפֿן ניט פֿאַרויס פֿאַר אָט דעם געשיכטלעכן פּראָצעס, אָבער מיר ווילן אויך ניט זיך נאָכשלעפּן נאָך אים.

נאָך די אַרויסזאָגונגען וועגן אַסימילאַציע־פּראָצעס בכלל, איז מען איבערגעגאַנגען צו באַ־זונדערע קולטור־געביטן. אויך דאָ איז דער שאַרפֿסטער און אַממערסטן קאַטעגאָרישער געווען — מיטין.

— צי איז נייטיק אַרויסצוגעבן ייִדישע ביכער?

— האָט ער געפֿרעגט — איך האַלט, אַז ניין. ס'איז ניט פֿאַראַן אויף דעם קיין שום באַדערפֿעניש. די מערהײַט ייִדישע שרײַבער קאָנען שרײַבן אויף רוסיש. די איבעריקע וועלן זיך אויסלערנען. וואָס שײַך לייענער, זײַנען פֿאַרבליבן בלויז אַלטע לײַט. זיי וועלן קאָנען באַקומען ייִדישע ביכער אין די ביבליאָטעקן. ס'איז נישטאָ קיין שום ייִדישע פּראָגע.

פּאָליקאַרפּאָוו איז געווען מער ניואַנסירט:

— מיר האָבן זיבעציק ייִדישע שרײַבער, האָט ער געזאָגט. אין וואָס אייגנטלעך זײַנען זיי צום

מערסטן פֿאַראינטערעסירט? אין לייענער. זיי האָבן קיין לייענער מער ניט פֿאַרמאָגט. די ייִדישע ביכער, פּונקט ווי „דער עמעס״, פֿלעגן דערשיינען מיט גרויסע דעפֿיציטן, וואָס זײַנען געדעקט געוואָרן דורך דער מלוכה. ווען עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אַנטוויקלען, דורכן ייִדישן בוך און דער ייִדישער צײַטונג, די אינטעלעקטועלע פּאָטענצן פֿון די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן, וואָלטן די דעפֿיציטן ניט געווען קיין שום בייז. די פֿינאַנציעלע פֿראַגע וואָלט בכלל ניט געשטאַנען. אָבער די מלוכהשע געלט־פֿאָנדן זײַנען פֿאַקטיש פֿאַרניצט געוואָרן, נישט פֿאַר די ייִדישע מאַסן — זיי האָבן פֿון ייִדישן בוך זיך אָפּגעקערט — נאָר פֿאַר די ייִדישע שרײַבער. אין דער ייִדישער באַפֿעלקערונג איז פֿאָרגעקומען אַ טיפֿע איבערגעשטאַלטיקונג. זי האָט זיך פֿון ייִדיש דערווײַטערט. וואָס זשע דאַרפֿן מיר טאָן פֿאַר די ייִדישע שרײַבער? מיר דאַרפֿן אַרויסגעבן זייערע ווערק אויף רוסיש. אַזוי אַרום וועלן זיי באַקומען די מעגלעכקײַט זיך אַרײַנצוגיסן אין ברייטן אָקעאַן פֿון צוויי הונדערט מיליאָן לייענער. לאָמיר אָננעמען, אַז מיר גיבן נאָך דעם ווּנטש פֿון אונדזערע פּאַריזער געסט און פֿאַרעפֿנטלעכן אַ ייִדיש בוך, מיט אַ טיראַזש פֿון צוויי טויזנט עקזעמפּלאַרן. וועט עס

אײַך, חבֿרים, באַפֿרידיקן? די ייִדישע רעאַקציע אין אויסלאַנד וועט סײַ ווי ניט אויפֿהערן צו ליאַרעמען, אַז דאָס איז נײַט מער ווי אַ מאַנעווער, בכדי אָפּצו־נאַרן די געזעלשאַפֿטלעכע מיינונג. דער אמת איז, אַז די ייִדישע באַפֿעלקערונג פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד האָט זיך אָפּגעקערט פֿון דער ייִדישער קולטור. פֿאַרוואָס זײַנען די ייִדישע שרײַבער נישט געפֿאָרן קיין בירָאָבידזשאַן? אויך דאָרט פֿאַרלאַנגט מען ניט קיין ייִדישע קולטור.

פּאָנאָמאַריאָוו האָט וועגן דער פֿראַגע פֿון ייִדישן בוך זיך נישט אַרויסגעזאָגט. דערפֿאַר אָבער האָט ער זיך ברייטער אָפּגעשטעלט — מיט אויס־טערליש־אָריגינעלע השערות און אומבאַקאַנטע פּרטים — אויפֿן ענין פֿון טעאַטער, ריכטיקער, פֿון מאָסקווער מלוכה־טעאַטער, דעם באַרימטן „גאָסעט״.

— די בלי־תּקופֿה פֿון „גאָסעט״, האָט פּאָנאָ־מאַריאָוו געזאָגט, איז צונויפֿגעפֿאַלן מיט דער בלי־תּקופֿה פֿון „נעפּ״. דאָס איז געווען אַ צוזאַמענ־שלוס פֿון ייִדישע קולטור־טוער מיט נעפּ־לײַט. דער רעפּערטואַר איז געווען אַ געמישטער. ביסלעכווײַז האָט מען אָנגעהויבן גיין אין דעם טעאַטער אַלץ ווייניקער און ווייניקער. דער טעאַטער האָט גענומען אײַנדאַרן. ס׳איז געוואָקסן

דער דעפּיציט. האָט מען זיך געלאָזט מאַכן געלט־
זאַמלונגען. איינער אַ מיניסטער, אַ ייִד, האָט דער־
ציילט: מען איז געקומען צו מיר נאָך טויזנט רובל;
מען איז געקומען, ווי אויפֿמאָנען אַ שטײַער. די באַ־
זוכערשאַפֿט איז כּסדר געפֿאַלן. די עקסיסטענץ
גופֿא פֿון טעאַטער איז געוואָרן אַ קינסטלעכע, אַן
אומנייטיקע. מען האָט געשלאָסן נישט בלויז דעם
„גאָסעט", נאָר גלײַכצײַטיק אויך דאָס אַרמענישע
קולטור־הויז. אין מאָסקווע איז הײַנט ניט פֿאַראַן
קיין איין און איינציקער ניט־רוסישער טעאַטער.
פֿאַרוואָס זאָל מען ווידער עפֿענען אַ ייִדישן
טעאַטער? דאָס וואָלט געווען קינסטלעך, אומבאַ־
רעכטיקט און וואָלט אַרויסגערופֿן אַנטיסעמיטיזם.
דאָס וואָלט זיך אויסגעווירקט קעגן די מלוכה־
אינטערעסן און קעגן די אינטערעסן פֿון דער
ייִדישער באַפֿעלקערונג גופֿא.

מיטין האָט צוגעגעבן:

— איך האָב גוט געקענט מיכאָעלסן. ער האָט
מיר איין מאָל געזאָגט: זעט, אַ מאָדנע דערשיינונג
— ווען מיר שפּילן אַ גרויסע קלאַסישע פּיעסע, ווי
„דער קעניג ליר" למשל, איז דער דערפֿאָלג אַ גע־
זיכערטער. בעת די פּיעסע איז אָבער אַ ייִדישע,
מיט באַגרענעצטע האָריזאָנטן, איז ווײַט ניט אַזוי.
דער טעאַטער איז געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן

טויט. עס איז פֿאַרדריסלעך, וואָס דאָס איז גראָד צונויפֿגעפֿאַלן מיטן רעפּרעסיע־פּעריאָד, אָבער ער וואָלט סײַ ווי אויסגעהויכט די נשמה.

מיט אַ באַשײַמפּערלעכקײַט — ווי צוויי מאָל צוויי איז פֿיר — איז פֿאַרענטפֿערט געוואָרן די פֿראַגע וועגן ייִדישע שולן. פּאַנאָמאַריאָוו האָט אויפֿגעקלערט:

— דער נאַציאָנאַלער (ס'הייסט, ניט־רוסי־שער) שול־וועזן בכלל ווערט כּסדר אײַנגעשרומפּן. עלטערן ווילן ניט שיקן זייערע קינדער אין, למשל, מאָלדאַווישע, טאָטערישע, צי באַשקירישע שולן. מחמת וואָס וועלן די קינדער אויפֿטאָן, מיט די דאָזיקע שפּראַכן, נאָכן פֿאַרענדיקן די שולן? אין אָט דער דערשײַנונג איז ניט פֿאַראַן קיין שום נאַציאָנאַלע דיסקרימינאַציע. דאָס איז פּשוט אַ רעזולטאַט פֿונעם אויספֿורעמונג־פּראָצעס פֿון אַן איינהײַטלעכער סאָוועטישער נאַציע.

און מיטין האָט אָט די אויפֿקלערונג דערגאַנצט אויף זײַן אייגענעם שטייגער:

— ווען מיר וואָלטן געגרינדעט ייִדישע שולן, וואָלט מען די קינדער געדאַרפֿט ברענגען אַהין מיט געוואַלד.

דאָס זײַנען געווען די תּשובֿות — קורצע און שאַרפֿע — אויף אַלע אונדזערע קשיות. די

„שלאַכט פאַר גערעכטיקייט" איז געווען פאַר־ענדיקט. און פאַרענדיקט מיט אַ פולשטענדיקער מפּלה. אַנדערש האָט עס אויך ניט געקאָנט זײַן. דער תּוך פונעם צוזאַמענטרעף איז געווען — אַ מיספאַרשטייעניש. אין דער אײַנלאַדונג קיין מאָסקווע, וואָס טאָרעז האָט מיר געהאַט איבער־געגעבן, איז געווען גערעדט וועגן „דורכדיסקו־טירן די אַלע פּראָבלעמען". אָבער קיין אמתע דיס־קוסיע, אין אייגנטלעכן זין פון וואָרט, האָבן מיר קיין מאָל ניט געהאַט. מען האָט אונדז דערלויבט צו האַלטן פײַערדיקע דרשות, וואָס זײַנען אָבער גע־בליבן אַ ברכה לבטלה, מחמת זיי זײַנען צו קיינעם ניט דערגאַנגען. מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן אין אַ טויבער וואַנט. „דורכדיסקוטירן" האָט פאַרן סאָווע־טישן צד באַטייט — נישט אויסהערן יענעם, נאָר אויסהערן זיך אַליין, נישט געמיינזאַם אַנאַליזירן און פרײַנדלעך פאַרהאַנדלען, נאָר אַרויסברענגען גרייטע באַשלוסן, דעפיניטיווע, די איינציק ריכ־טיקע, די איינציק מעגלעכע, די איינציק גע־רעכטע. די פּראָבלעמאַטיק פון דער ייִדישער קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד האָט זיך געפונען אײַנגעשלאָסן אין אַ טויטער סכעמע, אין אַ פאַר־כּישופטן קרײַז.

ס'האָט געהייסן: די ייִדישע ליטעראַטור, דער

ייִדישער טעאַטער, די ייִדישע קולטור זײַנען אויסגעגאַנגען מיט אַ נאַטירלעכן טויט. (ס'איז בלויז פֿאַרדריסלעך, האָט גרויסמוטיק צוגעגעבן מיטין, וואָס דאָס איז צונויפֿגעפֿאַלן מיטן רעפּרעסיע־פּעריאָד). אָבער אַזוי ווי עס איז אומזיניק צו באַ־הויפּטן, אַז מען האָט דערמאָרדעט אַ בר־מינן, האָט עס באַטייט, אַז דער מאָרד איז קיין מאָרד ניט גע־ווען, די רציחה קיין רציחה ניט און דער רוצח קיין רוצח ניט. דאָס האָט פֿאַקטיש געהייסן — אין רעטראָספּעקט — באַרעכטיקן דעם חורבן און ריינוואַשן די הענט, וואָס האָבן פֿאַרגאָסן אַזוי פֿיל אומשולדיק בלוט. אַ טראַגישער בלבול איז אויסגע־טראַכט געוואָרן אויף דער ייִדיש־סאָוועטישער קולטור, אַ בלבול וואָס האָט געדאַרפֿט דינען ווי אַ דעקמאַנטל פֿאַר כּלומרשטע „מלוכה־אינטע־רעסן".

פֿאַרן געזעגענען זיך, אין צענטראַל־קאָ־מיטעט, האָט מען אונדז גרויסמוטיק געשענקט — אַ פֿונק בטחון: „איבעריקס, מיר וועלן נאָך אַ טראַכט געבן וועגן די אַלע ענינים..." דאָס איז ווידער געווען אַ מין העפֿלעכקייט־פֿאָרמל, אין זעלבן נוסח ווי: „ווען דער אומגליק איז געשען..."

מיט עטלעכע טעג שפּעטער, אויף אַ שאַפֿע־רישן אָוונט אין לאָקאַל פֿון שרײַבער־פֿאַרבאַנד,

האָבן מיר זיך געטראָפֿן מיט די מאָסקווער ייִדישע שרײַבער. דאָס איז געווען אַן אומפֿאַרגעסלעכע באַגעגעניש, אַ האַרציקע, אַ ברידערלעכע, מיט מענטשן דערשיטערטע, בלוטיק־באַוווּנדעטע, קראַנקע פֿון לאַנגע יאָרן לאַגערן, אָבער וואָס האָבן נישט געלאָזט באַוועלטיקן זיך פֿון יאוש. קיינער פֿון זיי האָט נישט איבערגעריסן זײַן שאַפֿן. אַלע האָבן מוטיק און שטאָלץ זיך געהאַלטן בײַ זייער באַרוף, בײַ זייער שליחות — פֿון אַ ייִדישן שרײַבער. דאָס איז געווען אַן אָוונט פֿון טיפֿער טראַגיק און גלײַכ־צײַטיק — פֿון עכטער מענטשלעכער דערהויבנ־קײַט.

ניין, ניט געקוקט אויף אַלץ, האָט מען „דעם קאַמף פֿאַר גערעכטיקײַט" נישט געטאָרט אויפֿ־געבן.

אויף צו מאָרגנס זײַנען מיר אָפּגעפֿלויגן קיין פּאַריז.

אינטערמעצאָ־מעשׂה נומער איינס

אַ באַזוך בײַ אַן אַלטן פֿרײַנד

בעת איך האָב, אָנהויב ווינטער 1920/21, זיך געהאַט צוריקגעקערט פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד אַהיים — צוויי וואָכן צופֿוסנס, אין שנייען און פֿרעסט, דורך אַ פֿריש־אָנגעצייכנטער סאָוועטיש־פּוילישער גרעניץ — בין איך אַלט געווען פֿופֿצן יאָר.

בעת ער האָט, קוים עטלעכע חדשים שפּעטער, זיך באַוויזן אין מײַן היימשטאָט — געקומען פֿון „דאָרטן", „פֿון יענער זײַט", אומלעגאַל פֿאַרשטייט זיך, מיט זײַטיקע וועגן, אָבער מיט דער באַן — איז ער אַלט געווען פֿינף און דרײַסיק יאָר.

אין מײַנע אויגן האָט ער אויסגעזען, אויב נישט ווי אַ זקן, איז לכל הדעות ווי אַ באַיאָרטער מאַן.

ביידע זײַנען מיר געקומען מיט מאַנדאַטן. איך — אויפֿצושטעלן אַן אומלעגאַלן „קאָמסאָמאָל", אַ „קאָמיוג", דעם קאָמוניסטישן יוגנט־פֿאַרבאַנד. ער — צו אָרגאַניזירן אַן אומלעגאַלע קאָמוניסטישע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, ריכטיקער, לויט דער בוכ־

שטעבלעכער איבערזעצונג פֿון זײַן רוסישן מאַנ־
דאַט — אַן אונטערערדישע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע.

זײַן דאַמאָלסטיקן פּאַרטיי־נאָמען, דעם פּסעוו־
דאָנים, געדענק איך ניט, נאָך אַזוי פֿיל יאָרן. זײַן
אמתן נאָמען האָב איך דאַן נישט געקענט. וועל איך
אים אָנרופֿן, אַ ביסל — בלויז אַ ביסל — צוגע־
טראַכט: סיוועך.

בײַ זײַנע בסך הכּל פֿינף און דרײַסיק יאָר, האָט
סיוועך שוין פֿאַרמאָגט אַ רײַכע רעוואָלוציאָנערע
פֿאַרגאַנגענהײַט. ער איז געווען „אַן אַלטער באָל־
שעוויק", אַ דערפֿאַרענער „אונטערערדלער" נאָך
פֿון פֿאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און אַן אָנ־
טייל־נעמער אין בירגערקריג נאָך דער רעוואָ־
לוציע.

אַ מיטלוווּקסיקער, אַ העלהאָריקער, אַ בלוי־
אויגיקער, מיט אַ קײַלעכיק, קאָלירפֿול פּנים,
האָט מען סיווערן געקאָנט אָננעמען פֿאַר אַ רוס.
ער איז געווען אַ גוטמוטיקער און תּמיד שמייכלענ־
דיקער, באַזונדערס צו אונדז, קאָמיוגיסטן. מען
האָט אים קיין מאָל ניט געזען אָן אַ בוך אונטערן
אָרעם, אַ יידיש בוך, ס׳רובֿ אַ באַנד פּרץ. איך האָב
נאָך דאַן ניט געוווּסט, אַז סיווער איז געווען נישט
בלויז אַן „אונטערערדלער", נאָך אויך אַ שרײַבער,
אַ יידישער שרײַבער.

איך בין געווען סיוערס ליבלינג און זײַן נאָענטער מיטאַרבעטער: דער פֿאַרשטייער פֿון „קאָמיוג״ אין שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט, וואָס האָט געציילט בסך הכּל דרײַ חבֿרים. און ער, סיוער, איז געווען מײַן ערשטער רבי פֿון לעניניזם.

אין איינעם אַ ליכטיקן פֿרימאָרגן האָבן מיר זיך געכאַפּט, אַז סיוער, פּונקט ווי ער האָט זיך געשיידט זעלטן מיטן באַנד פּרץ, האָט אָנגעהויבן אַלץ זעלטענער און זעלטענער זיך צו שיידן מיט אונדזערער אַ חבֿרטע, אַ שיינער, בליענדיקער קאָמיוגיסטקע. געווען איז זי דווקא אַ פֿאַרמעגלעכע ייִדישע טאָכטער, אַ שילערין פֿון לעצטן קלאַס גימנאַזיע. זי האָט געהייסן ליזע.

אונדזער יונגע חבֿרה האָט אונטערגעשמייכלט. דער ראָמאַן האָט אויסגעזען אַן אומוואַרשיינלעכער. סיוער האָט געקאָנט זײַן ליזעס פֿאָטער.

אין האַרבסט 1921 בין איך אַריבערגעפֿאָרן קיין וואַרשע. כ׳בין באַשטימט געוואָרן פֿאַר סעקרעטאַר פֿונעם ייִדישן אָפּטייל בײַם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון „קאָמיוג״ אין פּוילן. סיוער איז געווען שטאָלץ מיטן עולה לגדולה זײַן פֿון זײַן תּלמיד. איך האָב נאָך עטלעכע מאָל מיט

אים זיך געטראָפֿן, בעת איך בין געקומען אויף אַ באַזוך צו מײַנע עלטערן.

אַ געוויסן טאָג, אין וואַרשע, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז סיוועך איז פּלוצלונג שווער קראַנק געוואָרן און איז צוריקגעפֿאָרן קיין ראַטנפֿאַר־באַנד. עטלעכע חדשים שפּעטער בין איך געוואָרן אַרעסטירט. און שוין אין תּפֿיסה איז צו מיר דער־גאַנגען די ידיעה, אַז מײַן חבֿרטע ליזע איז אַריבערגעפֿאָרן אין ראַטנפֿאַרבאַנד און האָט דאָרט חתונה געהאַט מיט סיוועך. מער האָב איך פֿון זיי ניט געהערט במשך פֿון אַ גאַנצן פֿערטל יאָר־הונדערט.

ערשט נאָך דער מלחמה, ריכטיקער, נאָך דער רעפּאַטריאַציע פֿון די פּוילישע ייִדן, וואָס האָבן בעת די מלחמה־יאָרן באַוויזן זיך צו ראַטעווען אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, האָב איך, דורך פּוילן, דורך געמיינזאַמע חבֿרים, באַקומען די ערשטע גרוסן וועגן סיוועךן און ליזען. זיי לעבן און וווינען אין מאָסקווע. ס'איז זיי אָבער געשען אַ גרויס אומ־גליק: זייער איין־און־איינציקער זון איז געפֿאַלן אויפֿן שלאַכטפֿעלד.

נאָך האָב איך זיך דערוווּסט: סיוועך איז, אין די צוואַנציקער יאָרן, געווען אַ פֿאַראַנטוואָרט־לעכער טוער אין צענטראַל־ביוראָ פֿון די

יידסעקציעס און אין די דרײַסיקער יאָרן — רעדאַקציע־מיטגליד פֿון מאָסקווער „עמעס״. במשך פֿון די אַלע יאָרן האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט עטלעכע בענד דערציילונגען, כראָניקעס און אַפֿילו אַ ראָמאַן. ער איז אַגבֿ געווען דער עלטס־טער מיטגליד פֿון דער ייִדישער סעקציע בײַם אַלסאָוועטישן שרײַבער־פֿאַרבאַנד.

די בלוטיקע כוואַליע, וואָס האָט פֿאַרשווענקט דאָס ייִדישע קולטור־לעבן און דאָס לעבן פֿון די וויכטיקסטע ייִדישע קולטור־שאַפֿער אין ראַטנ־פֿאַרבאַנד, האָט סיווערן אויסגעמיטן. ער איז נישט געוואָרן אַרעסטירט און איז געבליבן וווינען אין זײַן פֿאַרמלחמהדיקער דירה.

אין די מיטן־פֿופֿציקער יאָרן האָב איך פֿון אים באַקומען אַ פּאָר שורות, אַלץ דורך געמיינזאַמע חבֿרים פֿון פּוילן. ער האָט זיך בײַ מיר נאָכגע־פֿרעגט וועגן אַ מעגלעכקײַט צו פֿאַרעפֿנטלעכן אין פּאַריז אַ נײַ ווערק, איבער וועלכן ער האָט לעצטנס געאַרבעט.

פֿאַרנדיק קיין מאָסקווע האָב איך באַשלאָסן צו פּרוּוון, מיט אַלע מעגלעכקײַטן, זיך טרעפֿן מיט מײַן אַמאָליקן פֿרײַנד, דעם אַלטן באָלשעוויק, דעם ערשטן „אונטערערדלער״, וואָס איך האָב געהאָט באַגעגנט; זיך טרעפֿן אויך מיט ליזען, מײַן חבֿרטע,

צווישן די ערשטע פֿון „קאָמיוג״.

איך האָב געוווּסט, אַז דאָס איז נישט קיין פּשוטער ענין. מען האָט מיך פֿיל מאָל געוואָרנט — באַזונדערס פֿרײַנד פֿון פּוילן, וואָס האָבן לאַנגע יאָרן געוווינט אין ראַטנפֿאַרבאַנד — אַז מען דאַרף זײַן פֿאָרזיכטיק, בכדי ניט אַרויסרופֿן אַמאָל קיין אומאָנגענעמלעכקײַטן פֿאַר די סאָוועטישע פֿרײַנד. אָבער פֿאַרוואָס און מיט וואָס, האָב איך געטראַכט, קאָן איך, אַ מיטגליד פֿון אַן אָפֿיציעלער פּאַרטיי־שער דעלעגאַציע, שאַפֿן אומאָנגענעמלעכקײַטן אַן אַלטן באַלשעוויק, וואָס איז דערצו נאָך געווען מײַן ערשטער פּאַרטיייִשער פֿאַראַנטוואָרטלעכער? פֿונדעסטוועגן, האָב איך געפֿאָלגט אַלע עצות טובֿות און בין געווען — פֿאָרזיכטיק.

צו ערשט האָב איך זיך באַגעגנט מיט מײַן חבֿרטע ליזע. באַשטימט טעלעפֿאָניש אַ טרעפֿונג אין שטאָט. ס׳איז געווען אַ קאַלטער, ווינטער־דיקער נאָכמיטאָג. ביידע זײַנען מיר געגאַנגען אַנגעפּעלצט. ליזע האָט געטראָגן אַ וואָלן טיכל אויפֿן קאָפּ, איך — אַ הוט (צום ערשטן מאָל זינט צענדליקער יאָרן). ווען מיר וואָלטן ניט געוווּסט, אַז מיר זײַנען מיר, וואָלטן מיר זיכער נישט דער־קענט זיך. אָבער ווי נאָר מען האָט זיך דערקענט, זײַנען די לעצטע פֿיר יאָרצענדליקער מיט איין מאָל

ווי אָפּגעווישט געוואָרן. דאָס געשטאַלט פֿונעם הײַנט איז אָפּגעטראָטן אין הינטערגרונט. פֿון דער מיטליאָריקער, מידער, האַלב־פֿאַרוועלקטער פֿרוי האָט אַרויסגעקוקט מײַן אַמאָליקע חבֿרטע, די בליענדיקע, האָפֿערדיקע קאָמיוגיסטקע.

מען האָט געהאַלטן אין איין דערציילן. ס'איז געווען וואָס — פֿון אַזוי פֿיל יאָרן. זי האָט גע־אַרבעט ווי אַ וויסנשאַפֿטלער־ביבליאָגראַף אין איינער פֿון די גרויסע מאָסקווער ביבליאָטעקן. סיווער איז געווען שוין אַ מלוכה־פּענסיאָנער, מיט אַ הויכער פּענסיע. ער האָט לעצטנס געזאַמלט מאַטעריאַל פֿאַר אַן אויטאָביאָגראַפֿיע.

איך האָב געפֿרעגט, צי ס'וואָלט ניט מעגלעך געווען, איך זאָל זיך מיט אים זען. דאָס וואָלט מיר פֿאַרשאַפֿט אַ סך פֿרייד. ליזע האָט געטראַכט אַ ווײַלע און צוגעזאָגט מיך צו נעמען, דאָס צווייטע מאָל, צו זיי אַהיים.

זיי האָבן געוווינט אין צענטער שטאָט, אין אַ שיין הויז, מיט אַ ווינדע. נאַטירלעך, אין אַ צוזאַמענוווינונג. ליזע האָט מיך אַרײַנגעפֿירט אין אַ לאַנגן טונקעלן קאָרידאָר, אַ פֿאַרלייגטן מיט קערב, מיט פּעק און קוישן. אַ טוכלער ריח פֿון ניט־געלופֿטערטקייט האָט פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם. זי האָט געעפֿנט די טיר פֿון זייער צימער. וואַרעמע

הענט האָבן מיך אַרומגעכאַפּט. פֿאַר מיר איז גע־שטאַנען, אַ שמייכלענדיקער, סיוּוער.

אַ רגע האָט מיך פֿאַרקלעמט בײַם האַרצן. עס האָט מיך געהאַלדזט און געקושט — אַ שאָטן פֿון מײַן אַמאָליקן פֿרײַנד. נישט אַזוי די פֿאַרעלטערט־קײַט האָט זיך געוואָרפֿן אין די אויגן — ער איז נאָך אַלץ געווען בלאָנד און נישט גרוי — ווי די געבראָכנקײַט, די אויסגעלאָשנקײַט. זײַן אַמאָל קײַלעכיק פּנים איז געוואָרן לאַנג און שמאָל, פֿון אַש־קאָליר און פֿול מיט קנייטשן. די בלויע אויגן האָבן פֿאַרלוירן זייער גלאַנץ. ער האָט אויסגעזען אין גאַנצן ווי אײַנגעבויגן.

ווי אַ שרײַבער, האָט סיוּוער געהאַט רעכט אויף אַ צוגאָב־צימער, אַן אַרבעט־צימער. זייער דירה איז אַזוי אַרום באַשטאַנען פֿון צוויי צימערן, גרויסע, הויכע, ליכטיקע. אָבער פֿון ביידע האָט געטראָגן אַן עלנט, אַן עצבֿות — נאַקעטע ווענט, צוויי שוואַרצע, אײַזערנע בעטן, אַראָפּהענגענ־דיקע עלעקטרישע דראָטן, מיט נאַקעטע לעמפּלעך, אָן שיינדלעך.

מען האָט זיך געזעצט צום טיש. די באַלע־באָסטע האָט דערלאַנגט טיי און ס'האָט זיך תּיכף פֿאַרבונדן אַ שמועס — וועגן די אַמאָליקע יאָרן, מיט אַלץ נײַע און נײַע דערמאָנונגען, מיט נײַע

זכרונות. צי געדענקסטו, חיים, דעם? צי געדענקסטו יענעם? און סיווער האָט אָנגעהויבן גרויסן זיך מיט זײַן קאָמיוג, מיט די אויפּטועך און דערגרייכונגען פֿון זײַנע קאָמיוגיסטן. אָט דער — געדענקסט אים אָוודאי — איז הײַנט אין פֿאָלקס־פּוילן אַ וויצע־מיניסטער; אָט דער אַנדערער — דערמאָנסט זיך אים? — איז דירעקטאָר פֿון אַ דעפּאַרטעמענט אין אַ צווייטן מיניסטעריום; אָט דער דריטער — האָסט אים זיכער ניט פֿאַרגעסן — איז אויף אַ הויכן דיפּלאָמאַטישן פּאָסטן... אָט דער פֿערטער, דער פֿינפֿטער...

איך האָב, נאַטירלעך, אַלעמען געדענקט, קיינעם ניט פֿאַרגעסן. דאָס זײַנען ס'רובֿ געווען חבֿרים פֿון די קינדער־יאָרן, שול־חבֿרים. כ'בין כּמעט מיט אַלעמען געשטאַנען אין פֿאַרבינדונג, מיט אַלעמען זיך באַגעגנט, בעת מײַנע באַזוכן אין פּוילן. כ'האָב געפּרוּווט עס זאָגן סיווערן, אָבער ער האָט ווי ניט דערהערט. (אַגבֿ, ער האָט זייער שלעכט געהערט און געטראָגן אַן אַקוסטישן אַפּאַראַט). ער האָט רק געהאַלטן אין איין דערמאָנען, אין איין חזרן, מיט שטאָלץ: נו, וואָס, דערצויגן אַ דור, האַ? ס'האָט געלוינט די מי?

איך האָב זיך באַמיט אַרויפֿצופֿירן דעם שמועס אויף אַנדערע וועגן, זיך נאָכגעפֿרעגט וועגן זײַנע

ליטעראַרישע אַרבעטן, וועגן זײַנע שאַפֿערישע פּלענער. ער האָט אָבער די תּשובֿה אָפּגעלייגט אויף שפּעטער און ווידער זיך אומגעקערט צו די קאָמיוגיסטן. ס'איז אָנגעקומען מײַן ריי אויף שבֿחים: אָט איך, זײַן ליבלינג פֿון די יאָרן פֿון אונטערערד, איך בין געוואָרן אַ שרײַבער, אַ דראַמאַטורג, מײַנע פּיעסן ווערן אויפֿגעפֿירט אין פֿיל לענדער און איצט, ממש ווי אַ באַקרוינונג, בין איך אין מאָסקווע, אַ שליח פֿון צעקאַ פֿון דער פֿראַנצייזישער קאָמוניסטישער פּאַרטי...

ער האָט ניט געזאָגט: צענטראַל־קאָמיטעט, נאָר — „צעקאַ". דאָס האָט געקלונגען גלײַכ־צײַטיק הן מיט נאָענטקײַט, הן מיט טיפֿסטן דרך־ארץ, מיט באַוווּנדערונג און אומגעהויערן יראת־הכּבֿוד, ווי אַ פֿרומער ייִד וואָלט גערעדט וועגן קדשי־קדשים.

— פֿון צעקאַ גופֿא?!

— פֿון צעקאַ, חבֿר סיווער.

— און דו וועסט זײַן בײַ אונדז אין צעקאַ?

— וואַרשיינלעך.

סיווער האָט געשײַנט. זײַנע אויסגעלאָשענע בלויע אויגן האָבן אויפֿגעלויכטן. ער איז בפֿירוש ייִנגער געוואָרן. איך האָב געמוזט אים ענטפֿערן אויף אומצאָליקע פֿראַגן וועגן דער פֿראַנצייזישער

קאָמפּאַרטיי, וועגן מאָריס טאָרעזן, וואָס איז גע־וועזן זייער פּאָפּולער אין ראַטנפֿאַרבאַנד (איך קען אים פּערזענלעך?... כ'האָב מיט אים אַמאָל גע־רעדט?...), וועגן דער פֿראַנצייזישער אַרבעטער־באַוועגונג בכלל.

די שטימונג איז געוואָרן אַ הייטערע. סיוויער האָט אָנגעהויבן דערציילן וועגן זײַנע ליטע־ראַרישע פּלענער. ער טרוימט וועגן אַן אויטאָביאָ־גראַפֿיע, אָבער נישט קיין יחידישע, נאָר פֿון זײַן דור, פֿון זײַן צײַט, אַ מאָנומענטאַלע אויטאָביאָ־גראַפֿיע... אָבער דאָס איז ניט איינפֿאַך...

ער האָט זיך פֿאַרטראַכט און שוין אין אַן אַנדערן טאָן זיך אָנגערופֿן:

— ער וויל מיר שטעלן אַ פֿראַגע. אויב איך דאַרף ניט ענטפֿערן, וועט ער אויף מיר קיין פֿאַר־איבל ניט האָבן. ווער ווי ווער, נאָר ער וועט עס פֿאַרשטיין. אים איז אינטערעסאַנט צו וויסן: וועגן וואָס פֿאַרא פּראָבלעמען איז די פֿראַנצייזישע פּאַרטיי־דעלעגאַציע געקומען קיין מאָסקווע? איך בין דאָך נישט קיין פּאַרטיי־טוער, נישט קיין מיט־גליד פֿון צעקאַ. זײַנען עס ריין־צווישנפּאַרטייישע פּראָבלעמען?

— נישט אין גאַנצן, האָב איך געענטפֿערט.

— וואָס הייסט: נישט אין גאַנצן? האָט סיוויער

געוואַלט פֿאַרשטיין. און ווידער צוגעגעבן: אויב דאָס דאַרף זײַן אַ סוד, בעט ער מיך ניט צו ענט־פֿערן.

איך האָב יאָ געענטפֿערט:

— דאָס איז נישט קיין סוד און דאַרף קיין סוד ניט זײַן. די דעלעגאַציע פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פֿראַנצייזישער קאָמפּאַרטיי איז געקומען קיין מאָסקווע וועגן ענין פֿון דער ייִדישער קולטור אין ראַטנפֿאַרבאַנד.

סיוווער איז געבליבן אַ ווײַלע ווי פֿאַרשטיי־נערט. ער האָט פּשוט ניט פֿאַרשטאַנען.

— וואָס האָב איך געזאָגט?!.. וועגן וואָס?!..

איך האָב איבערגעחזרט;

— וועגן דער ייִדישער קולטור אין ראַטנ־פֿאַרבאַנד. וועגן דער ווידעראויפֿלעבונג פֿון דער ייִדישער קולטור אין ראַטנפֿאַרבאַנד.

סיוווער האָט זיך אויפֿגעריסן פֿון אָרט. ער איז געוואָרן בלייך, אַן אַ טראָפּן בלוט אין פּנים, האָט אָנגעהויבן לויפֿן פֿון איין פֿענצטער צום צווייטן און פֿאַרזיכטיק אַרויסקוקן אין דרויסן. ער האָט פֿיבער־דיק געמורמלט:

— זאָל זי זאָגן, ליזע... זאָל זי זאָגן... מיט וועלכן וועג זײַנען מיר געגאַנגען... צי האָט זי

אַכטונג געגעבן?... צי האָט זי גאָרניט באַ־מערקט?..

וואָס מער ליזע האָט אים באַרויִקט, אַלץ מער איז אין אים דער אומרו געשטיגן. ער האָט גע־ציטערט אין גאַנצן. די שטים איז אים קוים אַרויס פֿון קעל. ער האָט זיך געשטיקט מיט יעדן וואָרט.

— ניין, חיים, האָט ער פּלוצלונג זיך גע־וואָנדן צו מיר, האָסט זייער שלעכט געטאָן... זייער שלעכט... האָסט ניט געטאָרט קומען צו מיר... האָסט ניט געהאַט קיין רעכט... ווען איך וואָלט געוווּסט, צוליב וועלכע ענינים מען האָט דיך געשיקט קיין מאָסקווע... ניין, איך וואָלט דיך ניט אײַנגעלאַדן צו מיר... דו הערסט?! איך וואָלט דיך בשום אופֿן ניט אײַנגעלאַדן...

מיר איז געוואָרן פֿײַנלעך. איך האָב ניט גע־ווּסט, וואָס צו ענטפֿערן, ווי צו רעאַגירן. ליזע איז צוגעפֿאַלן צו אים, זיך גענומען בעטן. ס'האָט אָבער ניט געהאָלפֿן. ער האָט מער ניט געקאָנט זיך באַ־הערשן, גענומען שרײַען און פּלוצלונג האָט זײַן אַקוסטישער אַפּאַראַט אָנגעהויבן רוישן, אַרויס־געבן משונהדיקע קלאַנגען, אַזוי ווי אויפֿרײַסן, אַזוי ווי שאָסן־געקנאַלן. ס'איז געוואָרן גרויליק אַרום.

— חיים, האָט ער געשריגן, דו ווייסט ניט, וואָס דאָ איז געשען... מען קאָן זיך עס גאָרניט

פֿאַרשטעלן... מען קאָן עס מיט ווערטער ניט איבערגעבן... מען קאָן עס אַ צווייטן מאָל ניט איבערלעבן... דאָס איז געווען שרעקלעך!... שרעקלעך!...

ער האָט געחזרט אומאויפֿהערלעך און אַלץ העכער: שרעקלעך... און יעדעס מאָל איז דאָס וואָרט באַגלייט געוואָרן אַזוי ווי מיט אַן אויפֿרײַס, מיט אַ שאָסן־געקנאַל.

איך בין געשטאַנען פֿאַרציטערט, ניט געקאָנט זיך רירן פֿון אָרט, ניט געקאָנט אַרויסריידן קיין וואָרט.

פלוצלונג איז סיוער אַוועקגעפֿאַלן אויף אַ שטול, זיך אָנגעלענט אין טיש. ס׳איז צוגעפֿאַלן אַ טויט־שטילקייט.

סיוער האָט געפֿליסטערט:

— זײַ מיר מוחל, חיים... איך קאָן ניט... איך וויל ניט... איך וויל ניט... דו זאָלסט בלײַבן אין מײַן היים...

און ער האָט זיך פֿונאַנדערגעוויינט.

איך בין געבליבן דערשיטערט. שוין אַ פֿערטל יאָרהונדערט, ווי איך הער נאָך אַלץ דעם אויסגעשריי „שרעקלעך", באַגלייט מיט אַן אויפֿרײַס, מיט אַ שאָסן־געקנאַל.

* * *

אין 1966 האָט מיר סיווער צוגעשיקט, פֿון מאָסקווע, זײַן נײַ־דערשינען בוך, אויף רוסיש, מיט פֿאָלגנדיקער ווידמונג — אויף ייִדיש (אין סאָוועטישן אויסלייג פֿאַרשטייט זיך):

„דעם אומפֿאַרגעסלעכן קאָמיוגישן אָנפֿירער פֿון ביאַליסטאָקער אונטערערד, דעם כאַווער כאַים סלאָוועס, מיט ליבע און אַכטונג".

קאַפּיטל זעקס

אַ באַריכט

אַ קאַרגע וואָך נאָכן צוריקקערן זיך קיין פּאַריז, האָב איך באַקומען פֿון דער ייִדישער פּאַרטיי־קאָמיסיע אַ פּראָיעקט פֿון אַ קורץ־געפֿאַסטן, ריין־פֿאַקטאָלאָגישן באַריכט — פֿאַרן צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פֿראַנצייזישער פּאַרטיי — וועגן דער שליחות קיין מאָסקווע. דער באַריכט האָט מיך לחלוטין נישט באַפֿרידיקט. דער חילוקי־דעות צווישן מיר און די צוויי מיטפֿאָרער מײַנע האָט, בעת אונדזער אויפֿהאַלט אין ראַטנפֿאַרבאַנד, ניט בלויז זיך נישט געהאַט פֿאַרקלענערט, נאָר אדרבא, זיך פֿאַרטיפֿט. פֿונדעסטוועגן אָבער, האָבן מיר צוזאַמען געפֿירט „אַ שלאַכט פֿאַר גערעכטיקײַט”. איך האָב באַשלאָסן דעם באַריכט אונטערצושרײַבן, מחמת חבֿרישער סאָלידאַריטעט, אָבער אויסדריקלעך זיך רעזערווירט דאָס רעכט צוצוגרייטן אַ באַזונדערן באַריכט, פֿאַר מאָריס טאָרעזן.

דעם 6טן מאַי 1958 האָב איך אים איבערגעשיקט פֿאָלגנדיקן מעמאָראַנדום:

טײַערער חבֿר טאָרעז,

דעם 24טן מערץ ד. י. האָבן די דרײַ חבֿרים, וואָס זײַנען געהאַט באַשטימט געוואָרן דורך דער אָנפֿירונג פֿון אונדזער פּאַרטיי צו פֿאָרן קיין ראַטנ־פֿאַרבאַנד — בכדי דורכצודיסקוטירן מיט די סאָוועטישע חבֿרים דעם ענין וועגן איצטיקן מצבֿ פֿון דער ייִדיש־סאָוועטישער קולטור — צוגע־שטעלט דעם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי אַן אַנאַליטישן באַריכט וועגן די רעזולטאַטן פֿון דער שליחות. דעם דאָזיקן דאָקומענט האָב איך גע־חתמעט, צוזאַמען מיט די צוויי אַנדערע מיט־גלידער פֿון דער דעלעגאַציע.

איך וואָלט אָבער געוואָלט דערגאַנצן אָט דעם באַריכט, אַ ביסל אַ בקיצורדיקן און פֿראַגמענ־טאַרישן, מיט עטלעכע אַלגעמיינע באַטראַכ־טונגען, וועלכע איך האַלט פֿאַר נייטיק דיר איבערצוגעבן פּערזענלעך, מחמת די גאַנצע נסיעה איז דאָך אייגנטלעך צושטאַנד געקומען אַ דאַנק דײַן פּערזענלעכער אינטערווענץ בײַ די סאָווע־טישע חבֿרים.

מיר זײַנען אויפֿגענומען געוואָרן אין ראַטנ־פֿאַרבאַנד מיט זייער פֿיל חבֿרישקײַט און אויך די שמועסן, וואָס מיר האָבן דאָרט געפֿירט, זײַנען גע־ווען פֿרײַנדלעכע, הגם דאָס האָט ניט געשטערט,

זיי זאָלן זײַן שאַרפֿע, זייער אָפּט לײַדנשאַפֿטלעכע און זאָלן דויערן שעהן לאַנג.

צי זײַנען אָבער די דיסקוסיעס דערגאַנגען צום תּוך פֿון די פּראָבלעמען? ס'איז דערלויבט אין דעם צו ספֿקן. מיר האָבן גערעדט זייער אַ סך וועגן „פּראַקטיציזם" — ביכער, צײַטונגען, טעאַטער, קאָנצערטן וכדומה — אָבער די פּאָליטישע זײַט פֿון גאַנצן ענין, ס'הייסט אייגנטלעך דער עיקר, איז דורך אונדזערע מיטשמועסער געלאָזט געוואָרן אין שאָטן, געוואָרן אויסגעמיטן, פֿאַרשוויגן.

אונדזערע פֿאַרהאַנדלונגען אין מאָסקווע האָבן זיך אָנגעהויבן און געשלאָסן מיט אַן אָפֿיציעלער און קאַטעגאָרישער דערקלערונג, וואָס איז פֿיל מאָל איבערגעחזרט געוואָרן דורך די סאָוועטישע חבֿרים: „עס איז נישטאָ אין ראַטנפֿאַרבאַנד קיין שום ייִדן־פּראַגע". געוויס האָב איך ניט קיין רעכט צו ספֿקן אין דער אויפֿריכטיקײַט פֿון די דאָזיקע חבֿרים. כ'מוז אָבער צוגעבן, אַז דיווירקלעכקײַט — אין דער מאָס, וואָס מיר איז געלונגען מיט איר זיך צו באַקענען — לייקנט אָפּ, אויף אַ פּײַנלעכן אופֿן, אָט די קאַטעגאָרישע דערקלערונג.

מען דאַרף אַוודאי זײַן פֿאָרזיכטיק בײַ פֿאַר־אַלגעמיינערטע אָפּשאַצונגען. זיכער האָט „די ייִדן־פּראַגע" אין ראַטנפֿאַרבאַנד אַ לחלוטין אַנדער כאַ־

ראַקטער ווי די זעלבע „ייִדן־פֿראַגע״ האָט געהאַט אין צאַרישן רוסלאַנד. מען מוז אָנערקענען אַ פֿאַקט, וואָס אַפֿילו די פֿאַרביסנסטע שׂונאים פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד זײַנען ניט בכּח אָפּצופֿרעגן: דעם ערשטראַנגיקן פּלאַץ, וואָס די סאָוועטישע ייִדן פֿאַרנעמען אין אינטעלעקטועלן און עקאָנאָמישן לעבן פֿון לאַנד (אָבער אָן אַן ערך ווייניקער אין פּאָליטישן לעבן). די צאָל באַרימטע ייִדישע אוניווערסיטעט־פּראָפֿעסאָרן, געלערנטע, שרײַבער, קינסטלער, אינדוסטריע־אָנפֿירער וכּדומה איז אַן אומגעהייער גרויסע. פֿונדעסטוועגן אָבער, איז פֿאַרט פֿאַראַן אין ראַטנפֿאַרבאַנד „אַ ייִדן־פֿראַגע״, דאָס אונטערליגט ניט דעם מינדסטן ספֿק. זי דריקט זיך אויס אין אַ טיפֿן אומרו מצד דער ייִדישער באַפֿעלקערונג, אין אַ מורא און אומצוטרוי, אין אַ פֿאַרביטערטקײַט און אויך אין חשדים, וועלכע שטיצן זיך אָבער אַלע, צום גרויסן באַדויערן, אויף ווירקלעכע עוולות און אומגערעכטיקײַטן, וואָס עס איז אוממעגלעך זיי אָפּצולייקענען.

עס איז פּײַנלעך צו זײַן געצוווּנגען וועגן דעם צו ריידן, אָבער ס'איז נייטיק, דו זאָלסט עס וויסן, ס'איז נייטיק, אַז אונדזער פּאַרטיי זאָל וויסן דעם אמת וועגן דעם אַלעמען, וואָס מיר איז דערציילט

געוואָרן אין מאָסקווע דורך פּיל מענטשן און צווישן זיי — מיטגלידער פון דער סאָוועטישער קאָמפּאַרטיי און אַלטע באַלשעוויקעס, וועלכע האָבן זייער גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן פאַר דער זאַך פון קאָמוניזם.

עס איז, צום באַדויערן, אמת, אַז במשך פון די טרויעריקע בעריאַ־יאָרן, בעת מיר האָבן דעמאַס־קירט ווי נידערטרעכטיקע בילבולים אַלע קלאַנגען וועגן אַנטיסעמיטיזם אין ראַטנפאַרבאַנד, האָט די יידישע באַפעלקערונג פון פ. ס. ס. ר. געלעבט אין אַן אַטמאָספערע פון טעראָר, וואָס האָט צייטנווייז און אין געוויסע ערטער בוכשטעבלעך באַדראָט מיט פאָגראָמען.

עס איז, צום באַדויערן, אמת, אַז אַפילו נאָך דער ליקווידאַציע פון בעריאַן — און אַפילו שוין נאָכן צוואַנציקסטן קאָנגרעס — האָבן די אַנטי־יידישע דיסקרימינירונגען, הגם ווייניקער שאַרפע, נישט אויפגעהערט אין גאַנצן לאַנד. יידן זיינען אָפּגעזאָגט געוואָרן פון זייער אַרבעט, אַראָפּ־גענומען פון זייערע פאָסטנס. יידישע יוגנטלעכע האָבן פלוצלונג זיך אָנגעשטויסן אויף אומבאַ־זיגבאַרע שוועריקייטן ביים אָנקומען אין געוויסע הויכשולן און ביים אָנגענומען ווערן אין געוויסע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען.

ס׳האָט, אמת, זיך נישט געהאַנדלט — מען דאַרף עס אונטערשטרײַכן — וועגן אַ פֿאַראַלגע־מיינערטער און קאָאָרדינירטער פּאָליטיק. די דיסקרימינאַציע האָט, אין גרעסטן טייל, גע־שטאַמט פֿון לאָקאַלע אינסטאַנצן. אָבער אַלע עוולות און אומגעזעצלעכקײַטן זײַנען פֿאַרבליבן אומבאַשטראָפֿט און דאָס איז געווען דער בעסטער סימן, אַז די צענטראַלע מאַכט האָט זיי טאָלערירט.

איבעריקס, דער בײַשפּיל — אויב אַפֿילו נישט קיין בפֿירושע דירעקטיוון — איז געקומען פֿון גאָר הויך. מיט דער הילף פֿון דער טעאָריע וועגן „נאַציאָנאַלער גלײַכגעוויכט פֿון די קאַדערן״, איז דער פּאַרטיי־אַפּאַראַט גופֿא אַלץ מער און מער גע־וואָרן „אויסגערייניקט״ פֿון ייִדן.

אָט דער דאָזיקער צווייטער פּעריאָד, שוין נישט פֿון אָפֿענע אומפֿאַרשעמטע פּראָוואָקאַציעס און אומגעזעצלעכקײַטן, ווי אין די בעריאַ־צײַטן, נאָר פֿון שרײַענדיקע עוולות, אויף וועלכע די ייִדישע באַפֿעלקערונג, אַ פֿולשטענדיק טעראָרי־זירטע, האָט אַפֿילו ניט געוואַגט זיך צו באַקלאָגן, אָט דער פּעריאָד איז, צום גליק, שוין הײַנט פֿאַרבײַ. מען באַזײַטיקט שוין ניט מער קיין ייִדן פֿון אַדמיניסטראַציעס און אונטערנעמונגען, די עוולות

ווערן זעלטענער, די שוועריקייטן פֿאַרקלענערן זיך ביסלעכווייַז.

צי הייסט עס אָבער, אַז די דיסקרימינירונגען זייַנען אין גאַנצן און אומעטום פֿאַרשווּנדן? דאָס איז ווייַט נישט זיכער. מען האָט מיר, למשל, דערציילט וועגן געוויסע היכשולן, וואָס זייַנען, ווי אין די פֿריערדיקע יאָרן, געבליבן אומצוטריטלעך פֿאַר ייִדן. עס האַנדלט זיך, צווישן אַנדערע, וועגן מיליטערישן אינסטיטוט אויפֿן נאָמען פֿון קוטוזאָוו און וועגן אינסטיטוט פֿאַר אינטערנאַציאָנאַלע באַציִונגען, וואָס גרייט צו קאַדערן פֿאַרן דיפּלאָמאַטישן דינסט.

לכל הדעות און אָפּגעזען פֿון געוויסע איבערבלייַבן פֿון דער טרויעריקער פֿאַרגאַנגענהייַט, וואָס זייַנען נאָך דאָ־און־דאָרט פֿאַראַנען, האָט די לאַגע, אין אַלגעמיין גענומען, בלי ספֿק זיך פֿאַרבעסערט. אַלע אָנערקענען עס גערן. און דאָך איז די ייִדישע באַפֿעלקערונג געבליבן אומרויִק. די שרעקלעכע אויפֿטרייסלונג פֿון דעם בעריאַ־פּעריאָד, די דערמאָנונגען וועגן די יאָרן, ווען ס׳האָט טאָג־טעגלעך געדראָט אַ קאַטאַסטראָפֿע (מען האָט זיך שוין געריכט אויף אַ מאַסן־דעפּאָרטאַציע), זייַנען נאָך ווייַט ניט פֿאַרווישט. אויסער דעם איז פֿאַראַן נאָך אַ סיבה, שוין אַ קעגנוואַרטיקע, וואָס דערלאָזט ניט

— מער נאָך ווי די זכרונות וועגן טראַגישן עבֿר — אַז די ייִדישע באַפֿעלקערונג זאָל צוריקגעפֿינען איר גלײַכגעוויכט. דאָס איז דער פֿאַקט, וואָס די פּאַרטיי האָט צו דעם גאַנצן ענין אָפֿיציעל נישט אָנגענומען קיין שום שטעלונג.

בעת אונדזער באַזוך פֿון צוויי גרויסע מעטאַלורגישע אונטערנעמונגען אין מאָסקווע און לענינגראַד, האָט דער פּאַרטיי־קאָמיטעט פֿון יעדער אונטערנעמונג אָרגאַניזירט פֿאַר אונדזערטוועגן אַ צוזאַמענטרעף מיט ייִדישע אַרבעטער און אינזשעניערן. אויף די צוזאַמענטרעפֿן איז די פֿראַגע וועגן אַנטיסעמיטיזם יעדעס מאָל אויפֿגעהויבן געוואָרן דורך די סאָוועטישע חבֿרים גופֿא. „מיר ווילן ניט אויסבאַהאַלטן פֿון אײַך, האָבן זיי געזאָגט, אַז אין ראַטנפֿאַרבאַנד זײַנען נאָך פֿאַרבליבן שפּורן פֿון אַנטיסעמיטיזם. ווי אַזוי האָט עס דען געקאָנט אַנדערש זײַן, נאָך די יאָרן פֿון דײַטשער אָקופּאַציע, וואָס האָט בכּיוונדיק פֿאַרסמט גאַנצע געגנטן? די פּאַרטיי גיט זיך אָפּ אַ חשבון דערפֿון און נעמט אָן אַלע מיטלען בכדי צו באַקעמפֿן די קאָנסעקווענצן פֿון אָט דעם גיפֿט".

די דאָזיקע באַהויפּטונג זעט אָבער אויס —
ווידער אַ מאָל — צו זײַן צו פֿיל קאַטעגאָריש.
זיכער איז, אַז די דײַטשע אָקופּאַציע איז גע־

ווען איינע פֿון די הויפּט־גורמים פֿון דער אַנטי־סעמיטישער כוואַליע, וואָס האָט איר הויכפּונקט דערגרייכט אין די בעריאַ־יאָרן. צי האָט אָבער די פּאַרטיי באמת אָנגענומען אַלע נייטיקע מאָס־מיטלען בכדי צו באַקעמפֿן די מגפֿה? די כּסדר־דיקע פֿאַרבעסערונג, אָנגעהויבן פֿון צוואַנציקסטן קאָנגרעס, פֿונעם מצבֿ פֿון דער יידישער באַפֿעל־קערונג, דאַרף אוודאי אַרויפֿגעשריבן ווערן אויפֿן חשבון פֿון דער פּאַרטיי און זיכער איז אַ דאַנק דער פּאַרטיי געמאַכט געוואָרן אַ סוף צו די אַממערסטן שרייַענדיקע עוולות פֿון די פֿאַרגאַנגענע יאָרן. די סאָוועטישע יידן וואַרטן אָבער אויף אַ פּרינציפּן־דעקלאַראַציע. זיי וואַרטן, עס זאָל פֿאַרמשפּט ווערן אָפֿיציעל, קלאָר און דייַטלעך, יעדע פֿאָרם און יעדע פּראַקטיק פֿון דיסקרימינאַציע.

דעם נאַצי־אָקופּאַנט איז געלונגען אייַנצו־שפּריצן אַנטיסעמיטישן סם בייַ צענדליקער און צענדליקער מיליאָנען סאָוועטישע בירגער און אַרויסרופֿן ממש אַ ים פֿון שׂנאה. אָט די יידן־שׂנאה האָט אָנגעהאַלטן אויך שפּעטער, שוין נאָך דער אָקופּאַציע, און איז געוואָרן נישט בלויז טאָלע־רירט דורך דער מאַכט, נאָר שיר־ניט דערמוטיקט און אָפֿיציאַליזירט אין די בעריאַ־יאָרן. אויפֿן צוואַנ־ציקסטן קאָנגרעס, בעת עס זייַנען אויפֿגעדעקט

געוואָרן די עוולות און פֿאַרברעכנס באַגאַנגענע לגבי אַ ריי סאָוועטישע פֿעלקער, זײַנען די אַנטי־סעמיטישע רדיפֿות אַפֿילו ניט דערמאָנט געוואָרן.

אָט דאָס בייז האָט אָנגענומען אַ צו ערנסטן כאַראַקטער, עס האָט זיך צו שטאַרק אויסגע־שפּרייט און איז צו טיף אַרײַנגעדרונגען, קיין שום אַנאָנימע רפֿואות, פֿון ריין־עמפּירישן כאַראַקטער, וועלן דאָ ניט העלפֿן. די נײַע סיטואַציע פֿאָדערט אַ נײַעם סך־הכּל און נײַע אויספֿירן. עס איז נייטיק, דרינגענדיק נייטיק, אַ פֿײַערלעכע פּרינציפּ־דער־קלערונג, אַ קאַטעגאָרישע פֿאַראורטיילונג פֿון אַלע עוולות, אומגערעכטיקײַטן און אומגעזעצלעכ־קײַטן. בלויז אַזאַ מין אָפֿיציעלער אַקט וואָלט באַטײַט — פֿאַר דער ייִדישער באַפֿעלקערונג, וואָס לעבט נאָך אַלץ אין כּסדרדיקן אומרו, און פֿאַר אַלע אַנדערע בירגער פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד — אַז די רדיפֿות און פֿאַרברעכנס פֿון דער פֿאַרגאַנגענהײַט געהערן שוין אויף תּמיד... צו דער פֿאַרגאַנגענ־הײַט.

אויף דעם דאָזיקן הינטערגרונט, וואָס איז טיף אײַנגעקריצט אין זכּרון פֿון די סאָוועטישע ייִדן, דאַרף ווערן אַנאַליזירט דער פּראָבלעם פֿון דער ייִדישער קולטור אין ראַטנפֿאַרבאַנד.

עס איז שוין איצט מער ניט קיין סוד, אַז די

יידיש־סאָוועטישע קולטור האָט דורכגעמאַכט אַ טראַגישע, אַ בלוטיקע תּקופֿה. אַ צאָל יידישע שרײַבער און קינסטלער — צווישן די גרעסטע — זײַנען געוואָרן דערמאָרדעט. אַנדערע זײַנען אומגעקומען אין תּפֿיסות און לאַגערן. נאָך אַנדערע, אין די צענדליקער, האָבן דאָרט יאָרן־לאַנג געשמאַכט און זײַנען ערשט ניט־לאַנג געוואָרן באַפֿרײַט און „רעהאַביליטירט".

דאָס איז געווען אַ שרעקלעכער אומגליק — פֿאַר דער יידישער קולטור און פֿאַר דער סאָוועטישער קולטור בכלל. דער פֿאַקט איז אַן אַלגעמיין אָנערקענטער. פֿיל מאָל, בעת אונדזערע שמועסן מיט די רוסישע שרײַבער, ווי אויך אין קולטור־מיניסטעריום און אין צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי, האָבן מיר געהערט, פֿון אונדזערע מיט־שמועסער, די פֿראַזע: „ווען דער אומגליק איז געשען..." דער באַדויער איז אַן אַלגעמיינער.

וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז די פֿאַרגיטי־קונג פֿאַר אָט דעם אומגליק — אין דער מיני־מאַלער מאָס, צום באַדויערן, ווו אַ פֿאַרגיטיקונג איז נאָך מעגלעך געווען — האָט ניט געדאַרפֿט אַרויס־רופֿן די קלענסטע ספֿקות, די מינדסטע מיינונג־פֿאַרשיידנקײַטן. אין אַלע פֿאַלן ווו דער מלאך־המוות האָט ניט באַוויזן צו פֿאַרענדיקן זײַן גרוי־

זאָמע שליחות, האָבן די לעבן־געבליבענע שרײַ־בער און קינסטלער געדאַרפֿט צוריקגעשטעלט ווערן אין זייער „סטאַטוס קוואָ אַנטע״,אין דעם מצבֿ פֿון פֿאַרן אומגליק און דאָס, נישט בלויז פֿיזיש און מאַטעריעל, נאָר אויך — און בעיקר אפֿשר — אין זייער באַרוף. די ייִדישע קולטור, ווי אַ גאַנצע, האָט געדאַרפֿט צוריקגעפֿינען איר רעכט אויף לעבן און שאַפֿן.

אַזוי איז אָבער נישט געשען. די זעלבע חבֿרים, וואָס האַלטן אין איין איבערחזרן „ווען דער אומ־גליק איז געשען...״ מאַכן אַ פֿאַראַדאָקסאַלע דיס־טינקציע, אַ מין „להבֿדיל״ צווישן שרײַבער און ליטעראַטור, צווישן שוישפּילער און טעאַטער, צווישן וויסנשאַפֿטלער און וויסנשאַפֿט, צווישן קולטור־שאַפֿער און זײַן ווערק.

בלויז דער שרײַבער, דער קינסטלער, דער וויסנשאַפֿטלער, אינדיווידועל גענומען — טענהן זיי — איז געפֿאַלן אַ קרבן פֿון דער בעריאַ־תּקופֿה. וואָס שייך דער ייִדישער קולטור, האָט זי אין תּוך גאָרניט געליטן און דאָס מחמת אַן אויסער־געוויינטלעך פּשוטער סיבה: איידער נאָך מען האָט זי דערמאָרדעט, איז זי שוין געווען טויט.

דער דאָזיקער סובטעלער „להבֿדיל״ איז איצט דער גורם, נאָך אַלע פֿאַרגאַנגענע בלוטיקע יאָרן,

פֿון אַ נײַער טראַגעדיע פֿון דער ייִדיש־סאָוועטישער קולטור: מען וויל דווקא מקבר זײַן אַ בעל־חי, וואָס רײַסט זיך מיט אַלע כּחות צו לעבן.

וועלכע זײַנען די אַרגומענטן פֿון די סאָוועטישע חבֿרים? איך וועל זיי רעזומירן בקיצור אַזוי ווי זיי זײַנען געוואָרן פֿאָרמולירט אין צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי, אין מאָסקווע.

אין ראַטנפֿאַרבאַנד — האָט מען אונדז דערקלערט — קומט פֿאָר אַ פּראָצעס פֿון פֿעלקער־מישונג, אַ גיגאַנטישער פּראָצעס, וואָס נעמט אַרום נישט בלויז ייִדן. אַ סך אַנדערע פֿעלקער, ווי, למשל, די טאָטערן און באַשקירן, ווײַזן אַלץ מער און מער אַרויס אַ טענדענץ פֿון צונויפֿגיסן זיך מיט דער שכנותדיקער באַפֿעלקערונג. עס האַנדלט זיך וועגן אַנהויב פֿון אויסגעשטאַלטיקונג פֿון אַ נײַער נאַציע, פֿון אַ האָמאָגענער, איינהייטלעכער סאָוועטישער נאַציע.

וואָס שייך די ייִדן, איז דער פּראָצעס פֿון זייער אינטעגראַציע אין דער אַרומיקער געזעלשאַפֿט — אַגבֿ, עפּעס ענלעכס לאָזט זיך פֿעסטשטעלן אין אַלע לענדער, וווּ זיי וווינען — אַ באַזונדערס ראַשיקער און אינטענסיווער. דאָס איז אַ נאַטירלעכער פּראָצעס — האָבן די סאָוועטישע חבֿרים פֿאַרזיכערט — אַ געזונטער און ס׳וואָלט געווען

פֿאַלש צו שטערן זײַן אַנטוויקלונג. דער דאָזיקער פּראָצעס געפֿינט זיך אין אַזאַ ווײַטגייענדיקן סטאַדיום, אַז די ייִדישע באַפֿעלקערונג פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד נייטיקט זיך שוין לחלוטין ניט מער, בײַם אַנטוויקלען און אַרויסווײַזן אירע שאַפֿערישע פֿאַטענצן — נישט אין דער ייִדישער שפּראַך און נישט אין דער ייִדישער קולטור. די נײַע ווירקלעכקײַט איז אַזאַ, אַז ס'איז מער ניט פֿאַראַן קיין שום באַדערפֿעניש אין ייִדישע ביכער אָדער צײַטונגען, אין ייִדיש טעאַטער און אין ייִדישע שולן. די ייִדישע שרײַבער ווערן אַרויסגעגעבן אין רוסישער איבערזעצונג און דאָס הייסט, נישט, ווי פֿריער, פֿאַר עטלעכע טויזנט לייענער, נאָר פֿאַר גאַנצע צוויי הונדערט מיליאָן לייענער.

עס איז נייטיק דאָ צו מאַכן אַ פֿאַרבאַמערקונג. די סאָוועטישע חבֿרים ריידן וועגן די אַלע פּראַגעס פּונקט אַזוי ווי עס וואָלט באמת פֿאָרגעקומען אַ בהדרגהדיקע אויסלעשונג פֿון דער ייִדישער קולטור אין ראַטנפֿאַרבאַנד, פּונקט ווי די דאָזיקע קולטור וואָלט, אין באַדינגונגען פֿון פֿרײַען פֿאַרמעסט, אָבער מחמת פֿאַרשיידענע טעמים, רויִק און שטיל אויסגעהויכט די נשמה. דער היסטאָרישער אמת איז אָבער, צום באַדויערן, אַ גאַנץ אַנדערער. די ייִדישע קולטור איז געפֿאַלן אַ קרבן פֿון

אַ רציחהדיקן איבערפֿאַל, אין מאָמענט גופֿא ווען די טעראָר-כוואַליע האָט אַכזריותדיק פֿאַר-שוועגקט די ייִדישע שרײַבער און קינסטלער.

דער וויצע-מיניסטער פֿאַר קולטור-ענינים האָט אונדז דערציילט, אַז ס'איז נישט פֿאַרבליבן אין ראַטנפֿאַרבאַנד קיין שום ייִדישער שריפֿט-זאַץ און אַז די אײַנריכטונגען פֿון אַלע גרויסע ייִדישע פֿאַר-לאַגן זײַנען געוואָרן פֿאַרטיליקט. אַ גאַנצע ריי ייִדישע ביבליאָטעקן זײַנען געוואָרן צעגראַמירט. פֿאַר דער ייִדישער באַפֿעלקערונג פֿון ראַטנפֿאַר-באַנד, פּונקט ווי פֿאַר דער אַלוועלטלעכער געזעל-שאַפֿטלעכער מיינונג, איז דער מאָרד פֿון די ייִדישע שרײַבער און דער פּאָגראָם פֿון דער ייִדישער קולטור אַבסאָלוט אומאָפּטיילבאַר. אַגבֿ, די אַלע וואָס טענהן, אַז די ייִדישע קולטור האָט זיך שטילערהייט אויסגעלאָשן, מחמת די כּחות זײַנען איר אויסגעגאַנגען, וואָלטן געדאַרפֿט זײַן די ערשטע צו פֿאָדערן, מען זאָל זי צוריקאויפֿשטעלן, אין די באַדינגונגען פֿון פֿאַר 1948. ערשט דאַן וואָלט די היסטאָרישע דערפֿאַרונג געקאָנט זײַן אַן איבערצײַגנדיקע. אין קעגנפֿאַל, זײַנען זייערע אַרגומענטן נישט בלויז ווערטלאָז, נאָר האָבן אַ ביטערן בײַ-טעם, מחמת מיטן אויסרייד, אַז עס איז אוממעגלעך צו דערמאָרדן אַ בר-מינן, פּרוּוון זיי

פֿאַקטיש באַרעכטיקן אומצװײפֿלדיקע פֿאַר־ברעכנס.

דער שטעלונג פֿון די סאָװעטישע חבֿרים קאָן מען אָבער פֿאַרװאַרפֿן נאָך עפּעס אַנדערש, װאָס איז עיקרדיק: זי געפֿינט זיך אין אַ בפֿירושער סתּירה צו דער װירקלעכקײַט.

קײנער נײטיקט זיך ניט אין ייִדישן טעאַטער? אָבער ניט קײן אַנדערער, װי דער װיצע־מיניס־טער פֿאַר קולטור־ענינים פֿון פּ. ס. ס. ר. האָט דאָך אונדז דערצײלט, אַז, בלויז אינעם יאָר 1957, זײַנען פֿאַרגעקומען אין ראַטנפֿאַרבאַנד בערך דרײַ טויזנט טעאַטער־קאָנצערטן פֿון ייִדישער קלײנקונסט, מיט דרײַ מיליאָן באַזוכער. און דער װיצע־מיניסטער אַלײן האָט צוגעגעבן: „דאָס איז זײער אַן אימפּאָ־זאַנטע צאָל, װאָס פֿאַרדינט, מען זאָל זיך איבער איר ביז גאָר ערנסט פֿאַרטראַכטן“.

מיר האָבן בײַגעװוינט אײנעם פֿון די דאָזיקע קאָנצערטן אין מאָסקװע. דער זאַל איז געװען איבערפֿולט, הגם די טרופּע האָט דאָ געשפּילט שוין כּמעט אַ חודש צײַט. מען האָט אונדז דערצײלט, אַז אַלע קאָנצערטן, הן אין דער הויפּטשטאָט, הן אין דער פּראָװינץ, האָבן אַן אױסערגעװײנטלעכן דער־פֿאָלג. די בילעטן װערן אויספֿאַרקויפֿט לאַנג פֿאַרויס, הגם דער קינסטלערישער ניװאָ פֿון די

פּראַגראַמען איז נישט תּמיד קיין ערשטראַנגיקער.

וואָס זשע לאָזט זיך דערפֿון דרינגען? בלי שום ספֿק — די צוגעבונדנקייט פֿון מיליאָנען סאָוועטישע ייִדן צו זייער שפּראַך און צו זייערע טעאַטער־טראַדיציעס. פֿאַרוואָס, אויב אַזוי, דאַרף מען בלײַבן פֿאַרעקשנט בײַ דער פּרימיטיווער פֿאָרם פֿון „קליינקונסט־קאָנצערטן", אין דער צײַט ווען עס איז נאָך פֿריש אין זכּרון די טראַדיציע פֿון ייִדישן סאָוועטישן טעאַטער, וואָס האָט געהאַט אַ שם אויף דער וועלט? ייִדישע שוישפּילער, רעזשיסאָרן און דראַמאַטורגן וואַרטן נאָר אויף אַ ווונק, בכדי תּיכּף צו באַנײַען זייער איבערגעריסענע טעטיקייט.

אין אַלע אונדזערע שמועסן האָבן די סאָוועטישע חבֿרים זיך אָפּגעשטעלט באַריכותדיק אויפֿן מצבֿ פֿון מאָסקווער ייִדישן טעאַטער, דעם באַרימטן „גאָסעט". (דו האָסט מיר דערציילט, אַז אָפּקלאַנגען וועגן עניין — „גאָסעט" זײַנען אויך צו דיר דערגאַנגען, פֿאַר אַ יאָרן זומער). ווי מען זאָל זיך ניט באַציִען צו דער אָפֿיציעלער ווערסיע — וועלכע ווערט אַגבֿ קאַטעגאָריש אָפּגעלייקנט דורך פּילצאָליקע ייִדישע שרײַבער און טעאַטער־מענטשן, מיט וועמען איך האָב זיך באַגעגנט — איז אָבער איין זאַך זיכער: אין 1948 און אָנהויב 1949

זײַנען געשלאָסן געװאָרן, נישט בלויז דער מאָס־קװער ייִדישער מלוכה־טעאַטער, װעמענס מצבֿ איז מעגלעך געװען אַ שװערער, נאָר גלײַכצײַטיק אַ רײ אַנדערע ייִדישע טעאַטערס אין אוקראַינע און װײַסרוסלאַנד, װאָס האָבן אַלע זיך געפֿונען אין אַ פֿולשטענדיק נאָרמאַלער, צופֿרידנשטעלנדיקער סיטואַציע. און דאָך איז קײן אײנער פֿון זײ נישט געװאָרן צוריקגעעפֿנט ביז אויף הײַנטיקן טאָג. די פֿראַגע בלײַבט, אַזוי אַרום, אין גאַנצן נישט פֿאַר־ענטפֿערט.

נו, און װעגן ליטעראַטור — איז שוין טאַקע מער נישטאָ קײן באַדערפֿעניש אין ייִדישן בוך? אָבער דװקא די גרעסטע רוסישע שרײַבער זײַנען בפֿירוש פֿון אַ קעגנזעצלעכער מײנונג און זאָגן זיך אַרויס פֿאַר דער נײטיקײַט אַרויסצוגעבן אין ייִדיש די װערק פֿון זײערע ייִדישע קאָלעגן. (קירסאַנאָװ, קאַטאַיעװ, אַגאַפּאָװ, אַזשאַעװ, פּאַלעװאָי, מיט װע־מען מיר האָבן זיך באַגעגנט, און שאָלאָכאָװ, לעאָ־נאָװ, פּעדין און פּאַוסטאָװסקי, װאָס זײַנען ניט גע־װען אין מאָסקװע בעת אונדזער צונויפֿטרעף אין שרײַבער־פֿאַרבאַנד).

עס לעבן איצט אין ראַטנפֿאַרבאַנד זיבעציק ייִדישע שרײַבער און צװישן זײ, אַ רײ הויך־טאַלענטירטע דיכטער, פּראָזאַיִקער און דראַמאַ־

טורגן. פֿאַרוואָס, צוליב וועלכע סיבות, זאָל מען די דאָזיקע שריפֿטשטעלער שטערן אָנצוגיין מיט זייער באַרוף, וואָס איז דער גאַנצער זין פֿון זייער לעבן?! און ווי אַזוי איז מעגלעך, בײַ די אַלע שטערונגען און פֿאַרבאָטן, נישט אַרויסצורופֿן, הן בײַם שרײַבער, הן בײַ זײַן לייענער, אַ געפֿיל פֿון פֿרוסטראַציע, פֿון דערנידערונג, פֿון דיסקרימינאַציע?!

מחמת עס איז אַ פֿאַקט, ניט געקוקט אויף אַלע אָפֿיציעלע דערקלערונגען, אַז די ייִדישע שרײַבער פֿאַרמאָגן אַ לייענערשאַפֿט, זיי האָבן טויזנטער און טויזנטער געטרײַע לייענער, וועמענס אומגעדולד צו דערזען אַ פֿריש דערשינען ייִדיש בוך גייט אַלץ מער און מער צוזאַמען מיט אַ שטײַגנדיקער פֿאַרביטערונג.

אין דער מאָסקווער לענין־ביבליאָטעק האָט מען אונדז דערציילט, אַז פֿון צענדליקער סאָוועטישע שטעט קומען אָן באַשטעלונגען אויף ייִדישע ביכער.

בעת אונדזער צוזאַמענטרעף מיט די מאָסקווער ייִדישע שרײַבער, זײַנען אַרויסגעבראַכט געוואָרן פֿאַקטן, וואָס אילוסטרירן צום בעסטן דעם הייסן באַגער פֿון ייִדישע אַרבעטער און קאָלווירטניקעס, ווי אויך פֿון דער ייִדישער אינטעליגענץ ווידער צו באַקומען דאָס ייִדישע בוך. אַזוי למשל

האָבן די ייִדישע אַרבעטער אין געוויסע שטעט פֿון ווײַסרוסלאַנד און אוקראַינע זיך פֿאַרפֿליכט אויסצוקויפֿן פֿון פֿאַרויס, אויב נויטיק, די גאַנצע אויפֿלאַגע פֿון נײַ־דערשינענע ייִדישע ביכער. די רוסישע איבערזעצונג פֿון ווערק פֿון די ייִדישע שרײַבער ווערן אויספֿאַרקויפֿט אין עטלעכע שעה. פֿאַר אַ בוך, וואָס קאָסט לויטן אָפֿיציעלן פּרײַז צווישן זעקס און צען רובל, צאָלט מען אָפֿט פֿיל־פֿאַכיק טײַערער.

מען האָט אונדז געזאָגט אין צענטראַל־קאָמי־טעט: די ווערק פֿון די ייִדישע שרײַבער, אויב זיי ווערן ניט פֿאַרעפֿנטלעכט אין ייִדיש, דערשיינען אָבער אין רוסישער איבערזעצונג. איינס פֿאַר־גיטיקט דאָס צווייטע. האָבן מיר דאָ אָבער, ווידער אַ מאָל, אַ מוסטער ממש פֿון אָט דעם מין כּלומרשטע לייזונגען, וואָס לייזן אין דער אמתן לחלוטין גאָרניט.

די איבערזעצונגען אויף רוסיש זײַנען בלי ספֿק פֿאַר יעדן ייִדישן שרײַבער, אינדיווידועל גע־נומען, און פֿאַר דער ייִדישער ליטעראַטור, ווי אַ גאַנצער, פֿון גרויסער וויכטיקײַט. פֿאַרן שרײַבער און פֿאַר דער ליטעראַטור ווערט אַזוי אַרום גע־עפֿנט דער וועג, וואָס פֿירט, לויטן אָנגענומענעם סאָוועטישן אויסדרוק, צו „דעם גרויסן אָקעאַן פֿון

צוויי הונדערט מיליאָן לייענער״. דאָס זעלביקע אָבער איז דאָך חל אויך אויף אַלע אַנדערע סאָוועטישע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן, ווי למשל, די ליטווישע, די גרוזינישע, די קאַזאַכישע א. אַנד. די אַלע ליטעראַטורן שטרעבן צו דערשלאָגן זיך, דורך איבערזעצונגען אויף רוסיש, צו אָט דעם זעלבן „גרויסן אָקעאַן פֿון צוויי הונדערט מיליאָן לייענער״. פֿונדעסטוועגן, איז קיין מאָל קיינעם ניט איינגעפֿאַלן צו באַהויפּטן, אַז אָט די אַלע ליטעראַטורן דאַרפֿן זיך באַגנוגענען מיט בלויז רוסישע איבערזעצונגען.

עפּעס ענלעכס לאָזט זיך מערקן אויפֿן געביט פֿון צײַטונג־וועזן. קיינער נייטיקט זיך ניט מער אין אַ ייִדישער צײַטונג? אָבער אין דער לענין־ביבליאָטעק, אינעם אָפּטייל פֿון פּעריאָדישע אויסגאַבן, ווערן די אויסלענדישע ייִדישע צײַטונגען (און צווישן זיי אויך די פּאַריזער „נײַע פּרעסע״) געלייענט מיט אַזאַ גיריקייט און געבלעטערט דורך אַזוי פֿיל הענט, אַז זיי ווערן ממש צעריסן אויף שטיקער. מען שטייט אין דער ריי, נאָך די דאָזיקע צײַטונגען. מען דאַרף זיי באַשטעלן מיט וואָכן פֿאָרויס. די ביבליאָטעקארין האָט צוגעצויגן אונדזער אויפֿמערקזאַמקייט גאָר באַזונדערס אויף אַ פֿאַקט, וואָס פֿאַרדינט באמת, מען זאָל זיך וועגן

אים פֿאַרטראַכטן: די ייִדישע צײַטונגען ווערן געלייענט, נישט בלויז דורך מענטשן באַיאָרטע, נאָר אויך דורך צאָלרײַכע יוגנטלעכע, וואָס אָפּט קענען זיי קוים ייִדיש און קומען ספּעציעל אין ביבליאָטעק זיך לערנען די שפּראַך, אָדער זיך אין איר פֿאַרפֿולקומען, אויף אַזאַ אופֿן — מחמת קיין אַנדער אופֿן איז נישט פֿאַראַן.

דאָ אויך, ווי אויף אַלע אַנדערע געביטן, זײַנען די פֿאַקטן — עקשנים. זיי לייקענען אָפּ קאַטעגאָריש די פֿאַלשע טעאָריע.

די פֿולשטענדיקע אוממַמשותדיקײַט פֿון אַלע אָפֿיציעלע אַרגומענטן, וואָס זײַנען אונדז אָנגעגעבן געוואָרן דורך פֿאַראַנטוואָרטלעכע חבֿרים, איז ממש אַ שטוינענדיקע. דאָס לאָזט זיך אָבער אויפֿקלערן, לכל הדעות אין אַ גרויסער מאָס, דורך דעם כאַראַקטער גופֿא פֿון אונדזערע אונטערהאַנדלונגען: עס איז באַרירט געוואָרן בלויז איין אַספּעקט פֿון פּראָבלעם, דער טעכניש־פּראַקטישער, און נישט דער צווייטער, דער עיקרדיקער — דער פּאָליטישער אַספּעקט.

אָט דער פּאָליטישער אַספּעקט איז אַזוי ווי אויסגעמיטן געוואָרן דורך די סאָוועטישע חבֿרים, בעת אונדזערע שמועסן. ער איז בכּיוון געוואָרן פֿאַרשוויגן. אויף אונדזער צוזאַמענטרעף אין צענ־

טראַל־קאָמיטעט פֿון דער סאָוועטישער פּאַרטיי, האָב איך געפּרוּווט שטעלן די פֿראַגע אויף דער פּאָליטישער פֿלאַך, פֿאַררופֿנדיק זיך אויף מײַן שמועס מיט דיר. די סאָוועטישע חבֿרים האָבן אָבער זיך געמאַכט אַזוי ווי ניט הערנדיק און עס האָט, נאַטירלעך, ניט געהאַט קיין זין זיך צו פֿאַר־עקשנען. ס'איז קלאָר: נישט יעדער איז באַרופֿן צו דיסקוטירן וועגן פֿראַגעס פֿון הויך־פּאָליטיק און מלוכה־אינטערעסן. אַגבֿ, דער אַרגומענט וועגן מלוכה־אינטערעסן איז פֿיל מאָל באַנוצט געוואָרן דורך פֿאַרשיידענע מיטשמועסער אונדזערע אין מאָסקווע, אָבער שטענדיק בלויז פֿאַרבײַגייענדיק, מיט אָנצוהערענישן. עס איז קיין מאָל ניט פּרעצי־זירט געוואָרן די אייגנטלעכע שײַכות צווישן באַגריף „מלוכה־אינטערעסן" און דער גאַנצער פּראָבלעמאַטיק פֿון דער ייִדיש־סאָוועטישער קולטור.

דו דערמאָנסט זיך אפֿשר, ווי דערשיטערט איך בין געוואָרן דערהערנדיק פֿון דײַן מויל, דעם 26טן סעפּטעמבער פֿון פֿאַריקן יאָר, אַז די סאָוועטישע אָנפֿירערשאַפֿט באַטראַכט די ייִדישע באַפֿעל־קערונג פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד (דו האָסט באַלד צוגע־געבן, מיט אַ פֿרײַנדלעכקײַט, וואָס האָט מיך שטאַרק גערירט: בלויז אַ געוויסן טייל פֿון דער

ייִדישער באַפֿעלקערונג...) ווי אַזאַ, וואָס איז באַזונדערס מסוגל אַרונטערצופֿאַלן אונטערן אײַנפֿלוס און דער באַווירקונג פֿון שונא. איך האָב זיך ניט געקאָנט אײַנהאַלטן פֿון קוואַליפֿיצירן אָט דעם צוגאַנג ווי אַ מאָנסטרועזן. די דאָזיקע מאָנסטרואָזיטעט, וואָס האָט דערפֿירט צו אַזוי פֿיל אומגליקן, גילט נאָך אָבער ווײַטער. די טעאָריע וועגן „שוואַכסטן רינג" איז אין פֿולער קראַפֿט. אין דער קייט פֿון סאָוועטישע פֿעלקער, איז דאָס סאָוועטישע ייִדנטום כּלומרשט „דער שוואַכסטער רינג", וועלכער באַדראָט די פֿעסטקײַט און די זיכערקײַט פֿון דער גאַנצער קייט.

די דאָזיקע טעאָריע, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין די טרויעריקסטע יאָרן פֿון „פּערזאָנען־קולט", איז נישט בלויז אַ בלוטיקע באַליידיקונג פֿאַר די סאָוועטישע ייִדן, נישט בלויז אַ בפֿירוש אַבסורדאַלע פֿון מאַרקסיסטישן קוקווינקל, זי האָט דערבראַכט די סאָוועטישע פּאָליטיק, אין דער ייִדן־פֿראַגע, צו אַ ריי אומלייזבאַרע סתּירות און זי אַרײַנגעפֿירט ממש אין אַ טעמפּן ווינקל.

איינע פֿון די סתּירות באַשטייט אינעם אָפּטיילן דעם באַגריף גופֿא: ייִדישע נאַציאָנאַליטעט פֿונעם רעכט אויף די אַטריבוטן פֿון אָט דער נאַציאָנאַליטעט.

די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט געגעבן די רוסישע ייִדן די זעלבע נאַציאָנאַלע רעכט, ווי פֿאַר אַלע אַנדערע פֿעלקער פֿון דער געוועזענער צאַרי־שער אימפּעריע: רעכט אויף אייגענער שפּראַך, אייגענער קולטור און אַפֿילו אייגענער אַדמיניס־טראַציע (אין די אויטאָנאָמע ראַיאָנען און דער אויטאָנאָמער געגנט). מיט אַט די עיקרדיקע נאַציאָ־נאַלע אַטריבוטן, איז די ייִדישע סאָוועטישע נאַציאָ־נאַליטעט געוועזן אַ לעבעדיקע רעאַליטעט. הײַנט אָבער זענען די אַטריבוטן בײַ איר געוואָרן אָפּגע־נומען. די ייִדישע נאַציאָנאַליטעט איז אַזוי אַרום געוואָרן אויסגעליידיקט פֿון איר רעאַלן אינהאַלט, אין די סאָוועטישע באַדינגונגען. שטעלט זיך די פֿראַגע: פֿאַרוואָס דאַרף דער באַגריף ווערן אויפֿגעהאַלטן יורידיש און אַדמיניסטראַטיוו? לויט וועלכע קריטעריומס? פֿאַרוואָס דאַרף נאָך כסדר פֿיגורירן אין די פּאַספּאָרטן פֿון סאָוועטישע ייִדן דער אויפֿשריפֿט: „פֿון ייִדישער נאַציאָנאַליטעט"? אויב די רוסישע, די אוקראַינישע, די ליטווישע און אַנדערע סאָוועטישע ייִדן האָבן זיך טאַקע באמת „אינטעגרירט", באמת צונויפֿגעגאָסן זיך מיט די פֿעלקער פֿון די רעפּובליקן, אין וועלכע זיי וווינען, טאָ פֿאַרוואָס זאָלן זיי ניט פֿאַררעכנט ווערן — אַפֿילו בלויז יורידיש און אַדמיניסטראַטיוו גע־

נומען — פשוט פֿאַר רוסן, אוקראַינער אָדער ליט־װינער? פֿאַרװאָס זאָל װײַטער אויפֿגעהאַלטן װערן אַן אָפּגעלעבטער, פֿיקטיװער באַגריף, װעלכער קאָן — אין די באַדינגונגען פֿון די פֿאַר־און־נאָך־בעריאַ־יאָרן — באַטראַכט װערן, און מיט רעכט, װי אַ געװיסע פֿאָרם פֿון דיסקרימינאַציע און פֿאַר־פֿאָלגונג? און פֿאַרװאָס, אין דער צײַט װען די גאַנצע אָפֿיציעלע סאָװעטישע פּאָליטיק שטויסט די ייִדישע באַפֿעלקערונג, מיט אַלע מיטלען, צו אַ װײַט גײיענדיקער אַסימילאַציע, פֿאַרװאָס זאָל מען אויפֿשטעלן אַ קינסטלעכע באַריערע, אין דער פֿאָרם פֿון באַרימטן צושריפֿט „פֿון ייִדישער נאַציאָ־נאַליטעט״, װאָס איז אַ שטײן אויפֿן װעג פֿון אינטע־גראַציע און דערלאָזט ניט, זי זאָל װערן פֿאַר־װירקלעכט אויף אַ פֿולשטענדיקן אופֿן?

אַ צװייטע סתירה האָט אַ שײכות צו די עפֿנט־לעכע פֿאָרמען פֿון ייִדישן לעבן אין ראַטנפֿאַר־באַנד.

עס איז הײַנט צו טאָג ניט פֿאַראַן אין גאַנץ פּ. ס. ס. ר., מיט זײַנע קרובֿ דרײַ מיליאָן ייִדן, קײן אײן אײנציקע ייִדישע אָרגאַניזאַציע אָדער אינסטי־טוציע, פֿון קײן שום מין — פּאָליטישע, סאָציאַלע, קולטורעלע, ליטעראַריש־קינסטלערישע, װיסנ־שאַפֿטלעכע וכדומה. מיט אײן אײנציקן אויסנאַם

— די סינאַגאָגע. זי ווערט באַטראַכט שיר־ניט ווי אַן אָפּיציעלער אָרגאַניזם און דערשיינט ממש ווי דער גייַסטיקער צענטער פֿון סאָוועטישן ייִדנטום. ווען אַן אויסלענדער קומט באַזוכן דעם ראַטנפֿאַר־באַנד און דריקט אויס זייַן פֿאַרלאַנג צו באַקענען זיך מיטן לעבן פֿון די ייִדן אינעם דאָזיקן לאַנד, שיקן מען אים... אין דער סינאַגאָגע (אַזוי איז גע־ווען מיט אונדז), מען לייגט אים פֿאָר אָפּצושטאַטן אַ וויזיט... דעם רבֿ (אויך אונדזער פֿאַל, אָבער מיר האָבן באַדאַנקט פֿאַר אַט דעם כּבֿוד).

צווישן די מיליאָנען סאָוועטישע ייִדן, באַ־טרעפֿן אָבער די גלייביק־רעליגיעזע אַ נישטיקע מינדערהייַט. פֿאַרוואָס זשע זאָל דער גייַסטיקער פֿירער פֿון אַט דער מינדערהייַט דערשיינען ווי אַ פֿאַרקערפּערונג פֿון דער גאַנצער ייִדישער באַפֿעל־קערונג? פֿאַרוואָס שאַפֿן דעם אייַנדרוק, אַז דאָס איינציקע אָרט, ווו עס קומט צום אויסדרוק דער ייִדישער נאַציאָנאַלער אייגנאַרט, איז, בלויז און איינציק — די סינאַגאָגע?

לענין האָט געזאָגט, אַז יעדע נאַציאָנאַלע קול־טור איז כּולל אין זיך די עלעמענטן פֿון צוויי קול־טורן: איינע, אַ בורזשואַזע און קלעריקאַלע; די צווייטע, אַ דעמאָקראַטישע און סאָציאַליסטישע. פֿאַרוואָס זשע, אין דער צייַט, וואָס די ייִדישע

קולטור, „די דעמאָקראַטישע און סאָציאַליסטישע" („נאַציאָנאַל לויט דער פֿאָרם און סאָציאַליסטיש לויטן אינהאַלט") איז פֿאַרשוווּנדן אין ראַטנפֿאַר־באַנד, פֿאַרוואָס איז דאָרט פֿאַרבליבן — פּאַראַ־דאָקסאַל — בלויז די ייִדישע קולטור דווקא „די בורזשואַזע און קלעריקאַלע", מיטן רבֿ און מיטן סידור, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דער מלוכה — דאָס איין און איינציק בוך געדרוקט מיט ייִדישע אותיות?

מען וואָלט געקענט אַזוי אויסרעכענען נאָך לאַנג די כּלערליי סתּירות, איינע מער פּאַראַ־דאָקסאַל, ווי די צווייטע. זיי שטאַמען אַלע פֿון דעם זעלבן קוואַל: פֿון אַ ניט־פֿאַרשטענדעניש, פֿון אַ פֿאַלשער אינטערפּרעטאַציע פֿון דעם באַגריף: ייִדישע נאַציאָנאַלע רעאַלקייט. אַפֿילו די אומגליק־לעכע טעאָריע וועגן „שוואַכסטן רינג" איז אויך פֿאַרבונדן מיטן זעלבן מקור.

איך האָב ניט בדעה אָפּצושטעלן זיך דאָ ברייטער אויף דער פֿראַגע, צי די ייִדן זײַנען אַ נאַציע, אַ נאַציאָנאַליטעט, אַ נאַציאָנאַלע מינדערהײַט, אַן עטנישע גרופּע, אַ רעליגיעזע עדה וכּדומה. די דאָזיקע פֿראַגע, וואָס איז ווײַט ניט אומאינטערע־סאַנט, וואָלט באַטײַטיק אַריבערגעשטיגן די ראַמען פֿונעם איצטיקן באַריכט. דאָס וויכטיקסטע איז אַגבֿ

נישט אַזוי די טעאָרעטישע דעפֿיניציע, ווי די לעבעדיקע ווירקלעכקײַט. מען דאַרף באַטראַכטן דעם פּראָבלעם פֿון ייִדישער נאַציאָנאַלער רעאַל־קײַט קודם כּל אין די ראַמען פֿון דער ווירק־לעכקײַט פֿון אונדזער צײַט, הן אין ראַטנפֿאַר־באַנד, הן אויסערן ראַטנפֿאַרבאַנד.

אין וואָס קומט צום אויסדרוק די ייִדישע נאַציאָנאַלע רעאַלקײַט? אינעם פֿאַקט פֿון אַנער־קענען זיך ווי אַן אַנגעהעריקער צו אַ באַשטימטן נאַציאָנאַלן ציבור: דאָס ייִדישע פֿאָלק.

די פֿאָרם און דער אופֿן פֿון אַנגעהעריקײַט — און צוגעבונדנקײַט — צו דעם פֿאָלק קאָנען, לויט זייער כאַראַקטער און אינטענסיווקײַט, זײַן אומ־ענדלעך פֿאַרשיידנאַרטיק. זיי שטאַמען אָבער אַלע פֿון אַ געמיינזאַמען מקור: געשיכטע, קולטור, רעליגיע, טיילווײַז שפּראַך, טיילווײַז טראַדיציע וכּדומה. די ספּעציפֿישקײַט פֿון דער ייִדישער גע־שיכטע האָט גורם געווען, אַז די ייִדישע נאַציאָ־נאַלע רעאַלקײַט זאָל, מחמת דעם אויספֿעלן פֿון געוויסע אָביעקטיווע פֿאַקטאָרן, זיך פֿאַרוואַנדלען בעיקר אין אַ פֿאַקט — אַ סוביעקטיוון. ייִדישע נאַציאָנאַלע רעאַלקײַט איז דעריבער כּמעט אידענ־טיש מיט נאַציאָנאַלן געפֿיל, מיט נאַציאָנאַלן באַוווּסטזײַן. אַ ייִד איז אַזוי אַרום דער, (אָפּגעזען

פֿון אָפּשטאַם און רעליגיע) וואָס פֿילט זיך פֿאַר אַ ייִד (אָדער וועמען מען גיט צו פֿילן, אַז ער איז אַ ייִד — וואָס איז אין רעזולטאַט כּמעט איינס און דאָס זעלבע).

די ייִדישע נאַציאָנאַלע רעאַלקייַט האָט, אין פֿאַרשיידענע תּקופֿות, אין פֿאַרשיידענע לענדער, אין פֿאַרשיידענע קיבוצים, זיך אויסגעשטאַלטיקט אין פֿאַרשיידענע פֿאָרמען. זי איז אָבער תּמיד געווען — און איז פֿאַרבליבן — דורכגעדרונגען מיט עפּעס וועזנטלעך־געמיינזאַמס: דעם באַוווּסטזייַן, אָדער אונטערבאַוווּסטזייַן פֿון אַ געוויסער גורל־שותּפֿותדיקייַט. דאָס דריקט זיך אויס, ווייניקער אין דער באַרימטער ייִדישער סאָלידאַריטעט — אָפּט אַ גוזמאדיק אויסגעטראַכטער — ווי אין דעם אינטערעס, אויך אַ פֿאַרשיידנאַרטיקן, וואָס יעדער ייִדישער ישובֿ ווייַזט אַרויס לגבי אַנדערע ישובֿים, דער אינטערעס צום גורל פֿון ייִדישן פֿאָלק, ווי אַ גאַנצן.

אין די לעצטע יאָרהונדערטער איז די ייִדישע נאַציאָנאַלע רעאַלקייַט געקומען צום אויסדרוק אויפֿן בולטסן אופֿן אין מזרח־אייראָפּע. מיליאָנען ייִדן האָבן דאָרט געלעבט מיט אַן אינטענסיוון נאַציאָנאַלן לעבן, וואָס איז, פֿונעם 19טן יאָר־הונדערט אָן, געוואָרן פֿאַרוועלטלעכט אַ דאַנק

דעם אויפֿקום פֿון ייִדישן אַרבעטער קלאַס; מיט אַן אייגענער נאַציאָנאַלער שפּראַך — ייִדיש — און אַן אייגענער נאַציאָנאַלער קולטור, אין פּולן פֿאַרנאַנדערבלי.

אין רוסלאַנד, צווישן די רוסישע ייִדן, האָט זיך אויסגעשמידט דער מאָדערנער ייִדישער נאַציאָנאַלער באַוווּסטזײַן, וואָס האָט אויף ס'נײַ אַנטדעקט די היסטאָרישע — און ניט בלויז טעאָלאָגישע — המשכדיקײַט פֿון ייִדישן פֿאָלק. אין דער צײַט, וואָס אין דײַטשלאַנד האָט די שולע פֿון גרעץ און פֿון צונץ, „די וויסנשאַפֿט פֿון ייִדנטום", אויפֿגעשטעלט היסטאָרישע מאָנומענטן־מצבֿות אויף אַ קבֿוץ, וואָס האָט געהאַלטן אין פֿאַרגיין, האָבן די ייִדישע היסטאָריקערס פֿון רוסלאַנד אונטערגעצויגן סך־הכּלען פֿון דער געשיכטלעכער דערפֿאַרונג — אַן אוניקאַלער באמת — פֿון אַ פֿאָלק אין פֿולן אויפֿשוווּנג און אין פֿולער איבערגעשטאַלטיקונג.

פֿונעם סוף 19טן יאָרהונדערט איז מזרח־אייראָפּע געוואָרן דער קוואַל פֿון אַ נײַער אויסשפּרייטונג פֿון ייִדישן פֿאָלק. די כּסדרדיקע עמיגראַציעכוואַליעס האָבן מיטגעריסן פֿון דער צאַרישער אימפּעריע מיליאָנען ייִדן, וואָס האָבן געשאַפֿן נײַע ייִדישע ישובֿים אין מערבֿ־אייראָפּע, אין די פֿאַר־

אײניקטע־שטאַטן און קאַנאַדע, אין לאַטײן־אַמעריקע, אין אויסטראַליע, דרום־אַפֿריקע און אין פּאַלעסטינע. דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט זיך אײַנגעוואָרצלט אין אַלע פֿינף קאָנטינענטן. ייִדיש, די געמײנזאַמע שפּראַך פֿון אַט די ישובֿים, איז געוואָרן לויט דער דעפֿיניציע פֿון „ענציקלאָפּעדיאַ בריטאַניקאַ", אײנע פֿון די זעקס וועלט־שפּראַכן.

לענין האָט גוט געקענט און אָנערקענט די ייִדישע נאַציאָנאַלע רעאַלקײַט. דער פּרינציפּ פֿון „פֿולשטענדיקער גלײַכבאַרעכטיקונג פֿון פֿעלקער און שפּראַכן", וואָס ער האָט פּראָקלאַמירט, האָט געדאַרפֿט פֿאַרזיכערן די רעכט פֿון אַלע נאַציאָנאַלע מינדערהײַטן, דערונטער אויך די רעכט פֿון דער ייִדישער מינדערהײַט.

אין זײַן באַרימטן פֿאָרשלאָג וועגן גאַראַנטירן קאָנסטיטוציאָנעל די רעכט פֿון די נאַציאָנאַלע מינדערהײַטן, האָט לענין פֿאָרויסגעזען די מעגלעכקײַט, פֿאַר יעדן בירגער, צו פֿאָדערן, למשל, „אײַנצולאַדן אויפֿן חשבון פֿון דער מלוכה, לערער פֿון ייִדישער שפּראַך און ייִדישער געשיכטע וכדומה און רעזערווירן אַן אָפֿיציעלן לאָקאַל פֿאַר די לימודים מיט ייִדישע קינדער". („קריטישע נאָטיצן צו דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע", פֿראַנצײזישע אויסגאַבע, מאָסקווע, קאַפּיטל 5, זײַט

32). אַזוי אַרום האָט מען מיט ייִדישע קינדער געדאַרפֿט לערנען נישט בלויז זייער נאַציאָנאַלע שפּראַך, נאָר אויך זייער נאַציאָנאַלע געשיכטע, דאָס הייסט אַרויסהויבן די שייכותן זייערע צו זייער פֿאָלק, אין די ראַמען פֿון זײַן היסטאָרישן דויער.

אָנהויבנדיק פֿון די יאָרן 1936־1937, האָט די לענינישע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק, וואָס האָט געבראַכט אַזעלכע גלענצנדיקע רעזולטאַטן אויפֿן געביט פֿון די צווישנבאַציִונגען פֿון די סאָוועטישע פֿעלקער, אָנגעהויבן צו ווערן פֿאַרקריפּלט אַלץ מער און מער. וואָס שייך דער ייִדישער באַפֿעלקערונג, זײַנען פּלוצלונג געוואָרן געשלאָסן, אַדמיניסטראַטיוו, כּמעט אַלע ייִדישע שולן. אין די רוסישע און אוקראַיִנישע שולן, וווּהין די ייִדישע קינדער זײַנען אַריבער, איז זיי ניט געגעבן געוואָרן די מינדסטע מעגלעכקייט צו לערנען ייִדיש אָדער ייִדישע געשיכטע, ווי לענין האָט עס געהאַט פֿאָרגעשלאָגן.

מער נאָך, אויף דער ייִדישער נאַציאָנאַלער רעאַלקײַט, ווי אַזעלכער, איז געוואָרפֿן געוואָרן אַ חשד. די באַציִונגען צווישן די סאָוועטישע ייִדן און די ייִדישע יישובֿים פֿון אַנדערע לענדער (אַפֿילו די באַציִונגען מיט די אויסלענדישע ייִדישע פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס) האָבן געמוזט ווערן אַלץ

לויזער און זעלטענער. ביסלעכווײַז האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ מין ווידעראַנאַנד צווישן באַגריף: סאָוועטישער ייִד און ייִד בכלל. די סאָוועטישע ייִדן האָבן געדאַרפֿט פֿאַרלירן זייער היסטאָרישן זכּרון.

דער דאָזיקער זכּרון איז באַלד געוואָרן אָפּגעפֿרישט אויף אַ טראַגישן און גרויזאַמען אופֿן. די שחיטות פֿון דער מלחמה, די שוידערלעכע פֿאַרלענדונג פֿון זעקס מיליאָן ייִדן — אַ דריטל פֿאָלק — זײַנען אויפֿגענומען געוואָרן ווי אַ נאַציאָ־נאַלע קאַטאַסטראָפֿע, איינע פֿון די דערשיטערנ־דיקסטע אין דער ייִדישער געשיכטע. ווי תּמיד, האָט דער חורבן, דאָס אומגליק אַרויסגערופֿן אַ פֿאַרשטאַרקונג, אַ פֿאַרטיפֿונג פֿון נאַציאָנאַלן געפֿיל.

גלײַך אָנהייב מלחמה, איז אָט דאָס ייִדישע נאַציאָנאַלע געפֿיל אויסגענוצט געוואָרן ווי אַ מין סטראַטעגישער פֿאַקטאָר און די סאָוועטישע רעגי־רונג האָט אויף ס'נײַ אָנערקענט די ייִדישע נאַציאָ־נאַלע רעאַלקײַט. די מאָסקווער ראַדיאָ האָט, אין פֿײַערלעכע עמיסיעס אויף ייִדיש און רוסיש, זיך געווענדט נאָך הילף „צו די ברידער ייִדן" פֿון גאָר דער ערד. זומער 1943 איז אַן אָפֿיציעלע דעלע־גאַציע פֿון סאָוועטישן ייִדנטום געשיקט געוואָרן צו די ייִדן פֿון די פֿאַראייניקטע־שטאַטן.

די דעלעגאַציע איז באַשטאַנען פֿון צוויי פּער־זאָן: שלמה מיכאָעלס, אַ געניאַלער שוישפּילער, דירעקטאָר פֿון מאָסקווער יִדישן מלוכה־טעאַטער, דערמאָרדעט אָנהויב 1948, באַשמוצט מיט די שענדלעכסטע בילבולים בעתן אַרעסט פֿון „די מערדער אין ווײַסע כאַלאַטן" („אַ נידערטרעכטי־קער אַמעריקאַנער שפּיאָן") און אָפּיציעל „רעהאַבי־ליטירט" נאָך דער באַפֿרײַונג פֿון די דאָקטוירים; דער צווייטער דעלעגאַט איז געווען איציק פֿעפֿער, אַ גלענצנדיקער יִדישער דיכטער, דערשאָסן אין 1952 און לעצטנס „רעהאַביליטירט".

אין סאַמע ברען פֿון דער מלחמה, האָט איציק פֿעפֿער אָנגעשריבן אַ פּאָעמע מיטן פּילזאָגנדיקן טיטל: „איך בין אַ ייִד". אַ טיטל וואָס חזרט זיך איבער בײַם אָנהייב און בײַם סוף פֿון יעדער סטראָפֿע. אין אַ מערקווירדיקן קווערשניט פֿון דער יִדישער געשיכטע, דערמאָנט דער דיכטער די פּרעהס פֿון מצרים, המנען, טיטוס הרשע, די נבֿיאים, די מאַקאַבייער, די אויטאָדאַפֿעען פֿון שפּאַניען און די שייטער־הויפֿנס פֿון היטלער־דײַטשלאַנד, שפּינאָזען, מאַרקסן, די גרויסע מאָ־דערנע יִדישע שרײַבשטעלער און די גרויסע יִדישע רעוואָלוציאָנערן, חיפֿה, דעם יִדישן פּאַרט פֿון ארץ־ישׂראל און די גרויסע הײַנטצײַטיקע

ייִדישע וועלט-צענטערן ניו-יאָרק און בוענאָס-
אײַרעס און ער פֿאַרענדיקט אַזוי:

איך בין אַ ייִד, וואָס האָט געטרונקען פֿון
סטאַלינס וווּנדער-כּוס פֿון גליק
...די רוסן זײַנען מײַנע ברידער
און איך בין אַ ייִד.
און אויף צעפּוקעניש די שונאים...
כ׳וועל נאָך אויף היטלערס קבֿר טאַנצן!
איך בין אַ ייִד!

די גלאָריפֿיקאַציע פֿון נאַציאָנאַלן געפֿיל איז געוואָרן אַן אַלגעמיינע דערשײַנונג בײַ אַלע ייִדיש-סאָוועטישע שרײַבער פֿון יענער צײַט, צי זיי האָבן געשריבן אויף ייִדיש צי אויף רוסיש. די דאָזיקע גלאָריפֿיקאַציע האָט געפֿונען איר שלימותדיקסטן אויסדרוק אין דער מאָנומענטאַלער פּאָעמע „מלחמה" פֿון איינעם פֿון די גרעסטע ייִדיש-סאָוועטישע דיכטער, פּרץ מאַרקיש, וואָס איז אויך דער-שאָסן געוואָרן אין 1952 און אויך, לעצטנס, „רעהאַביליטירט".

די דערוואַכונג פֿון נאַציאָנאַלן געפֿיל, אין ברייטסטן זין גענומען, ס׳הייסט אין זײַן היסטאָ-רישן אויסמעסט, איז אַגבֿ געווען כאַראַקטע-ריסטיש נישט בלויז פֿאַר די ייִדן אַליין. אַלע סאָוועט-

טישע פּעלקער, און דאָס רוסישע פֿאָלק אין דער ערשטער ריי, האָבן זיך באַמיט אויסצוגעפֿינען אין זייער עבֿר, נאָענטן צי ווײַטן, בײַשפּילן וואָס זאָלן זײַן מסוגל צו באַגײַסטערן זייער בלוטיקן גע־ראַנגל קעגן גרויזאַמען שׂונא. די רוסן זײַנען אַזוי אַרום דערגאַנגען צו קוטוזאָוון, צו פּיאָטר דעם גרויסן אאַנד.; די אוקראַאינער — צו כמיעלניצקין און די פֿעלקער פֿון מיטל־אַזיע — צו דזשינגיס־כאַן.

די פֿרייד פֿון נצחון, בעת וועלכן די ייִדישע שלאַכטלײַט פֿון דער רויטער אַרמיי האָבן אויף אַן אמת, לויט דער פֿאַרויסזאָגונג פֿון דיכטער, גע־קאָנט טאַנצן אויף היטלערס קבֿר, האָט אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. ס׳איז אויסגעבראָכן די „קאַלטע מלחמה״.

און ווידער אַ מאָל און אויף ס׳נײַ האָט מען אָנגעהויבן קוקן קרום אויף דער ייִדישער נאַציאָ־נאַלער רעאַלקייט. דאָס וואָס האָט פֿאַרגעשטעלט מיט זיך אַ בפּירוש פּאָזיטיוון פֿאַקטאָר בעת דער אַנטי־היטלער־מלחמה, איז מיט אַ מאָל ווידער גע־וואָרן נעגאַטיוו, אין דער נײַער סטראַטעגישער סיטואַציע. דער היסטאָרישער זכּרון איז אויף ס׳נײַ דערשינען ווי אַן אבֿן נגף, אָבער ווי אַזוי איז מעג־לעך געווען אים צו פֿאַרווישן, נאָך אַלעם דעם,

וואָס איז געשען? איז אַ חשד געפֿאַלן שוין אויף דער גאַנצער ייִדישער באַפֿעלקערונג.

צי האָט די לאַגע זיך נאָך מער קאָמפּליצירט אין שייכות מיט דער אַנטשטייִונג פֿון מדינת־ישׂראל? דאָס איז וואַרשײַנלעך. דער אויפֿקום פֿון דער יונגער מדינה, וואָס האָט געעפֿנט אַ נײַ בלאַט אין דער ייִדישער געשיכטע, איז אויפֿגענומען גע־וואָרן מיט ענטוזיאַזם דורך די ייִדן פֿון גאָר דער וועלט (מיטן אויסנאַם פֿון אַ קליינער סעקטע אולטראַ־פֿאַנאַטישע קלעריקאַלן, די נטורי־קרתּא וואָס האָבן קאַטעגאָריש זיך אָפּגעזאָגט צו אָנער־קענען די מדינה, מחמת אַזוי ווי משיח איז נאָך נישט געקומען, איז עס אַ סימן, אַז זי שטאַמט ניט פֿון גאָטס ווילן...)

די סאָוועטישע ייִדן האָבן באַגריסט מדינת ישׂראל מיט אַ ספּעציעל גרויסער פֿרייד מחמת דער ראַטנפֿאַרבאַנד, צו ערשט דורך דער גראָ־מיקאָ־דעקלאַראַציע און שפּעטער אַ דאַנק דער מיליטערישער הילף פֿאַר די יונגע הגנה־קעמפֿער, האָט פֿאַקטיש מיטגעהאָלפֿן, אויף אַ דעצידירנדיקן אופֿן, צום געבורט גופֿא פֿון דער מדינה. באַלד איז אָבער געקומען די שאַרפֿע ענדערונג פֿון דער ישׂראל־פּאָליטיק, אין באַציִונג צו די גרויסמאַכטן, בפֿירוש קעגן די עיקרדיקסטע אינטערעסן פֿונעם

לאַנד גופֿא, קעגן די אינטערעסן פֿון זיכערקייט און שלום. דאַרפֿן טאַקע פֿאַר דעם באַצאָלן — ווי אויסטערליש עס זאָל ניט אויסזען — די ייִדן פֿון פ.ס.ס.ר. וועלכע האָבן דערין ניט די מינדסטע שולד?

מחמת דעם זעלבן טראַגישן טעות, מחמת זייער פֿאַלשן אַנאַליז פֿונעם באַגריף ייִדישע נאַציאָנאַלע רעאַלקייט, זײַנען די סאָוועטישע אַנפֿירער אומפֿעיִק צו באַנעמען דעם פּשוטן פֿאַקט — וואָס איז ממש די באַשיימפּערלעכקייט גופֿא — אַז מען קאָן זײַן, גלײַכצײַטיק, „אַ ייִד, וואָס האָט געטרונקען פֿון סטאַלינס וווּנדער־כּוס פֿון גליק", ס׳הייסט אַ פֿלאַמיקער פּאַטריאָט פֿונעם סאָוועטישן היימלאַנד און פֿאַר וועמען טאַקע „די רוסן זײַנען ברידער" און אין דער זעלבער צײַט, אַ ייִד וואָס האַלט הייליק דעם אָנדענק פֿון די העלדן פֿון וואַרשעווער געטאָ און וואָס פֿרייט זיך מיט די דערפֿאָלגן פֿון די בויער פֿון דער יונגער מדינת־ישׂראל. אַזאַ איז אָבער פֿאַרט די ווירקלעכקייט.

אין אַט די דאָזיקע באַדינגונגען — און די בעריאַ־יאָרן האָבן נאָך צוגעהאָלפֿן — איז עס אויפֿגעקומען די אָפֿיציעלע טעאָריע וועגן „ווײַט־גייענדיקן סטאַדיום פֿון אינטעגראַציע" פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין ראַטנפֿאַרבאַנד, אַ טע־

אָריע וועלכע די סאָוועטישע חבֿרים האָבן פֿאַר אונדז אַנטוויקלט און וואָס אירע מחברים האָבן זיכער באַטראַכט ווי אַ מין אַנטידאָט קעגן דער ייִדישער נאַציאָנאַלער רעאַלקײַט: דאָס סאָוועטישע ייִדנטום האָט אַזוי אַרום געדאַרפֿט ווערן אָפּגעשיידט, אָפּגעשניטן פֿונעם נאַציאָנאַלן ציבור צו וועלכן עס האָט געהאַט אָנגעהערט במשך פֿון לאַנגע יאָרהונדערטער — דאָס ייִדיש פֿאָלק.

לענין האָט דערקלערט, אַז „דער פּראָצעס פֿון פֿעלקער־אַסימילאַציע דורכן קאַפּיטאַליזם איז אַן אומגעהייערער היסטאָרישער פּראָגרעס, וואָס מאַכט אַ סוף צו דער נאַציאָנאַלער רוטין פֿון פֿאַרשיידענע פֿאַרוואָרפֿענע ווינקלען, באַזונדערס אין אַזעלכע אָפּגעשטאַנענע לענדער, ווי רוסלאַנד" („קריטישע נאָטיצן . . .", ז. 15). מען דאַרף קודם־כּל באַמערקן, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ געזעץ פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט, וואָס איז ניט דווקא חל, פֿון פֿאָרויס, אויף דעם אַנטוויקלונג־פּראָצעס פֿון פֿעלקער און פֿעלקערשאַפֿטן אין באַדינגונגען פֿון סאָציאַליסטישער געזעלשאַפֿט. אויסער דעם אָבער האָט לענין פֿילמאָליק אונטערגעשטראָכן, אַז בכדי דער אַסימילאַציע־פּראָצעס זאָל קאָנען באַטראַכט ווערן ווי אַ פּראָגרעסיווער, מוז ער זײַן אַן אַבסאָלוט פֿרײַ־

וויליקער, אָן קיין שום צוואַנג אָדער דרוק און טאָר זיך ניט שטיצן אויף קיין שום פּריווילעגיעס. צי איז טאַקע זיכער, אַז די דאָזיקע באַדינגונגען זײַנען דערפילט געוואָרן אין די יאָרן ערבֿ און אַפילו נאָך דעם צוואַנציקסטן קאָנגרעס?

אָבער אין גאַנצן שוין אָפּגעזען פון די פאָר־באַדינגונגען, איז דאָך נאָך וויכטיקער צו באַ־טראַכטן די רעזולטאַטן פון דעם אינטעגראַציע־פּראָצעס, דיווירקלעכע רעזולטאַטן, אין דער לעבעדיקער רעאַליטעט, אָן וועלכער די כּלערליי פאָרמולן בלײַבן דאָך ניט מער ווי פּוסטע פראַזן.

עס איז אַבסאָלוט זיכער, אַז אַ גרויסער טייל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין ראַטנפאַר־באַנד (אָבער אַ קלענערער טייל ווי איך האָב זיך פאַרגעשטעלט) קאָן באַטראַכט ווערן ווי „אַסימי־לירט״, ווי „אינטעגרירט״. עס איז גלײַכצײַטיק אַ פאַקט, אויך אַן אַבסאָלוט זיכערער, אַז אַן אַנדער גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג (אַ גרע־סערער ווי איך האָב זיך פאַרגעשטעלט) איז לחלוטין נישט אַסימילירט און נישט אינטעגרירט.

אָבער אַפילו בײַם ערשטן טייל, אין וואָס אייגנטלעך דריקט זיך אויס די „אינטעגרירונג״ זײַנע? אין אַלע פאַלן, ווען עס האַנדלט זיך ניט וועגן פּיזישער אויסמישונג (געמישטע חתונות),

באַשטייט עס בעיקר — אין שפּראַכלעכער אָפּ־פּרעמדונג. די „אינטעגרירטע״ ייִדן ריידן ניט מער — אָדער פֿאַרשטייען ניט, אָדער כּמעט ניט — קיין ייִדיש. זייער אומגאַנג — און קולטור־שפּראַך איז רוסיש. זיי פֿאַרקערן מער מיט רוסישע פֿרײַנד וכדומה. צי האָט די דאָזיקע „אינטעגראַציע״ בײַ זיי אַרויסגערופֿן אַ „דעזינטעגראַציע״ פֿון זייער ייִדישן נאַציאָנאַלן געפֿיל? לחלוטין ניט, אָדער זייער זעלטן. זיי פֿאַרבלײַבן ייִדן, נישט בלויז דערפֿאַר, וואָס די דאָזיקע נאַציאָנאַליטעט איז אָנגעמערקט אין זייער פּאַספּאָרט, נאָר דערפֿאַר ווײַל זיי זײַנען עס פֿאַרבליבן אין דער ווירקלעכקײַט.

די ייִדישע אַרבעטער און אינזשעניערן, מיט וועמען מיר האָבן זיך באַגעגנט אין מאָסקווע און לענינגראַד און וואָס האָבן אונדז דערקלערט קאַטעגאָריש, אַז זיי באַדאַרפֿן ניט — נישט זיי, נישט זייערע קינדער, נישט זייערע פֿרײַנד און באַ־קאַנטע — קיין שום ייִדישן בוך אָדער טעאַטער, אָט די זעלבע אַרבעטער און אינזשעניערן האָבן אונדז פֿײַערלעך פֿאַרזיכערט, אַז זיי פֿילן זיך ווי ייִדן און זײַנען אַפֿילו שטאָלץ דערמיט. היפּש פֿאַר־ווּנדערט און פֿאַראינטריגירט, האָב איך געפֿרעגט פֿון וואָס אייגנטלעך זיי זײַנען שטאָלץ. די תּשובֿה איז געווען: שטאָלץ מיט דעם אָדער יענעם גרויסן

ייִדיש־סאָוועטישן קינסטלער אָדער וויסנשאַפֿט־לער... אַט דער אייגנאַרטיקער ייִדישער נאַציאָנאַלער שטאַלץ איז געוואָרן, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, צוגעשניטן שטרענג לויט דער ליניע פֿון די סאָוועטישע גרענעצן און איז כּעמיש־ריין פֿון יעטוועדן היסטאָרישן זכּרון. אַזאַ מין געפֿיל (אויב מען זאָל טאַקע אָננעמען, אַז דאָ איז גע־גאַנגען נישט בלויז אין געלעגנהייט־מליצה פֿאַר אויסלענדישע געסט) איז זיכער ניט צו שטאַרק פֿאַרשפּרייט. די ווייט גרעסטע מערהייט סאָוועטישע ייִדן, הן די וואָס ריידן ייִדיש, הן די וואָס ריידן ניט מער און פֿאַרשטייען אַפֿילו ניט די דאָזיקע שפּראַך, האָבן אויפֿגעהאַלטן, מיט אַן אינטענסיווקייט, אויף וועלכער איך האָב זיך אַב־סאָלוט ניט געריכט, זייער גאַנצן היסטאָרישן זכּרון. די „אינטעגראַציע" האָט זיי לחלוטין ניט „דעזאינטעגרירט" ווי ייִדן און נישט דענאַציאָנאַליזירט. אַזאַ איז בלי ספֿק די רעאַליטעט.

און איבעריקס, ווי האָט עס דען געקאָנט אַנ־דערש זײַן? דער פּראָצעס פֿון דענאַציאָנאַליזאַציע און אָרגאַנישער אײַנגלידערונג אין אַ פֿרעמדן נאַציאָנאַלן ציבור איז אַ לאַנגער היסטאָרישער פּראָצעס, אַ פּאַמעלעכער און קאָמפּליצירטער, איבערהויפּט נאָך ווען עס גייט וועגן פֿאַרווישן

דעם נאַציאָנאַלן פּנים פֿון אַזאַ אַלט פֿאָלק, ווי דאָס ייִדישע פֿאָלק, מיט אַזעלכע טיף־פֿאַרוואָרצלטע היסטאָרישע טראַדיציעס.

צי קאָן מען דען באַהויפּטן, אַז אַפֿילו אין פֿראַנקרײַך, 170 יאָר נאָך דער גרויסער רעוואָ־לוציע, האָט די פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און סאָ־ציאַלע אינטעגרירונג פֿון די פֿראַנצייזישע ייִדן אינעם לעבן פֿון דער פֿראַנצייזישער נאַציע דעזאינטעגרירט זייער ייִדישקײַט־געפֿיל? זיכער נישט, אָדער בלויז אויסנאַמווײַז. זשאַן־רישאַרד בלאָק, דער גרויסער פֿראַנצייזישער שרײַפֿט־שטעלער, איז אין זײַן ראָמאַן „עט קאָמפּאַני" אַ ייִדישער שרײַבער פּאַר־עקסעלאַנס. אויף אַ צווייטן געביט איז עדמאָנד פלעג, דער גרויסער פֿראַנ־צייזישער פּאָעט, בעיקר אַ ייִדישער דיכטער, אין דער טראַדיציע פֿון אַ דיכטונג, וואָס איז אַלט שוין העכער אַ יאָרטויזנט.

דאָס וואָס גילט פֿאַר פֿראַנקרײַך, אַ צענט־ראַליזירטע, אוני־נאַציאָנאַלע מלוכה, גילט נאָך פֿיל מער פֿאַרן ראַטנפֿאַרבאַנד, אַ פֿיל־נאַציאָנאַלע מלוכה און דאָס בלויז פֿערציק יאָר נאָך דער אָק־טאָבער־רעוואָלוציע, פֿופֿצן יאָר נאָך די נאַצי־שחיטות, וואָס האָבן אויף אַ טראַגישן אופֿן פֿאַר־טיפֿט דאָס ייִדישע נאַציאָנאַלע געפֿיל און בלויז צען

יאָר נאָכן אויפֿקום פֿון מדינת־ישׂראל, וואָס האָט, מחמת אַנדערע טעמים, דאָס דאָזיקע געפֿיל קאָנסאָלידירט.

דאָס גילט אַוודאי פֿאַרן ראַטנפֿאַרבאַנד צוליב נאָך איין סיבה: קוים מיט צוואַנציק יאָר צוריק, האָט אינעם לאַנד פֿון די סאָוועטן געבליט, אין אַן אויסערגעוויינטלעכן פֿאַרנעם, די ייִדישע נאַציאָנאַלע קולטור — נאַציאָנאַל לויט דער פֿאָרם, סאָציאַליסטיש לויטן אינהאַלט — אַ קולטור, וואָס איז אויפֿגעוואַקסן אויפֿן באָדן פֿון די דורותדיקע טראַדיציעס פֿון רוסישן ייִדנטום (און אַזעלכע טראַדיציעס זײַנען אין פֿראַנקרײַך קיין מאָל ניט געווען בנמצא). ווער קאָן עס באַהויפּטן, אַז די אַלע אוצרות פֿון גײַסט, וואָס דאָס רוסישע ייִדנטום האָט געהאַט אָנגעזאַמלט במשך פֿון דורות — אין ייִדיש, אין העברעיִש און רוסיש — אַז דאָס אַלץ זאָל פּלוצלונג פֿאַרשווינדן, פֿון הײַנט אויף מאָרגן, ניט לאָזנדיק קיין שפּור אין דער נשמה פֿון מיליאָנען סאָוועטישע ייִדן? דאָס וואָלט באַטײַט — פֿול־שטענדיק איגנאָרירן די היסטאָרישע ווירקלעכקײַט.

די פֿאַרלייקענונג, די אומפֿאַרשטייעניש פֿון פֿאַקטן איז זיך נוקם. מען קאָן זאָגן, אַז דער מינדסטער גוזמא און אַז דער קלענסטער מורא זיך

טועה צו זײַן, אַז די פּאָליטיק פֿון „ווײַטגייענ־דיקסטן סטאַדיום פֿון אינטעגראַציע" — אַזוי ווי זי ווערט איצט אָנגעווענדט אין ראַטנפֿאַרבאַנד — האָט דערפֿירט, און וועט אַלץ מער דערפֿירן, צו דיאַמעטראַל קעגנזעצלעכע רעזולטאַטן ווי מען האָט געוואָלט דערגרייכן. די זעלבע ייִדישע יוגנט, וועלכע האָט פֿאַר דער מלחמה אַרויסגעוויזן אַלץ ווייניקער און ווייניקער אינטערעס צו דער נאַציאָ־נאַלער פֿראַגע בכלל, זוכט איצט לײַדנשאַפֿטלעך צו באַקענען זיך מיט די פֿאַרשיידנסטע אַספּעקטן פֿון ייִדישקײַט (געשיכטע, ליטעראַטור, שפּראַך, קונסט, מוזיק אאַ"וו). עס לאָזט זיך מערקן בײַ אַט דער יוגנט אַ געוויסע טענדענץ אײַנצושליסן זיך אין זיך גופֿא, ווי אַ רעזולטאַט פֿון אַנטוישונג און באַליידיקטן שטאָלץ. עס זײַנען אַגבֿ אויך באַ־טייטיק פֿאַרקלענערט געוואָרן די צאָל פֿון גע־מישטע חתונות.

ס'איז שוין צײַט, די העכסטע צײַט, צו באַ־טראַכטן אויף ס'נײַ דעם גאַנצן פּראָבלעם, אָבער באַטראַכטן אים ערנסט און גרינטלעך, אָן אַט די לײַדנשאַפֿטן, וואָס האָבן אַ בפֿירושן ריח פֿון דער טרויעריקער פֿאַרגאַנגענהײַט און אָן קיין שום פֿאָראורטיילן פֿון קיין שום מין. (דווקא פֿעלן ניט, צום באַדויערן, קיין פֿאָראורטיילן; איך האָב גע־

האָט די געלעגנהײַט אין דעם זיך צו איבערצײַגן, בעת אונדזערע שמועסן אין מאָסקווע).

פֿאַרעקשנען זיך און ווײַטער אָנגיין מיט דער זעלבער פּאָליטיק, וואָלט באַטייט אַ געפֿאַר נאָך מערער צו פֿאַרערגערן דעם איצטיקן מצבֿ, וואָס איז שוין אַזוי אויך פֿאַקטיש, ניט מער, ווי — קאַטאַסטראָפֿע און האַרצווייטיק!

אָנשטאָט אַ לייזונג פֿון דער ייִדן־פֿראַגע, וואָס האָט אויסגעזען אַן ענדגילטיקע, אַ דעפֿיניטיווע, אַ לייזונג אויפֿן סמך פֿון אַ ריכטיקער אָנווענדונג פֿון דער לענינישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק און וועלכע מיר האָבן געבראַכט ווי אַ בײַשפּיל פֿאַר גאָר דער וועלט, אָנשטאָט דעם האָט זיך באַקומען — אָנטוי־שונג, אומרו און בלבול המוחות, נישט נאָר בײַ די סאָוועטישע ייִדן, נאָר בײַ די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן פֿון אַלע אַנדערע לענדער.

אָנשטאָט דעם אומבאַגרענעצטן צוטרוי און דער טיפֿער אָנערקענונג מצד די ייִדן פֿון גאָר דער וועלט פֿאַרן ראַטנפֿאַרבאַנד, וואָס האָט געראַ־טעוועט דאָס ייִדישע פֿאָלק פֿון פֿולשטענדיקן אומ־קום — אַן אַלץ גרעסערער אויפֿשטײַג פֿון גיפֿטי־קער אַנטיסאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדע.

און אין ראַטנפֿאַרבאַנד גופֿא, אָנשטאָט דעם געפֿיל פֿון עכטער און אויפֿריכטיקער ברידער־

לעכקײַט מיט אַלע אַנדערע סאָוועטישע פֿעלקער („די רוסן זײַנען מײַנע ברידער״) — אַן אײַנדרוק פֿון פֿרוסטראַציע, אַ פֿאַרביטערטקײַט. אַ נאַטירלעכע און געזונטע נאַציאָנאַלע רעאַלקײַט ווערט פֿאַרוואַנדלט, אַפֿילו בײַ דער יוגנט, נאָך אַלע עוולות און באַליידיקונגען, אין אַן אַנגסטיקן, צעווייטיקטן נאַציאָנאַליזם.

די פֿאַרשיידענע מאָסמיטלען, וואָס זײַנען לעצטנס אָנגענומען געוואָרן — אַ פֿאַרגרעסערטע צאָל קליינקונסט־קאָנצערטן, ייִדישע גראַמאָפֿאָנפּלאַטעס — זײַנען אַלע פֿון פּראַגמאַטישן כאַראַקטער און וועלן קוים עפּעס־וואָס ענדערן. עס פֿאָדערן זיך — נישט האַלבמיטלען, נאָר לייזונגען פּרינציפּיעלע.

אָט למשל האָט, אין הײַ־יאָריקן חודש אַפּריל, די סאָוועטישע רעגירונג געשיקט אַן אָפֿיציעלע דעלעגאַציע קיין פּוילן, בכדי אָנטייל צו נעמען אין די פֿײַערונגען לכּבֿוד דעם פֿופֿצנטן יאָרטאָג פֿונעם אויפֿשטאַנד פֿון וואַרשעווער געטאָ. אַזעלכע מינים פֿײַערונגען זײַנען פֿאָרגעקומען אין אַלע ייִדישע ייִשובֿים פֿון גאָר דער וועלט, אָן קיין שום אויסנאַם, אַפֿילו אין די קלענסטע. אָבער קיין שום פֿײַערונג איז ניט אײַנגעאָרדנט געוואָרן אין ראַטנפֿאַרבאַנד, מיט אירע דרײַ מיליאָן ייִדן. פֿאַרוואָס?

עס איז קודם כּל נייטיק, עס זאָל פֿאַרשווינדן דער אומצוטרוי, אַן אומבאַרעכטיקטער, אַן איר־ראַציאָנאַלער און וואָס שטיצט זיך בלויז און איינציק אויף פֿאָראורטיילן. עס דאַרף באַנײַט ווערן דער צוטרוי צו די סאָוועטישע ייִדן, און אין דער ערשטער ריי — צו די איבערגעגעבנסטע צווישן זיי, די ייִדישע קאָמוניסטן. עס דאַרף באַנײַט ווערן דער צוטרוי אויך צו די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן פֿון גאָר דער וועלט, נאַטירלעכע פֿאַרבינדעטע פֿונעם לאַנד פֿון סאָציאַליזם.

אין אַ סיטואַציע, וואָס איז געווען אַן אַן ערך מער שווער און קאָמפּליצירט, האָט לענין גע־שענקט דעם פֿולסטן צוטרוי דער ייִדישער באַפֿעל־קערונג פֿון לאַנד. „שאַנדע דעם פֿאַרהאַסטן צאַ־ריזם, וואָס האָט פֿאַרפֿאָלגט און פֿאַרפּײַניקט די ייִדן! — האָט ער אויסגערופֿן אין 1919 — שאַנדע פֿאַר די אַלע, וואָס זייען שׂנאה צו ייִדן און וואָס שפּרייטן האַס צו אַנדערע פֿעלקער!״

די ירושה פֿון צאַרישן רוסלאַנד איז דווקא גע־ווען אַ שווערע. מער ווי אַ העלפֿט פֿון רוסלענ־דישן ייִדנטום (54.4 פּראָצענט) איז באַשטאַנען פֿון קליינע הענדלער, פֿון כּל המינים כּלי־קודש און פֿון מענטשן אָן קיין שום פּראָפֿעסיע, די „לופֿט־מענטשן״. הונדערטער טויזנטער אַזעלכע „לופֿט־

מענטשן״ זײַנען בוכשטעבלעך געוואָרן צעמאַלן דורך די רעדער פֿון דער רעוואָלוציע און האָבן זיך געפֿונען אויפֿן סאַמע ראַנד פֿון תּהום. ווי אַפּי־ציעלע קלאַסן־שׂונאים, האָבן זיי, צו אַלע צרות, נאָך געהאַט פֿאַרלוירן זייערע ציווילע רעכט („לישענצעס״).

צו אַט די אַלע אומגליקלעכע, ווי אויך צו זייערע ברידער, די ייִדישע אַרבעטער, וואָס זײַנען געווען ניט קיין סך גליקלעכער פֿאַר זיי, האָט די סאָוועטישע מאַכט אַרויסגעוויזן אַן אומגעהויערן צוטרוי. זיי זײַנען אַלע געווען קרבנות; קרבנות פֿון דורותדיקע פֿאַרפֿאָלגונגען. זיי האָבן אַלע גע־הערט צו אַ מאַרטירער־פֿאָלק, איינעם פֿון די צום מערסטן געפּײַניקטע אין דער מענטשלעכער גע־שיכטע. דאָס איז אויך געווען אַ רעאַליזם, מיט וועלכן מען האָט געדאַרפֿט זיך רעכענען.

במשך פֿון קוים צוואַנציק יאָר איז, אַ דאַנק די אָנשטרענגונגען פֿון דער סאָוועטישער פּאַרטיי, פֿון דער סאָוועטישער רעגירונג און פֿון אַ ריי ייִדיש־סאָוועטישע אָרגאַניזאַציעס, געשען אַן אמתער נס. אין 1941 איז אין מאָסקווער פֿאַרלאַג „דער עמעס״ דערשינען אַ ווערק פֿון ייִדיש־סאָוועטישן עקאָ־נאָמיסט ל. זינגער, אונטערן פֿילזאָגנדיקן טיטל: „דאָס באַנײַטע פֿאָלק״. אָט דאָס דאָזיקע באַנײַטע

פֿאָלק איז געווען — דאָס סאָוועטישע ייִדישע פֿאָלק. די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע סטרוקטור פֿון די סאָוועטישע ייִדן האָט זיך געענדערט לחלוטין, זי איז געוואָרן נאָרמאַל, געזונט.

אין יענע יאָרן האָט מען ניט חושד געווען די סאָוועטישע ייִדן, אַז זיי בילדן אַ גינסטיקן באָדן פֿאַר דער אַרײַנדרינגונג פֿון קאַפּיטאַליסטישע אײַנפֿלוסן. דאָס זײַנען, גראָד פֿאַרקערט, די ברייטסטע ייִדישע פֿאָלקסמאַסן פֿון די קאַפּיטאַ־ליסטישע לענדער באַשולדיקט געוואָרן דורך דער רעאַקציע — אַגבֿ, מיט רעכט — אַז זיי זײַנען די הויפּט־שול פֿאַר דער אויסבילדונג פֿון קאָמו־ניסטישע טוער און דער צענטער פֿון פֿרײַנדשאַפֿט צום ראַטנפֿאַרבאַנד. אין אַזעלכע לענדער ווי פּוילן, רומעניע, ליטע און לעטלאַנד זײַנען, פֿאַר דער רעאַקציע, די ווערטער „ייִד" און „באָלשעוויק" גע־וואָרן סינאָנימען.

און לסוף, „דאָס באַנײַטע פֿאָלק", די סאָוועט־טישע ייִדן האָבן באַוויזן זייער גאַנצן ווערט בעת דער מלחמה. די ציפֿערן ריידן פֿאַר זיך אַליין: דאָס צווייטע אָרט, נאָך די רוסן, לויט דער צאָל אויס־צייכענונגען אויף די שלאַכטפֿעלדער: דאָס דריטע אָרט, נאָך די רוסן און אוקראַאינער, לויט דער צאָל

פֿון דער העכסטער אויסצייכענונג: „העלד פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד".

עס איז נייטיק, עס איז דרינגענדיק נייטיק צוריקצוקערן זיך צו די באַציִונגען פֿון פֿאַר דער מלחמה, צו פֿאַרווישן די שפּורן פֿון אַ טראַגישער תּקופֿה, וועלכע דאַרף ווערן פֿולשטענדיק און דעפֿיניטיוו אָפּגעשלאָסן.

די פֿראַגע פֿון די סאָוועטישע ייִדן האָט אויפֿגעהערט צו זײַן אַ ריין־ייִדישע, אָדער אַפֿילו אַ בלויז סאָוועטישע פֿראַגע. צי מען וויל יאָ אָדער ניט, צי עס געפֿעלט אונדז יאָ אָדער ניט, איז זי פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן ענין פֿון אינטער־נאַציאָנאַלן פּאָליטישן באַטייט. די רעאַקציע האָט זיך אין דעם אָנגעכאַפּט מיט אַ פֿאַרביסנקײַט וואָס וואַקסט פֿון טאָג צו טאָג, מחמת זי ווייסט, אַז איר איז צוגעשיקט געוואָרן אַן אויסערגעוויינטלעך וויכטיק געווער קעגן אונדז, אַ געווער קעגן וועלכן מיר זײַנען איצט, צום באַדויערן, לחלוטין אומ־פֿעיִק זיך צו פֿאַרטיידיקן.

מען טאָר ניט פֿאַרגעסן, אַז דער דאָזיקער ענין איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּראָבלעם אויך פֿאַר דער אַלוועלטלעכער קאָמוניסטישער באַוועגונג. ער האָט אַרויסגערופֿן און רופֿט ווײַטער אַרויס אַ טיפֿע אויפֿרודערונג אין אַ ריי קאָמוניס־

טישע פּאַרטייען פֿון ערשטראַנגיק־וויכטיקע לענ־
דער. קיין שום סתם צוזאָגן וועלן דאָ ניט העלפֿן.
ס'איז נייטיק, אַז דער שורש פֿונעם בייז זאָל
אויסגעוואָרצלט ווערן ווי אַמשנעלסטן.

איך גלייב, איך בין איבערצײַגט, אַז אונדזער
פּאַרטיי איז מסוגל דאָ אָפּצושפּילן אַ וויכטיקע ראָל,
אַ ראָל וואָס קאָן זײַן אַבסאָלוט דעצידירנדיק.

איך האָב געהאַט אַ מעגלעכקײַט צו איבער־
צײַגן זיך אין ראַטנפֿאַרבאַנד, אַז דער פּרעסטיזש
פֿון אונדזער פּאַרטיי בײַ די סאָוועטישע חבֿרים, אַז
דײַן פּערזענלעכער פּרעסטיזש, זײַנען אומגע־
הייער גרויס, אָן קיין שום גוזמא. מען האָט מיך
פֿאַרזיכערט (דאָס זײַנען געווען ייִדישע חבֿרים), אַז
איין־איינציקער בריוו פֿון דיר איז מסוגל צו
ענדערן דעם גאַנצן מצבֿ. עס איז דרינגענדיק
נייטיק, דו זאָלסט זאָגן דיין וואָרט. עס איז דרינ־
גענדיק נייטיק, אונדזער פּאַרטיי זאָל זאָגן איר
וואָרט. איך גלויב, מיטן גאַנצן האַרצן, אַז דאָס איז
אונדזער חובֿ פֿון קאָמוניסטן.

אַגבֿ אורחא, איך האָב געהאַט אַן אײַנדרוק, אין
מאָסקווע, אַז אַרום דעם ענין זײַנען נאָך פֿאַראַן גע־
וויסע וואַקלונגען. די רוסישע חבֿרים, וואָס זײַנען
געוואָרן באַאויפֿטראָגט צו רעפֿערירן פֿאַר אונדז די
אָפֿיציעלע שטעלונג, האָבן אַוודאי זיך באַמיט אונדז

צו איבערצײַגן. בײַ אַ טייל פֿון זיי האָט זיך אָבער בפּירוש געפֿילט, אַז זיי גופֿא זײַנען נישט צו שטאַרק איבערצײַגט. ס׳וועט אפֿשר גענוג זײַן נאָך איין לעצטע אָנשטרענגונג, בכדי אַלץ זאָל זיך בײַטן.

אין אָט דער אַנגסטיקער תּקופֿה פֿון נאָכן צוואַנציקסטן קאָנגרעס, וואָס מיר לעבן איצט איבער, איז נייטיק, עס זאָל זיך דערהערן די קלאָרע שטים פֿון אונדזער פּאַרטיי. מיט איר גלאָר־רײַכער פֿאַרגאַנגענהײַט, ווו דער פּראָלע־טאַרישער אינטערנאַציאָנאַליזם האָט תּמיד פֿאַר־נומען אַן ערן־פּלאַץ, מיט איר ירושה פֿון די שענסטע און באַשטענדיקסטע הומאַניטאַרע טראַ־דיציעס פֿון פֿראַנקרײַך, איז דער חובֿ פֿון אונדזער פּאַרטיי צו אינטערווענירן — לטובֿת דעם ראַטנ־פֿאַרבאַנד גופֿא און לטובֿת דער אַלוועלטלעכער קאָמוניסטישער באַוועגונג. אין גאַנצן גענומען״.

אינטערמעצאָ־מעשׂה נומער צוויי

סאַראָטשקאַ (שׂרהלע)

די דאָזיקע אינטערמעצאָ־מעשׂה פֿאָדערט אַ קליינעם אַרייַנפֿיר, אָדער, ווי מען זאָגט הייַנט, לויט דער לעצטער מאָדע: „אַ וואָרט פֿריער".

„סאַראָטשקאַ" איז די בוכשטעבלעכע איבער־זעצונג, אויף רוסיש, פֿון „שׂרהלע", אַ פֿאַרצערטל־פֿאָרם פֿון „סאַראַ"־שׂרה. ס'איז קוים נייטיק צו דערמאָנען, אַז שׂרהלע איז אַן אייגן־נאָמען. ווי קאָן עס דען זייַן אַנדערש? ווייַזט זיך אָבער אַרויס, אַז ס'קאָן יאָ זייַן אַנדערש. והא ראיה — ס'איז געווען אַנדערש.

געווען אַנדערש איז עס אין די צייַטן פֿון „די דאָקטוירים — מערדער אין ווייַסע כאַלאַטן" און אויך אַ שפּאָר ביסל פֿריער, אין די סוף־פֿערציקער און אָנהויב־פֿופֿציקער יאָרן. געוויסע ליבהאָרציקע אָבער ווייַטזעעוודיקע שכנים האָבן אָנגעהויבן, אין מאָסקווע און לענינגראַד, קומען באַקוקן, אָן קיין שום קאָמפּלעקסן, ייִדישע דירות, וואָס האָבן אין גיכן געזאָלט ווערן באַפֿרייַט. מען האָט שטאַרק גע־

שמועסט וועגן אַרויסשיקן די ייִדן ערגעץ־ווו אויפֿן ווײַטן־צפֿון.

בימים ההם איז עס סאַראַטשקאַ געוואָרן אַ כּלל־נאָמען. אַלע ייִדישע פֿרויען האָבן געהייסן — סאַראַטשקאַ, ווי אונדזער מוטער שׂרה, און אַלע ייִדישע מענער — אַבראַמטשיק, ס׳הייסט אַוורעמעלע, ווי אַבֿרהם אָבֿינו.

ס׳האָט געקאָנט טרעפֿן, למשל, אַזאַ פֿאַל: מען באַגעגנט אין גאַס אַ ייִדישן געוועזענעם שלאַכט־מאַן, אַפֿילו נאָך אין זײַנע מיליטערישע בגדים, מיט אַלע שלאַכט־אויסצייכענונגען אויף דער ברוסט, שטעלט מען אים אָפּ און מען פֿרעגט מיט אַ ליב־לעכן שמייכל: אַבראַמטשיק, וויפֿל אַ שטייגער האָסטו עס באַצאָלט, אויפֿן מאַרק אין טאַשקענט, פֿאַרן גאַנצן ביסל בלעכוואַרג, וואָס דו האָסט אויף זיך אָנגעהאָנגען?

אָדער, צו אַ ייִדישער פֿרוי, וואָס האָט גע־טראָגן אַן אָרעם קוישל עסנוואַרג: סאַראַטשקאַ, ווי האַלטן הײַנט די פּרײַזן אויפֿן שוואַרצן מאַרק?...

די דאָזיקע צײַטן זײַנען, צום גליק, פֿאַרבײַ און וועלן האָפֿנטלעך קיין מאָל ניט צוריקקערן זיך.

קאָנען מיר איצט, נאָך אָט דעם קורצן „וואָרט פֿריער” צוטרעטן, מיט אַ לײַכטערן געמיט, צו דער אייגנטלעכער מעשׂה.

ריכטיק ערבֿ מײַן אַרויספֿליִען קיין ראַטנפֿאַר־באַנד, קלינגט צו מיר מײַנע אַ נאָענטע באַקאַנטע, אַן אַלטער גוטער־פֿרײַנד: איך מוז איר טאָן אַ טובֿה, זי האָט אַ שוועסטער אין מאָסקווע — זשעניאַ הייסט זי — איז בײַ איר געוואָרן קראַנק אַ קינד און קיין געהעריקע מעדיקאַמענטן קריגט מען דאָרט ניט און שיקן דורך פּאָסט איז נישט דער־לויבט. בעט זי מיך מיטנעמען אַ שאַכטל מעדיקאַ־מענטן.

כ׳בין געבליבן אין אַ פּײַנלעכער פֿאַרלעגנ־הײַט. אויב ס׳איז פֿאַראַן אַ פֿאַרבאָט איבערצושיקן דורך פּאָסט רפֿואות, איז דאָך זיכער אויך פֿאַר־באָטן זיי אַרײַנצופֿירן. ווי זשע קאָן איך זיך דער־לויבן, ספּעציעל בײַ די באַדינגונגען אין וועלכע איך פֿאָר, עובֿר צו זײַן אויף אַ וועלכן ניט איז סאָ־וועטישן געזעץ?

פֿון דער צווייטער זײַט אָבער, ווי זאָגט מען עס אָפּ צו ברענגען אַ רפֿואה פֿאַר אַ קראַנק קינד? מײַן פּאַריזער פֿרײַנד האָט מיך אַגבֿ פֿאַרזיכערט, אַז שוין נישט דאָס ערשטע מאָל שיקט זי רפֿואות קיין מאָסקווע און יעדעס מאָל גייט אַלץ דורך בשלום.

בקיצור, איך האָב די שאַכטל גענומען און אַלץ איז ווירקלעך דורך בשלום, איבערהויפּט נאָך, אַז

מען האָט אונדזער באַגאַזש בכלל ניט געעפֿנט און ניט קאָנטראָלירט.

גלײַך נאָך מײַן אָנקומען אין מאָסקווע, האָב איך אָנגעשריבן אַ פּאָר ווערטער צו מײַן פֿרײַנדס שוועסטער, איר אָנגעזאָגט, אַז איך האָב געבראַכט די רפֿואות, אָנגעגעבן דעם אַדרעס און טעלעפֿאָן פֿון האָטעל, וווּ איך ווױן און געבעטן אָנקלינגען, בכדי צונױפֿצורײדן זיך וועגן אַ טרעפֿונג.

אַ טאָג שפּעטער, בעת איך בין, אַ מידער, צוריקגעקומען אין האָטעל, האָט די שטאָק־אױפֿזעערין — אױף יעדן שטאָק אַמטירט אַ באַזונדערע אױפֿזעערין — מיר געזאָגט, אַז פֿאַרנאַכט־צײַט איז געקומען זיך נאָכפֿרעגן אױף מיר אַ דאַמע און האָט איבערגעלאָזט אַ קוויטל. דאָס איז געווען טאַקע מײַן פֿרײַנדס שוועסטער. אין איר קוויטל, אַן אַפּענעם, אױף רוסיש, האָט זי מיר צוּווּיסן געגעבן, אַז זי וועט קומען מאָרגן, זעקס פֿאַרנאַכט, צו מיר אין האָטעל. אױב די שעה איז פֿאַר מיר נישט קײן פּאַסיקע, בעט זי מיך איר אָנטעלעפֿאָנירן און גיט אָן איר טעלעפֿאָן־נומער. דאָס קוויטל איז געווען אונטערגעשריבן מיטן פֿולן נאָמען און פֿאַמיליע־נאָמען.

דאָס האָט מיך אַ ביסל פֿאַרחידושט. איך האָב געוווּסט — מען האָט עס מיר פֿיל מאָל איבער־

געחזרט — אַז סאָוועטישע בירגער מײַדן אויס צו טרעפֿן זיך מיט אויסלענדער, ווער רעדט נאָך אין האָטעלן, ווו עס וואַכט תּמיד אַ וואַכזאַם אויג. ווער ווייסט, צי עס קאָן אַמאָל זיך ניט באַקומען עפּעס־וואָס פֿאַר אַן אומאַנגענעמלעכקײַט. און דאָ — אַזוי בפֿרהסיה, מיט אַן אונטערגעשריבענעם קוויטל . . .

אויף צומאָרגנס, פּונקט אין דער אָפּגע־רעדטער שעה, איז אין וואַרטזאַל פֿון האָטעל — איך בין שוין דאָרט געזעסן — אַרײַנגעקומען אַ מיטליאָריקע פֿרוי, וועלכע איך האָב תּיכּף דער־קענט: זי איז געווען, ווי צוויי טראָפּנס מילך, ענלעך צו דער שוועסטער.

איך האָב זיך אויפֿגעשטעלט און אויסגע־שטרעקט די האַנט: זשעניאַ?

זי האָט זיך צעלאַכט און אין אַ ריינעם ליט־ווישן ייִדיש אָפּגעענטפֿערט:

— יאָ, איך בין זשעניאַ, זשעניאַ מיכאַילאָוונאַ. אויף פּראָסט מאַמע־לשון: העניע. קיין צווילינג מיט דער שוועסטער בין איך ניט, אָבער ס׳פֿלעגט טרעפֿן, אין די יונגע יאָרן, אַז מען האָט צומאָל אונדז אָנגענומען איינער פֿאַר דער צווייטער.

זי איז געווען אַ פֿרוי אין די פֿערציקער, אַ מיטלוווּקסיקע, אַ פּולבלעכע, אַ בלאָנדע, מיט גרויע, קלוגע, שמייכלענדיקע אויגן און כּמעט אינ־

גאַנצן סלאַווישע פּנים־שטריכן. דערצו נאָך — עפּעס אַ צומיש פֿון ייִדישן חן.

זי האָט מיר באַדאַנקט פֿאַרן ברענגען די מעדיקאַמענטן, דערציילט אַז דער געזונט־צו־שטאַנד פֿון איר טאָכטער האָט זיך לעצטנס באַ־טײַטיק פֿאַרבעסערט, אַזוי אַז זי גייט שוין ווידער אין שול, אין דער זעלבער שול טאַקע, ווו זי, זשעניאַ, איז אַ לערערין פֿון מאַטעמאַטיק.

מיך האָט אַלץ געעקבערט די זעלבע קשיא:

— איר האָט ניט מורא געהאַט, האָב איך איר געפֿרעגט, צו קומען אין אָט דעם האָטעל, איבער־לאָזן דאָ אײַער נאָמען און פֿאַמיליע־נאָמען, אײַער טעלעפֿאָן־נומער?

זי האָט זיך ווידער צעלאַכט.

— פֿאַרוואָס זאָל איך מורא האָבן?! איך בין נישט פֿון די מוראדיקע. (און צוגעגעבן, שוין אויף רוסיש, אַ רוסיש ווערטל: איך געהער ניט צום פּחדנותדיקן צענדליק...) איך ווייס זייער גוט, אַז דער האָטעל איז פֿון ספּעציעלן יחוס און ווערט זיכער אָפּגעהיט אויף אַ ספּעציעלן יחוסדיקן אופֿן — מיר ווייסן אַלץ אין מאָסקווע — אָבער צו מיר האָט עס ניט קיין שײַכות. איך האָב קיין מאָל פֿאַר גאָרניט ניט מורא געהאַט.

איר קאַטעגאָרישקייט האָט מיך פֿאַראינטריגירט.

— נו, און אין זיבן־און־דרײַסיקסטן יאָר, אַ שטייגער?

זי האָט זיך פֿאַרקלערט אַ ווײַלע.

— ווי זאָל איך אײַך זאָגן? דאָס איז ניט אַזוי איינפֿאַך. שטעלט זיך פֿאָר, עס ברעכט אויס אין אַ שטאָט אַ מגפֿה, אַ פֿאַרפֿלייצונג. דער פּחד איז אַ קאָלעקטיווער. יעדער פּרוּווט זיך אויסהיטן, זיך ראַטעווען, ווי נאָר מען קאָן. איך האָב גערעדט וועגן עפּעס אַנדערש. וועגן אינדיווידועלער מורא. דאָס נישט.

זי האָט ווידער געטראַכט אַ רגע און אויסגערופֿן:

— זײַט מוחל מײַן נאַרישע באַרימערײַ. מורא, אַוודאי, ס׳איז אַ פֿראַגע פֿון כאַראַקטער, אָבער זיכער מער נאָך — פֿון די באַדינגונגען, פֿון צופֿאַל. איך בין נישט קיין פּאַרטיי־מיטגליד, נישט קיין געזעלשאַפֿטלעכע טוערין און געהער צו אָט דעם גליקלעכן טייל פֿון לאַנד, וואָס האָט נאָך קיין מאָל ניט פֿאַרזוכט דעם טעם — פֿון „זיצן״. קאַפּויער, דאָס האָב איך, שטעלט זיך פֿאָר, אַמאָל אײַנגעזעצט אַ מענטשן...

זי האָט באַמערקט מײַן שטוינונג און אויס־גערופֿן:

— ניין, חלילה, זײַט מיך ניט חושד אומזיסט! איך האָב מיט די „אָרגאַנען״ דעם מינדסטן שײַכות ניט און קיין מאָל ניט געהאַט. אָבער דאָס איז שוין אַן אַנדער ענין. (אין ראַטנפֿאַרבאַנד ווערן די זיכערקײַט־אָרגאַנען, מחמת דיסקרעציע און יראת־הכּבֿוד אַנגערופֿן פּשוט: „די אָרגאַנען״)

זי האָט זיך אויפֿגעהויבן, נאָך אַ מאָל מיר גע־דאַנקט און צוגעגעבן:

— איך האָב אַ פֿאָרשלאָג, ריכטיקער — אַ בקשה צו אײַך. איך וויל, איר זאָלט באַזוכן מײַן היים. סײַ ווי וועט מײַן שוועסטער אײַך ניט שענ־קען אַ לעבן־לאַנג, אויב איר וועט איר ניט ברענ־גען קיין דירעקטן גרוס פֿון מײַן משפּחה. איך וויל, איר זאָלט זיך באַקענען מיט מײַנע קינדער, מיט מײַן מאַן — דאָס הייסט, מיטן געוועזענעם מאַן. מיר האָבן זיך צעשיידט, אָבער זײַנען פֿאַרבליבן פֿרײַנד, ער האָט באַקומען אַ צימער אין דער זעל־בער צוזאַמענוווינונג. ס׳וועט זײַן אפֿשר נאָך עמעץ־ווער. איך וויל, איר זאָלט זען, ווי מענטשן לעבן אין מאָסקווע. נישט ווי איר אין האָטעל, פֿאַרשטייט זיך. מיר וועלן עסן צוזאַמען מיטאָג.

איך האָב איר פֿאָרשלאָג גערן אָנגענומען.

אין אַפּגערעדטן טאָג האָב איך געקלונגען אין זשעניאַס וווינונג, ס'הייסט, אין צוזאַמענוווינונג, ווי זי האָט געהאַט אַ צימער. געעפֿנט די טיר האָט מיר טאַקע זשעניאַ אַליין און, דורך אַ לאַנגן קאָרידאָר, אַרײַנגעפֿירט מיך אין איר היים. דאָס איז געווען אַ פֿאַרהעלטענישמעסיק גרויסער צימער, אָבער אומגלייבלעך אָנגעשטעלט מיט מעבל: אַ בעט, אַ דיוואַן, אַ טיש מיט שטולן, אַן אײַז־קאַסטן, אַן אַלמער, אַ קליינער שרײַבטיש, אַ ביבליאָטעק און נאָך און נאָך. זשעניאַ איז געווען שטאַרק אויפֿגעלייגט.

— ברוך הבא אין מײַנע קיניגלעכע קאַמערן! האָט זי פֿריילעך אויסגערופֿן אויף רוסיש און גלײַך צוגעגעבן דאָס אַלט רוסישע ווערטל: אין ענגשאַפֿט, אָבער אין פֿרײַנדשאַפֿט...

זי האָט מיר פֿאָרגעשטעלט אירע צוויי קינדער. אַ זון פֿון אַ יאָר אַכצן־נײַנצן, שוין אַ סטודענט, און די טאָכטער, אַ בלאָנד, צוועלף־יאָריק מיידעלע, פֿאַר וועמען איך האָב געהאַט געבראַכט רפֿואות. נישט דער זון, נישט די טאָכטער האָבן ניט געקענט קיין וואָרט יידיש. זשעניאַ איז פֿונדעסטוועגן אַריבער אויף מאַמע־לשון.

— ס'איז טאַקע ענג, אָבער מען געוווינט זיך צו. גלייבט מיר, נישט דאָס איז דער עיקר. ס'איז

שוין געווען ערגער, אַ סך ערגער, און ס׳וועט זײַן בעסער, אַ סך בעסער. ווי זאָגט מען עס? וואַרט, וואַרט...

זי האָט זיך פֿאַרקלערט, מורמלענדיק:

— ס׳איז שרעקלעך, ווי ייִדישע ווערטער פֿאַרשווינדן פֿון זכּרון...

באַלד אָבער געגעבן זיך אַ קלאַפּ אין שטערן:

— געפֿונען! מירצעשעם! עס וועט מירצעשעם זײַן בעסער!.. אַ סך בעסער!..

זשעניאַ האָט אין גאַנצן געשײַנט. דער טיש איז געווען געגרייט כּיד המלך, מיט צובײַסנס פֿון כּל המינים. ס׳האָט אויך, נאַטירלעך, ניט געפֿעלט קיין בראָנפֿן. באַלד האָבן אָנגעהויבן קומען די געסט. די ערשטע האָט אָנגעקלונגען אַ מיטליאָריקע פֿרוי, אַ דאָקטאָריז, אַ יוגנט־חבֿרטע פֿון זשעניאַס פֿאַריזער שוועסטער. דערנאָך האָט זיך באַוויזן זשעניאַס גע־וועזענער מאַן, לאַזאַר דאַווידאָוויטש, אויך אַ לערער. דער לעצטער איז אַרײַן אַ שכן פֿון צוזאַמענוווינונג, אַ מיטליאָריקער רוס, אַ הויכער, אַ ברייטפּלייציקער, אָן אויסגעפּוצטער, וואָס האָט תּיכּף פֿאַרשמעקט דעם גאַנצן צימער מיט אַ גע־דיכטן ריח פֿון קעלניש־וואַסער. מען האָט מיר אים פֿאָרגעשטעלט ווי גריגאָרי וואַסיליעוויטש — דעם פֿאַמיליע־נאָמען האָב איך פֿאַרגעסן, ער וועט עס

מיר מוחל זײַן — פֿון פֿאַך, אַן אינזשעניער און פֿון באַרוף — אַ וועלט־רײַזנדער... בײַ זיך אין צימער. ער האָט דערבײַ גוטמוטיק צוגעשמייכלט. אַלע געסט האָבן מיטגעבראַכט מתּנות. גריגאָרי וואַסיליעוויטש האָט אַוועקגעשטעלט צווישן דעם צובײַסנס אַ פֿלאַש בראָנפֿן.

מען האָט זיך געזעצט צום טיש. ניט אַנ־פֿרעגנדיק בײַ קיינעם, אָבער אַזוי ווי בהסכּם כּולם איז גריגאָרי וואַסיליעוויטש געוואָרן דער טאָסט־מײַסטער.

ער האָט אָנגעגאָסן די גלעזלעך און געזאָגט:

— מײַנע ליבע פֿרײַנד, דערלויבט מיר, אין אונדזער אַלעמענס נאָמען, אויפֿצוהייבן דעם ערשטן כּוס פֿאַרן געזונט פֿון אונדזער חשובֿן גאַסט, דעם טײַערן פֿרײַנד פֿון פּאַריז!

ער האָט געמאַכט אַ קורצע, עפֿעקטפֿולע פּויזע און אויסגערופֿן פֿײַערלעך, אויף ייִדיש: לחיים!

אַלע האָבן זיך צעלאַכט און מען האָט אויסגע־טרונקען דעם כּוס ראשון. די באַלעבאָסטע האָט געבעטן צובײַסן, די געסט האָבן געפֿאָלגט, אַלע געסט — אויסערן טאָסט־מײַסטער. גריגאָרי וואַסי־ליעוויטש האָט גענומען פֿון טיש אַ רעפֿטל שוואַרץ ברויט און באַנוגנט זיך — מיט אַ שמעק טאָן דאָס

ברויט. באַלד האָט ער אָנגעגאָסן צום צווייטן מאָל די גלעזלעך און איז צוגעטראָטן צום צווייטן טאָסט.

— מײַנע ליבע פֿרײַנד, דעם צווייטן כּוס וועלן מיר אויסטרינקען, מיט איין צי, פֿאַרן געזונט פֿון אונדזער טייערער באַלעבאָסטע, זשעניאַ מיכאַי־לאָוונאַ...

אַ פּויזע און, ווידער אַ מאָל — לחיים!

מען האָט אויסגעטרונקען דעם כּוס שני. דער טאָסט־מײַסטער האָט ווידער געשמעקט דאָס ברויט און שוין אויסגעשטרעקט די האַנט אָנצוגיסן דעם כּוס שלישי. די באַלעבאָסטע האָט פּראָטעסטירט.

— בײַסט פֿריער צו, גריגאָרי וואַסיליעוויטש! מיר האָבן גענוג צײַט.

ער האָט אָבער ניט נאָכגעגעבן.

— רעדט מיך ניט צו צו קיין זינד, זשעניאַ מיכאַילאָוונאַ! איר ווייסט זייער גוט, אַז גאָט האָט ליב אַ דרײַ־איינִיקײַט. אויסער דעם זײַנען בײַ אײַך די גלעזלעך קליינטשינקע, ממש סימבאָלישע.

דער דריטער כּוס איז געווען — פֿאַר פּאַריז! פֿאַר דער וווּנדערלעכער שטאָט, פֿאַר דער שטאָט פֿון ליכט — פּאַריז!

דער „לחיים" איז געווען אַ קאָלעקטיווער, אַ כאָראַלער. גריגאָרי וואַסיליעוויטש האָט אָפּגע־

לייגט דאָס רעפּטל שוואַרץ ברויט און גענומען זיך צום צובײַסן.

ס׳איז געוואָרן פֿריילעך אין צימער. מען האָט גערעדט הויך, זיך געוויצלט, געלאַכט, געטרונקען. גריגאָרי וואַסיליעוויטש האָט זיך צערעדט וועגן... פּאַריז. נישט אומזיסט האָט מען אים גערופֿן: וועלט־רײַזנדער. ער איז אמת קיין מאָל ניט אַריבערגעטראָטן די גרענעצן פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד, אָבער האָט פֿאַרמאָגט אַ ים קענטעניש וועגן לענדער און שטעט.

זײַן ליבלינג איז געווען פּאַריז און ער האָט די שטאָט געקענט אויף אַ שטוינענדיקן אופֿן. ער האָט אויסגערעכנט אַלע פּאַריזער דענקמעלער, מיט די נעמען פֿון די קינסטלער, וואָס האָבן זיי באַשאַפֿן; אַלע פּאַריזער מוזייען; די אייגנטימלעכקײַטן — סטיל, הויך און ברייט — פֿון אַלע פּאַריזער קירכעס; די געשיכטע פֿון אַלע באַרימטע קונסט־קאַפֿע־הײַזער פֿון מאָנמאַרטר און מאָנפּאַרנאַס און נאָך און נאָך...

ווער ווייסט, ווי לאַנג גריגאָרי וואַסיליעוויטש וואָלט נאָך אַזוי אויסדערציילט די נסים־פּאַריז, ווען די באַלעבאָסטע שטעלט אים ניט אָפּ, מיט אַ פֿאָרוווּרף, אַז אָנשטאָט זיך צו גרויסן אַזוי מיט זײַנע רײַזע־אײַנדרוקן, וואָלט ער בעסער מכבד

געוועזן דעם גאַסט מיט אַ שיין רוסיש ליד. גרי־גאָרי האָט זיך לחלוטין ניט באַליידיקט און אויך ניט געלאָזט בעטן. ער האָט געזאָגט:

— איך הער און געהאָרך, זשעניאַ מיכאַי־לאָוונאַ.

און ווענדנדיק זיך צו אַלעמען אַ פֿרעג געטאָן: איז וואָס זשע זינגען מיר?

באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַ כאָראַלער גע־זאַנג, אין וועלכן גריגאָרי וואַסיליעוויטש איז גע־ווען דער סאָליסט. ער האָט פֿאַרמאָגט אַן אָנגע־נעמע, וואַרעמע באַריטאָן־שטימע. מען האָט גע־זונגען אַלטע רוסישע פֿאָלקסלידער, מלחמה־לידער און לסוף, מיט גרויס באַגײַסטערונג, אַ ליד וועגן היימלאַנד, וואָס איז אַזוי רחבֿותדיק גרויס, אַ ליד, וואָס ענדיקט זיך מיט אַזעלכע התלהבֿותדיקע שורות:

איך קען ניט נאָך אַ לאַנד אַזאַ, מײַן היימלאַנד,
ווו אַטעמען דער מענטש זאָל אַזוי פֿרײַ.

פּלוצלונג האָט גריגאָרי וואַסיליעוויטש זיך אויפֿגעשטעלט, געבעטן מען זאָל אים מוחל זײַן, ער האָט אַ וויכטיקן פּראָיעקט אַרויסצוענדיקן, ביז מאָרגן, פֿאַר דער דירעקציע פֿון זײַן אונטער־נעמונג און ס'איז אים נאָך פֿאַרבליבן אַ סך אַרבעט.

ער האָט זיך געזעגנט מיטן פּאַריזער גאַסט, מיט
אַלע איבעריקע אָנוועזנדיקע, נאָך אַ מאָל גע־
דאַנקט דער באַלעבאָסטע פֿאַר דער אײַנלאַדונג,
גאַלאַנט געקושט די האַנט בײַ די דאַמען און איז
אַרויס פֿון צימער.

לאַזאַר דאַווידאָוויטש, זשעניאַס געוועזענער
מאַן, האָט דעם פּלוצלונגדיקן אַרויסגאַנג תּיכּף באַ־
גלייט מיט אַ קאָמענטאַר:

— איך קאָן שווערן, אַז אין גריגאָריס פּראָ־
יעקט האָט מיט אַ מאָל פֿאַרפֿעלט אַ האַלב־ליטער
פֿינף־און־פֿערציקער. מיר קאָנען זיך ריכטן אויף
נאָך אַ קאָנצערט.

מען האָט געשמייכלט און זשעניאַ האָט זיך
אָנגערופֿן צו מיר:

— איר געדענקט, איך האָב אײַך געזאָגט, בײַ
אײַך אין האָטעל, אַז איך האָב אַמאָל געלאָזט אײַנ־
זעצן אַ מענטשן אין תּפֿיסה? דער דאָזיקער מענטש
איז געווען גריגאָרי וואַסיליעוויטש.

און אָט איז די מעשׂה, וואָס זי האָט מיר פֿאַר־
ציילט.

דאָס איז געשען בימים ההם, אין די אָנהייב־
פֿופֿציקער יאָרן. גריגאָרי וואַסיליעוויטש איז שוין
דאַן געווען אַ שכן אינעם צוזאַמענוווינונג: אַן
אָנשטענדיקער, אַרבעטזאַמער מענטש, אַ ביסל אַ

טשודאַק, נישט קיין באַריידעוודיקער, מיט אַ קענטלעכער שוואַכקײַט צום ביטערן טראָפּן, וואָס פּלעגט אים פֿונאַנדערבינדן דעם צונג און צע־וואַרעמען זײַן קול־נגינה. די באַציִונגען מיט אים זײַנען געווען גוט־שכנישע, אָבער ניט מער ווי העפֿלעכע: גוט־מאָרגן, גוט־יאָר...

איין מאָל אַ פֿאַרנאַכט, קומענדיק פֿון דער אַרבעט, באַגעגנט זשעניאַ אין קאָרידאָר גריגאָרי וואַסיליעוויטשן. ער פֿאַרנייגט זיך פֿאַר איר מיט אַ באַזונדער צערעמאָניעלער העפֿלעכקײַט און זאָגט, הויך אויפֿן קול:

— גוטן־אָוונט, סאַראָטשקאַ!...

זשעניאַ איז געבליבן אַ ווײַלע ווי פֿאַר־שטיינערט. ניט אַנדערש, זי האָט זיך טועה געווען.

— אַנטשולדיקט, האָט זי געפֿרעגט, וואָס האָט איר געזאָגט?!

גריגאָרי האָט געענטפֿערט פּאַמעלעך, אויס־ציִענדיק יעדעס וואָרט:

— איך האָב געזאָגט: גוטן־אָוונט, סאַ־ראָטשקאַ...

זשעניאַ האָט זיך שנעל באַהערשט.

— איר זײַנט שיכּור, גריגאָרי וואַסיליעוויטש. גייט שלאָפֿט זיך גוט אויס.

זי אַליין האָט די נאַכט קיין אויג ניט צוגעטאָן.

פֿון וועמען, ווי פֿון וועמען, אָבער פֿון גריגאָרי וואַסיליעוויטשן האָט זי אויף אַזוינס נישט געקאָנט זיך ריכטן. עטלעכע טעג האָבן זיי זיך ניט באַגעגנט און אָט, אין אַ פֿאַרנאַכט, ווידער דאָס זעלבע: גוטן־אָוונט, סאַראָטשקאַ...

זשעניאַ האָט זיך פֿאַרהאַלטן אַ ווײַלע און אָנגערופֿן זיך שטרענג:

— איך בעט אײַך, גריגאָרי וואַסילעוויטש, צו פֿאַרגעדענקען: מײַן נאָמען איז זשעניאַ מיכאַילאָוונאַ.

— חלילה, האָט ער געענטפֿערט זייער העפֿלעך, דאָס האָב איך ניט פֿאַרגעסן. נאָר איינס צום צווייטן האָט עס אַבסאָלוט נישט. „דיאַמאַט" האָט איר געלערנט? נו, אַוודאי געלערנט. אַ ברירה האָט איר געהאַט? קיינער האָט קיין ברירה ניט געהאַט. אָבער דיאַלעקטיש דענקען האָט איר זיך ניט אויסגעלערנט. אין אײַער פּאַספּאָרט איז אײַער נאָמען זיכער פֿאַרשריבן זשעניאַ און אײַער פֿאָטערס נאָמען — מיכאַיל. דאָס איז אָבער בלויז אייבערפֿלאַך, בלויז אויגנשיינלעכקײַט. אין תּוך, אין אײַער מהות, הייסט איר — סאַראָטשקאַ.

זשעניאַ האָט אים אַ ווײַלע אָנגעקוקט.

— גריגאָרי וואַסיליעוויטש, האָט זי רויִק געזאָגט, איך האָב ניט בדעה אײַך צו מוסרן. איך וויל

אײַך בלויז זאָגן: אײַער פּירונג וועט זיך ענדיקן שלעכט.

— שלעכט פֿאַר וועמען?

— זיכער נישט פֿאַר מיר. איך וואָרן אײַך נאָך אַ מאָל.

זשעניאַ האָט באַשלאָסן אים צו איגנאָרירן, ניט ענטפֿערן מער, ניט לייגן קיין אַכט — נישט אויף אים, נישט אויף זײַנע רייד. אָבער וואָס מער זי האָט אים איגנאָרירט, אַלץ מער איז אָט דער שטילער, צוריקגעהאַלטענער מענטש געוואָרן אָנגרײַפֿעריש, ממש ווי אַרײַנגעצויגן אין עפּעס אַן אַזאַרט־פֿאַרמעסט. ער האָט זי אָפּגעוואַרט, רק געזוכט אַ געלעגנהײַט איר וויי צו טאָן און תּמיד העפֿלעך, מיט אַ שמייכל. סוף כּל סוף איז איר די גאַנצע שפּיל מיאוס געוואָרן.

אין אַ געוויסן פֿרימאָרגן, ווען גריגאָרי האָט, ווי געוויינטלעך, זי באַגעגנט מיט „אַ גוטן־מאָרגן סאַראָטשקאַ, גוט געשלאָפֿן?.. געהאַט גוטע חלומות?״, האָט זשעניאַ זיך פֿאַרהאַלטן און געענטפֿערט, שמייכלענדיק:

— אַ דאַנק פֿאַרן פֿרעגן, גריגאָרי וואַסיליעוויטש. כ׳בין זייער גוט געשלאָפֿן און געהאַט אַ וווּנדערבאַרן חלום.

— אַזוי?! קען איך פֿרעגן וואָס פֿאַראַ חלום?

— זיכער. ס'האָט זיך מיר געחלומט, אַז איך האָב אײַך אָנגעקלאָגט אין געריכט און אַז איר זײַנט געוואָרן שטרענג באַשטראָפֿט.

גריגאָרי וואַסיליעוויטש האָט זיך פֿאַנאַנדער־געלאַכט.

— אינטערעסאַנט!.. זייער אינטערע־סאַנט!... שטרענג באַשטראָפֿט, זאָגט איר? וואָס — צום העכסטן שטאָפּל?!..

— דעם אורטייל האָב איך ניט גענוי דער־הערט.

— נו, אויב נאָר ניט צום העכסטן שטאָפּל, איז — נאַרישקײַט. מען וועט אויסרוען די אַלטע ביינער. אַגבֿ, איר גלייבט אין חלומות?

— ווי' אַ מאָל.

גריגאָרי וואַסיליעוויטש איז אַרויס אַ לאַכע־דיקער, אָבער גלײַך צוריקגעעפֿנט די טיר.

— פֿונדעסטוועגן, האָט ער פֿריילעך זיך אָפּגערופֿן, פֿאַר אַ סאָוועטישן מענטש און אַ מאַטע־מאַטיקער דערצו, פּאַסט ניט צו גלייבן אין חלומות. אַ גוטן טאָג, סאַראַטשקאַ!..

דעם זעלבן טאָג איז זשעניאַ אַוועק צום פּראָקוראַטור־אָפּטייל פֿון איר וווין־באַצירק און אָנגעקלאָגט גריגאָרי וואַסיליעוויטשן אין כולי־גאַניזם.

פֿאַרן געריכט איז ער דערשינען אַ דער־שראָקענער, אַ נעבעכדיקער. ער האָט קײן זאַך ניט געלײקנט, אָבער געהאַלטן אין אײן טענהן, אַז ער איז ניט אויסן געװען קײן שום בײז. פּשוט שפּאַס געטריבן... אַלע שפּאַסן אַזױ...

די ריכטערין האָט אויף אים אַ שטרענגן בליק געגעבן און געפֿרעגט שאַרף:

— װער — אַלע?!..

גריגאָרי װאַסילעװיטש האָט זיך אין גאַנצן פֿאַרלוירן און גענומען בעטן: ער איז אַן אינזשע־ניער... קײן מאָל ניט געװען געמשפּט...

די ריכטערין האָט געפֿרעגט:

— איז דער אָנגעקלאָגטער גרײט זיך צו אַנט־שולדיקן פֿאַר דער אָנקלאָגערין?

דער אָנגעקלאָגטער האָט אינעם פֿאַרשלאָג זיך אָנגעכאַפּט, װי אין אַ רעטונג־ברעט:

— נו, נאַטירלעך!.. פֿון גאַנצן האַרצן!..

— איז די אָנקלאָגערין מסכּים אָנצונעמען די אַנטשולדיקונג?

זשעניאַ האָט געענטפֿערט רויִק:

— קאַטעגאָריש נײן, בירגער ריכטערין. איך האָב צענדליקער מאָל בײַ אים זיך געבעטן, אים געװאָרנט. ער האָט פֿון מיר געחוזקט, מיך פֿאַר־פֿאָלגט, געהאַנדלט װי אַן אמתער כוליגאַן.

נאָך אַ קורצן ישוב, האָט די ריכטערין אַרויס־געטראָגן דעם אורטייל: פּופּצן טעג אַרעסט, אָן תּנאַי.

קיינער אין צוזאַמענוווינונג האָט ניט געזען, ווען און ווי גריגאָרי וואַסיליעוויטש איז געקומען צוריק פֿון אַרעסט־הויז. ער האָט זיך אַזוי ווי אַרײַנגעגליטשט אומבאַמערקט און תּיכּף זיך פֿאַר־שלאָסן בײַ זיך אויף העכער אַ מעת־לעת. פֿון זײַן צימער האָט אַ גאַנצן טאָג זיך געטראָגן — נישט קיין געזאַנג, ווי געוויינטלעך, בעת ער פֿלעגט זיך טרייסטן מיטן ביטערן טראָפּן — נאָר עפּעס אַ גע־ברומערײַ, אַ קרעכצערײַ, אָן אומפֿאַרשטענדלעכע מורמלעניש.

אויף צו מאָרגנס גלײַך אין דער פֿרי, האָט ער פּאַמעלעך געעפֿנט די טיר פֿון דער געמיינזאַמער קיך. דאָרט האָבן זיך געפֿונען כּמעט אַלע שכנים פֿון צוזאַמענוווינונג. ער האָט מיטן בליק אויפֿ־געזוכט זשעניאַן און מיט וואַקלדיקע טריט זיך דערנענטערט צו איר.

— זשעניאַ מיכאַילאָוונאַ, האָט ער אויס־געשריגן און גענומען זיך קלאַפּן אין ברוסט. זשעניאַ מיכאַילאָוונאַ, ווי בײַ גאָט דעם אַל־מעכטיקן בעט איך אײַך: זײַט מיר מוחל!.. איך בעט מחילה!.. אַלע זײַנען דאָ עדות!.. ווי בײַ

גאָט, דעם אײנציקן!..

ער האָט זיך שטאַרקער געקלאַפּט אין ברוסט און געמורמלט:

— דער ניט־גוטער האָט מיך באַוועלטיקט... די אומרײנע קראַפֿט... זאָגט, אַז איר זײַט מיר מוחל...

זשעניאַ, אַ דערשיטערטע, האָט קוים אַרויסגערעדט:

— נו, געוויס... געוויס בין איך אײַך מוחל...

ער האָט אַ ווײַלע זי אָנגעקוקט מיט אַ שטאַרקן בליק און איבערגעפֿרעגט:

— האַ?!..

זשעניאַ האָט איבערגעחזרט:

— איך בין אײַך מוחל, גריגאָרי וואַסיליעוויטש...

ער האָט נאָך אַ ווײַלע זי אָנגעקוקט שווײַגנדיק, פּלוצלונג זיך אויסגעדרייט און איז, אָן אײן וואָרט, אַרויס פֿון קיך.

פֿון דאַן אָן האָט גריגאָרי וואַסיליעוויטש גענומען אויסמײַדן די שכנים. ער פֿלעגט אַוועקגײן דער ערשטער און צוריקקומען דער לעצטער. באַגעגענדיק עמעצן, פֿלעגט ער אָפּווענדן דעם בליק און קוים זיך גריסן.

זשעניאַ האָט באַקומען מיטלײַד מיט אָט דעם איינזאַמען מענטשן. איין מאָל אין אָוונט האָט זי אים אָפּגעוואַרט און פֿאַרהאַלטן אין קאָרידאָר.

— גריגאָרי וואַסיליעוויטש, זאָגט דעם אמת: איר זײַט בייז אויף מיר?

ער האָט שטיל געענטפֿערט:

— ווי גאָט איז אײַך ליב, זשעניאַ מיכאַי־לאָוונאַ — איך אויף אײַך?! ווי קאָן עס גאָר אײַך אײַנפֿאַלן?!

— אויב אַזוי, האָט זשעניאַ געזאָגט, כאַפּט זיך אַרײַן אַמאָל, אַן אָוונט, גוט־שכניש, אויף אַ גלאָז טיי.

— איך וועל ניט שטערן? האָט גריגאָרי געענטפֿערט, אין פֿאַרלעגנהײַט.

— איר וועט קיינעם ניט שטערן, זײַט רויק. נו, וואָס, האָבן מיר אָפּגערעדט?

— אָפּגערעדט, האָט ער לסוף זיך באַשלאָסן. אַ דאַנק.

עטלעכע טעג שפּעטער איז גריגאָרי וואַסי־ליעוויטש אַרײַנגעקומען און האָט אַפֿילו מיטגע־בראַכט כּיבוד. דער שמועס איז צוערשט גע־גאַנגען אַ ביסל שווערלעך, אָבער בײַם טיי האָט מען זיך דערוואַרעמט. גריגאָרי האָט געהאַט ווידער זיך גענומען צו זײַנע וועלט־רײַזעס — אין

צימער — און זיך פֿאַרהאַלטן אין איטאַליע. ער האָט אָנגעהויבן דערציילן, מיט גרויס התלהבֿות,וועגן איטאַליענישן רענעסאַנס, וועגן מיקעל אַנדזשעלאָ, וועגן דזשיאָטאָ. ער האָט גע־רעדט אינטערעסאַנט. די קינדער האָבן ניט גע־קאָנט זיך אָפּרײַסן. גריגאָרי האָט געמוזט צואָגן ברענגען די פֿאָטאָ־אַלבאָמען, וואָס ער פֿאַרמאָגט זײַנס אייגנס.

ער האָט געהאַלטן וואָרט, איז געקומען אַ צווייטן מאָל, אַ דריטן. די קינדער האָבן אַרײַנ־גערופֿן דעם פֿאָטער, לאַזאַר דאַווידאָוויטשן. מען האָט צוזאַמען געטרונקען טיי. ביידע מענער זײַנען געווען פֿאַרברענטע שאַכמאַטיסטן. האָט מען גע־שפּילט אַ פּאַרטיע שאַך. איין מאָל, אַן אָוונט, האָט זיך פּלוצלונג צעבראָכן אַ שטיק מעבל. גריגאָרי האָט תּיכּף זיך אונטערגענומען עס צו פֿאַרריכטן. ער האָט געהאַט גאָלדענע הענט, ליב געהאַט צו מײַסטרעווען.

ביסלעכווײַז איז ער געוואָרן אַ הויזפֿרײַנד. נישט בלויז מיט זשעניאַן און די קינדער, נאָר אויך מיט לאַזאַר דאַווידאָוויטשן. מען פֿלעגט אַרויסגיין צוזאַמען, אין טעאַטער, אויף אַ קאָנצערט.

אין מאָמענטן פֿון השתּפּכות הנפֿש, האָט גרי־גאָרי וואַסיליעוויטש ניט איין מאָל אויסגעגאָסן

דאָס האַרץ פֿאַר זשעניאַן.

— ניט געהאַט קיין מזל אין לעבן, זשעניאַ מיכאַילאָוונאַ. ווען איך וואָלט באַגעגנט אַ פֿרוי מיט כאַראַקטער, אַט אַזאַ ווי איר, וואָלט איך ניט געוואַלגערט זיך אַליין, ווי אַן עלנטער הונט. כ׳וואָלט אויך דאָס פֿאַרשאָלטענע טרינקען פֿאַרוואָרפֿן, איך שווער אײַך.

זשעניאַ האָט אים געטרייסט:

— ס׳איז נאָך ניט צו שפּעט. מען קאָן קיין מאָל ניט וויסן, וואָס דאָס לעבן איז מסוגל צו ברענגען.

אַ צײַט שפּעטער, איז גריגאָרי וואַסיליעוויטש געוואָרן נאָך דרייסטער. אין אַן אָונט, ווען זיי זײַנען געוועזן אַליין אין צימער, האָט ער זיך אָנגערופֿן:

— זשעניאַ מיכאַילאָוונאַ, איך בעט אײַך, איר זאָלט פֿון מיר ניט חוזק מאַכן און אויך זיך ניט באַליידיקן, אָדער בייזערן אויף מיר. ביידע זײַנען מיר שוין נישט פֿון דער ערשטער יוגנט און ביידע פֿרײַע מענטשן. וואָס ליבע איז — ווייס איך ניט גענוי. דערפֿאַר אָבער ווייס איך זייער גוט, וואָס אַזוינס איז אמתע פֿרײַנדשאַפֿט. עס קאָן אויספֿילן אַ לעבן. ווילט זיך מיר אײַך מאַכן אַ פֿאַרשלאַג: לאָמיר גיין זיך פֿאַרשרײַבן. די קינדער וועלן מיר איבערלאָזן אין אַט דעם צימער. מיר וועלן

אַריבערגיין אין צימער פֿון לאַזאַר דאַווידאָוויטשן, אַ גרעסערן פֿון מײַנעם, און לאַזאַר דאַווידאָוויטש וועט אַריבערגיין אין מײַן צימער. דאָס אַלץ לאָזט זיך גלענצנדיק אײַנאָרדענען.

זשעניאַ האָט לאַנג געשוויגן און לסוף זיך אָפּגערופֿן שטיל:

— אַ דאַנק אײַך, גריגאָרי וואַסיליעוויטש. אַ דאַנק, פֿון גאַנצן האַרצן, פֿאַר אײַער פֿרײַנדשאַפֿט. וואָס שײַך דעם פֿאַרשרײַבן זיך, איז נישט אין גאַנצן ריכטיק, אַז איך בין אַ פֿרײַער מענטש. איך האָב נאָך יונגע קינדער צו דערציען, זיי נייטיקן זיך אין מיר און איך געהער צו זיי אין גאַנצן. ווייסט איר גאָר וואָס כ׳וועל אײַך פֿאָרלייגן? לאָמיר דערווײַל בלײַבן בײַם סטאַטוס־קוואָ און, אַ שטייגער, אין אַ יאָר צען אַרום — אויב איר וועט ניט האָבן געביטן אײַער מיינונג — וועלן מיר דעם פֿאָרשלאַג אײַערן אַרויפֿשטעלן אויפֿן טאָג־אָרדענונג. מיר׳ן דעם ענין באַטראַכטן אַלזײַטיק, גרינטלעך, דיאַלעקטיש, און אָפּשטימען און אָננעמען אַ באַשלוס אײַנשטימיק, ווי עס פֿירט זיך בײַ אונדז. מסכּים?

גריגאָרי האָט זי אָנגעקוקט אַ לאַנגע ווײַלע און צעשמייכלט זיך:

— מסכּים. מאָלאָדיעץ, זשעניאַ מיכאַילאָוונאַ!

זי האָט אים אויסגעשטרעקט אַ האַנט:
— אַנטשולדיקט — האָט זי איבערגעפֿרעגט
— זשעניאַ מיכאַילאָוונאַ, צי סאַראַטשקאַ?
ביידע האָבן זיך צעלאַכט.

* * *

איך בין אַרויס פֿון זשעניאַן שפּעט פֿאַרנאַכט. זי האָט מיך באַגלייט ביז דעם נאָענטסטן טראַ־לעיבוס.

כ'האָב אַגבֿ געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו איבערצייגן, אַז די השערה פֿון לאַזאַר דאַווי־דאָוויטשן — זשעניאַס ערשטער מאַן — וועגן האַלב־ליטער פֿינף־און־פֿערציקער, וואָס האָט נאָך צוגעפּעלט גריגאָרי וואַסיליעוויטשן צו פֿאַר־ענדיקן זיין פּראָיעקט, איז טאַקע געווען אַ ריכטי־קער.

איבערן גאַנצן קאָרידאָר פֿון צוזאַמענוווינונג האָט זיך געטראָגן גריגאָריס וואַרעמער באַריטאָן. ער האָט אַליין געזונגען דאָס ליד וועגן רחבֿותדיקן היימלאַנד און געחזרט מיט גרויס התלהבֿות:

איך קען ניט נאָך אַ לאַנד אַזאַ, מיין היימלאַנד,
ווו אָטעמען דער מענטש זאָל אַזוי פֿריי.

קאַפּיטל זיבן

דער ערשטער דורכברוך

אין צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פֿראַנצייזישער פּאַרטיי האָט מען מיך פֿאַרזיכערט, אַז די נסיעה קיין מאָסקווע איז בשום אופֿן ניט געווען קיין דורכפֿאַל. איך האָב זיך דערלויבט אין דעם צו ספֿקן, אָבער די חבֿרים האָבן זיך געהאַלטן בײַ זייערס, אין גאַנצן קאַטעגאָריש. די פֿראַגע איז נישט אַראָפּגענומען געוואָרן פֿון סדר־היום — האָבן זיי דערקלערט — מען וועט נאָך דיסקוטירן, געוויסע זאַכן וועלן נאָך ווערן אויפֿגעקלערט, ס׳איז בלויז אַ פֿראַגע פֿון צײַט. און שוין מיט אַ פֿאַרוווּרף צו מיר: ווּ איז מײַן געדולד, מײַן קאָמוניסטישער אויסדויער?!

איך בין זיך מודה, צו מײַן גרויסער חרפּה, אַז פּונקט די זעלבע שאלה האָב איך געשטעלט זיך אַליין, אַלץ אָפֿטער און אָפֿטער.

דערווײַל איז אונטערגעקומען אַ נײַער ענין, וואָס האָט מײַן אויסדויער נאָך מער פֿאַרמינערט און מײַן אומגעדולד נאָך מער פֿאַרשטאַרקט. דאָס

איז געוועזן דער ענין פֿון די יובֿל־פֿײַערונגען צום הונדערטסטן געבוירן־טאָג פֿון שלום־עליכמען.

אָנהייב פּופֿציקער יאָרן האָט די אַלוועלט־לעכע שלום־באַוועגונג אײַנגעפֿירט אַ מין טראַ־דיציע פֿון די אַזוי גערופֿענע „קולטור־יובֿלס". יעדעס יאָר פֿלעגט דער וועלט־ראַט פֿון אָט דער באַוועגונג אויסוויילן אַ פֿיר־פֿינף נעמען פֿון גרויסע קינסטלער אָדער וויסנשאַפֿטלער, צום קײַלעכיקן יובֿל פֿון זייער געבוירן־טאָג, אָדער יאָר־צײַט, און פֿאָרלייגן אַלע אירע לאַנד־אָפּטיילן צו פֿײַערן אָט דעם יובֿל געמיינזאַם, אין אַלוועלט־לעכן מאַסשטאַב.

אין דעצעמבער 1958, האָט דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פֿונעם וועלט־ראַט פֿון דער שלום־באַ־וועגונג באַשטימט, אויף זײַן זיצונג אין העלסינקי, צו פֿײַערן, אין די ראַמען פֿונעם „קולטור־יובֿל 1959" די צוויי עפּאָכע־מאַכנדיקע וויסנשאַפֿטלער, דעם ענגלענדער טשאַרלז דאַרווין און דעם פֿראַנ־צויז פּיער קיורי, דעם גרויסן דײַטשן מוזיקער געאָרג פֿרידריך הענדעל, דעם נאַציאָנאַלן שאָטלענדישן דיכטער ראָבערט בוירנס און דעם גרויסן ייִדישן הומאָריסט, דעם קלאַסיקער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור — שלום־עליכם.

די ידיעה האָט אַרויסגערופֿן אין דער גאַנצער

ייִדישער קולטור־וועלט אַן אומגעהייערן ענטו־זיאַזם. אַט איז, למשל, אַן אויסצוג פֿונעם לײַט־אַרטיקל, אויף דער שפּיגל־זײַט פֿונעם יאַנואַר־נומער 1959 „ייִדישע קולטור" אין ניו־יאָרק (אַן אַן אונטערשריפֿט, אָבער זיכער פֿון רעדאַקטאָר נחמן מײַזיל):

„מיר טרעטן אַרײַן איצט אין דעם פֿײַערלעכן יובֿל־יאָר פֿונעם הונדערטסטן געבוירן־יאָר פֿון אונדזער גרויסן, אומשטערבלעכן שלום־עליכם. מיר פֿילן זיך באַזונדערס גליקלעך און פֿריידיק, וואָס צוזאַמען מיט אונדז וועט די דאָזיקע דאַטע געפֿײַערט ווערן אויף אַ גרויסן וועלט־מאַסשטאַב. דאָס איז צום ערשטן מאָל אין אונדזער ייִדישער קולטור־געשיכטע, ווי אַ יום־טובֿ, וואָס איז פֿאַר־בונדן מיט אַ ייִדישן שרײַבער, זאָל זײַן אויך דער יום־טובֿ פֿון דער גאָרער וועלט, פֿון דער קולטו־רעלער מענטשהײַט. דער יום־טובֿ איז און דאַרף פֿאַרוואַנדלט ווערן אין איינער פֿון די וויכטיקסטע דעמאָנסטראַציעס פֿון און פֿאַר אונדזער ייִדישער שפּראַך, ייִדישער ליטעראַטור און ייִדישער קולטור".

אין פֿיל ייִדישע ישובֿים, גרעסערע און קלע־נערע, פֿון גאָר דער וועלט זײַנען געשאַפֿן גע־וואָרן יובֿל־קאָמיטעטן אויף צוצוגרייטן דאָס שלום־

עליכם־יאָר. עס זײַנען געוואָרן פֿאַרויסגעזען פֿײַערלעכע יובֿל־אַקאַדעמיעס, אויסשטעלונגען, טעאַטער־אויפֿפֿירונגען, שלום־עליכם־אויסגאַבעס וכדומה. די רעגירונג פֿון מדינת־ישׂראל האָט אַרויסגעלאָזן אַ ספּעציעלע שלום־עליכם־פּאָסט־מאַרקע. אויך דער „איקוף" אין ניו־יאָרק האָט אַרויסגעגעבן אַ יובֿל־מאַרקע. באַזונדערס אימפּאָ־זאַנט איז געווען דער פּראָגראַם פֿון די שלום־עליכם־פֿײַערונגען אין פּוילן: פֿילצאָליקע אַקאַ־דעמיעס, רעפֿעראַטן, ראַדיאָ־עמיסיעס, אַ ספּע־ציעלע אויפֿפֿירונג אין יידישן מלוכה־טעאַטער פֿון „שווער צו זײַן אַ ייד", אַ באַנד פֿון שלום־עליכמס געזאַמלטע ווערק אַרויסגעגעבן דורכן פֿאַרלאַג „יידיש בוך", ווי אויך אַ שלום־עליכם־מאָנאָ־גראַפֿיע.

אָבער אַבסאָלוט אויסטערליש און פּאַראַ־דאָקסאַל האָט דער ענין שלום־עליכם־פֿײַערונגען אויסגעזען אין ראַטנפֿאַרבאַנד. די סאָוועטישע פֿאַרשטייער אינעם וועלט־ראַט פֿון דער שלום־באַ־וועגונג האָבן אונטערגעשטיצט — און דווקא וואָרעם אונטערגעשטיצט — די שלום־עליכם־קאַנדידאַטור צום „קולטור־יובֿל 1959". אַגבֿ, נאָך פֿאַר דעם באַשלוס פֿון העלסינקי, זײַנען אין מאָסקווע שוין געהאַט געוואָרן אָנגעצייכנט פֿאַר־

שיידענע פּלענער, ווי אַזוי צו פֿײַערן דעם הונ־דערט־יאָריקן געבוירן־טאָג פֿון שלום־עליכמען. עס האָט געזאָלט דערשײַנען אַ נײַע אויפֿלאַגע פֿון זײַנע ווערק און אויך אַ יובֿל־פּאָסט־מאַרקע, וואָס איז טאַקע געוואָרן אַרויסגעלאָזט. אַלץ האָט אָבער געדאַרפֿט זײַן — אויף רוסיש. קיין איין ייִדישער אות האָט ניט געטאָרט זיך באַווײַזן בעת דעם שלום־עליכם־יאָר.

דאָס האָט, אין אַ געוויסן זין, געדאַרפֿט זײַן אַ מין אילוסטראַציע צו דער באַוווּסטער טעאָריע וועגן „בריטן אָקעאַן פֿון צוויי הונדערט מיליאָן לייענער". שלום־עליכם איז באמת געווען שטאַרק באַליבט בײַ אַלע פֿעלקער און פֿעלקערשאַפֿטן פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד. אָט דער גרויסער שרײַפֿטשטעלער האָט זוכה געווען — ער, אינדיווידועל גענומען — זיך „אַרײַנצוגיסן אין בריטן אָקעאַן", זײַן שפּראַך אָבער, די ליטעראַטור, וועמענס קרוין־נאָמען ער איז געווען, די נאַציאָנאַלע קולטור פֿון וועלכער ער האָט געצויגן זײַן קינסטלערישע יניקה, זײַנען פֿאַר־וועלקט געוואָרן און פֿאַרשווונדן.

ס'האָט זיך אַזוי אַרום פּאַראַדאָקסאַל באַקומען — טרויעריק פּאַראַדאָקסאַל — אַז די שלום־עליכם־פֿײַערונגען, אַנשטאָט צו זײַן „אַ דעמאָנ־סטראַציע פֿון און פֿאַר דער ייִדישער שפּראַך, דער

יידישער ליטעראַטור און דער יידישער קולטור״, זײַנען פּאַקטיש אין ראַטנפֿאַרבאַנד פֿאַרוואַנדלט געוואָרן, בכיוון אָדער נישט, אין אַ דעמאַנס־טראַציע קעגן דער יידישער שפּראַך, דער יידישער ליטעראַטור און קולטור.

מען האָט געמוזט רעאַגירן. אָבער ווי אַזוי? ס׳איז געווען בלויז איין וועג, איין־און־איינציקער, יעדנפֿאַלס פֿאַר מיר. האָב איך זיך ווידער גענומען צו מײַן אַלטן געווער — איך אַליין אָבער האָב שוין ניט געהאַט צו פֿיל אמונה אין אים — בכדי זיך צו ווענדן, ווידער און אָבער אַמאָל, צו דער פֿראַנ־צייזישער פאַרטיי.

דעם 16טן יאַנואַר 1959, האָב איך אָנגעשריבן טאָרעזן פֿאָלגנדיקן בריוו:

טײַערער חבֿר טאָרעז,

מײַן באַריכט וועגן דער נסיעה קיין ראַטנ־פֿאַרבאַנד, וואָס איך האָב דיר איבערגעשיקט דעם 6טן מאַי פֿון פֿאַריקן יאָר, האָב איך פֿאַרענדיקט מיט אַ פֿײַערלעכן רוף צו אונדזער פאַרטיי: עס איז נייטיק אַ ברידערלעכע אינטערווענץ בײַ דער סאָוועטישער קאָמוניסטישער פאַרטיי, אינעם עניין פֿון דער יידישער קולטור אין ראַטנפֿאַרבאַנד.

איך דערלויב זיך צו באַנײַען דעם דאָזיקן רוף און אַנטשולדיק זיך פֿאַרן כסדרדיקן צוריקקערן זיך

צום זעלבן ענין. איך בעט דיך נישט אָנצונעמען עס פֿאַר אַ מין קרענקלעכע אידעע־פֿיקס.

אויב עס איז הײַנט ברייט באַקאַנט, אַז די ייִדן־פֿראַגע אין ו־אָטנפֿאַרבאַנד האָט לאַנג שוין אויפֿגעהערט צו זײַן בלויז אַ סאָוועטישער ענין, וועט ניט זײַן איבעריק צו אונטערשטרײַכן, אַז זי איז לעצטנס געוואָרן אַ פֿאַקטאָר פֿון אינערלעך פּאָליטישן לעבן אויך בײַ אונדז אין פֿראַנקרײַך. ס'וועט גענוג זײַן צו ברענגען בלויז איין בײַשפּיל: בעת די לעצטע פּאַרלאַמענט־וואַלן, האָט אַ סאָציאַליסטישער קאַנדידאַט געשטעלט אַט דעם פּײַנלעכן ענין אין סאַמע צענטער פֿון זײַן גאַנצער וואַל־קאַמפּאַניע. עס איז אַגבֿ ניט דערלויבט צו פֿאַרמאַכן די אויגן אויף די פֿאַרלוסטן, אָפֿט שווערע, פֿון שטימען פֿאַר אונדזערע קאַנדידאַטן, אין פּאַריזער קוואַרטאַלן מיט אַ געדיכטער ייִדישער באַפֿעלקערונג, וועלכע האָט ביז איצט, פֿון דער באַפֿרײַונג אָן, אונדז תּמיד געשענקט איר צוטרוי.

אַט דער טרויעריקער ענין הערט ניט אויף, גלײַכצײַטיק, אָנצומאַכן אמתע חורבנות אין די רייען פֿון פֿיל ברידער־פּאַרטייען. ס'וועט ניט זײַן קיין גוזמא צו באַהויפּטן, אַז ער איז געווען, אויב ניט די דעצידירנדיקע סיבה, איז אָבער איינע פֿון

די הויפּט־סיבות פֿונעם קריזיס, וואָס האָט די לעצטע חדשים אויפֿגעטרייסלט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פֿון ענגלאַנד. און איך וועל בלויז דער־מאָנען פֿאַרבײַגייענדיק די פּעריאָדישע קריזיסן אין די קאָמפּאַרטייען פֿון די פֿאַראייניקטע שטאָטן און קאַנאַדע, לענדער מיט גרויסע ייִדישע ישובֿים.

פֿונעם מאָמענט פֿון צוריקקער פֿון אונדזער דעלעגאַציע פֿון מאָסקווע, ס'הייסט פֿון מערץ 1958, ביז הײַנט צו טאָג, האָט די לאַגע אויף דעם געביט לחלוטין זיך נישט געענדערט. דער אַנאַליז און די אויספֿירן פֿון מײַן באַריכט פֿון 6טן מאַי 1958 זײַנען אַזוי אַרום פֿאַרבליבן אין פֿולער קראַפֿט.

עטלעכע נײַע פֿאַקטן זײַנען אָבער צוגעקומען דורך דער צײַט און זיי מאַכן דעם ענין נאָך מער פּײַנלעך און מער פּאַראַדאָקסאַל.

דער ערשטער און וויכטיקסטער פֿון אָט די נײַע פֿאַקטן איז — די פּײַערונג, גאַר בקרובֿ, פֿונעם הונדערט־יאָריקן יובֿל פֿון גרויסן ייִדישן שריפֿט־שטעלער שלום־עליכם.

לויט דער איניציאַטיוו פֿון אונדזערע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, האָט דער וועלט־ראָט פֿון דער שלום־באַוועגונג באַשלאָסן, אויף זײַן לעצטער זיצונג אין העלסינקי, אין דעצעמבער 1958, צו פּײַערן, אין די ראַמען פֿון „קולטור־יובֿל 1959",

דעם הונדערט־יאָריקן יובֿל פֿון שלום־עליכם, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין רוסלאַנד, אין 1859. דער דאָזיקער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן מיטן פֿולן הסכּם פֿון די סאָוועטישע מיטגלידער פֿונעם וועלט־ראַט.

אין ראַטנפֿאַרבאַנד גופֿא און נאָך פֿאַרן באַשלוס פֿון העלסינקי — זײַנען אויסגעאַרבעט געוואָרן פֿאַרשיידענע פּראָיעקטן צו פֿײַערן דעם קלאַסיקער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, וועלכער איז גלײַכצײַטיק איינער פֿון די באַליבטסטע שרײַבער פֿון אַלע סאָוועטישע פֿעלקער. עס איז געווען אַ רייד וועגן אַ נײַער אויסגאַבע פֿון שלום־עליכמס ווערק, וועגן טעאַטער־אויפֿפֿירונגען פֿון זײַנע פּיעסן, וועגן אַרויסלאָזן אַ יובֿל־מאַרקע, וועגן אַן אויסשטעלונג אין דער לענין־ביבליאָטעק א. אַ. וו. קיין שום בוך אָבער דאַרף ניט דערשיינען און קיין שום פּיעסע ניט ווערן אויפֿגעפֿירט אין דער שפּראַך, אין וועלכער זיי זײַנען געוואָרן געשאַפֿן.

עס באַקומט זיך אַ פּאַראַדאָקס, וואָס גרענעצט מיט אַבסורד. די שלום־באַוועגונג באַערט, אין אַ וועלט־מאַסשטאַב, איינעם פֿון די גרינדער פֿון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור. דער ראַטנפֿאַרבאַנד, ווי אַ מלוכה, באַערט אים אויף אַן

אָפֿיציעלן אופֿן (אַ יובֿל־פֿאָסט־מאַרקע). אין דער צײַט אָבער ווען ספּעציעל־געגרינדעטע יובֿל־קאָמיטעטן, אויף אַלע פֿינף קאָנטינענטן, גרייטן זיך אַרויסצוגעבן ווערק פֿון גרויסן ייִדישן הומאָריסט — אויף ייִדיש, נאַטירלעך — אַפֿילו אין ייִדישע ישובֿים, וואָס ציילן קוים עטלעכע צענדליק טויזנט נפֿשות (ווי אין פּוילן למשל), איז פֿאַרבליבן איין־און־איינציק לאַנד אויף דער וועלט, דווקא דאָס לאַנד, וווּ דער שריפֿטשטעלער האָט דערזען די ליכטיקע שיין און וווּ עס לעבן הײַנט צו טאָג קרובֿ דרײַ מיליאָן ייִדן — איין־און־איינציק לאַנד, וווּ די שפּראַך פֿון שלום־עליכמען געפֿינט זיך נאָך אַלץ אין חרם.

דער דאָזיקער טראַגישער פּאַראַדאָקס וועט זיכער ווערן אויסגעניצט — ס'איז באמת אַ גלענצנדיקע געלעגנהײַט — דורך אַלע אַנטי־סאָוועטישע קרײַזן, הן ייִדישע, הן ניט־ייִדישע אין גאַר דער וועלט.

דער פּאַראַדאָקס איז נאָך גרעסער דערפֿאַר, וואָס די יובֿל־פֿײַערונגען פֿון שלום־עליכמען וואָלטן געקאָנט זײַן אַ גלענצנדיקע געלעגנהײַט, ממש אַן איין־און־איינציקע, צו פֿאַרגיטיקן אַ סך עוולות און פֿאַרהיילן אַ סך וווּנדן. מיט אַ ביסל גוטן ווילן און מיט זייער ווייניק אָנשטרענגונג,

וואָלט מעגלעך געווען, נישט בלויז צוצוגעבן מוט און גלויבן די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן אין גאַר דער וועלט, וואָס זײַנען פֿאַרבליבן פֿרײַנד פֿון ראַטנ־פֿאַרבאַנד, נאָר אויך צו באַווירקן און ענדערן די אײַנשטעלונג פֿון צאָלרײַכע ייִדישע און ניט־ייִדישע קרײַזן, וואָס זײַנען לעצטנס געוואָרן אַנטי־סאָוועטיש געשטימט.

איך גלייב, אַז אַלץ וואָלט געדאַרפֿט געטאָן ווערן פֿאַר אַזאַ מין לייזונג, אין הסכּם הן מיט די מלוכה־אינטערעסן פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד (וועגן וועלכע מען האָט אונדז אָפּט דערמאָנט אין מאָסקווע), הן מיטן פּשוטן שׂכל הישר".

* * *

עטלעכע טעג נאָך דעם, ווי איך האָב דעם בריוו אַוועקגעטראָגן, בין איך געוואָרן אַרויס־גערופֿן אין סעקרעטאַריאַט פֿון צענטראַל־קאָ־מיטעט. מען האָט מיך געבעטן גענויערע אינפֿאָר־מאַציעס וועגן שלום־עליכם־יובֿל. אין וועלכע לענ־דער זײַנען פֿאַראַן יובֿל־קאָמיטעטן? ווו וועלן דער־שיינען שלום־עליכם־אויסגאַבן — אין דער לאַנד־שפּראַך און אויף ייִדיש? ווען דאַרפֿן זיך אָנהייבן די יובֿל־פֿײַערונגען? איך האָב פֿאַרשטאַנען, צוליב וואָס די אינפֿאָרמאַציעס — גענוי פֿאָרנאָטירטע —

זײַנען נייטיק געווען, אָבער בין אַרויס פֿון צענ־טראַל־קאָמיטעט מיט אַ שווערן געמיט. איך האָב שוין מער ניט געהאָפֿט אויף דערפֿאָלג.

ס׳איז אָבער קוים אַריבער אַ חודש, ווי ס׳איז פּלוצלונג דערגאַנגען אַ ידיעה, וואָס האָט צו־ערשט אויסגעזען אומגלייבלעך — אַזוי אומדער־וואַרט איז זי שוין געווען. אין מאָסקווע איז סוף פֿעברואַר דערשינען אַ באַנד שלום־עליכם — אויף ייִדיש. דאָס ערשטע ייִדישע בוך, נאָך גאַנצע עלף יאָר חרם. דער ערשטער דורכברוך אינעם פֿראָנט פֿון שׂנאה, אָדער — אויב מען וויל — די ערשטע שוואַלב, וואָס ברענגט אַ בשׂורה וועגן נאָענטן פֿרי־לינג.

עטלעכע עקזעמפּלאַרן זײַנען אָנגעקומען, מיט לופֿט־פּאָסט, קיין פּאַריז. ציכטיק אַרויסגעגעבענע, געשמאַקפֿול, אין אַ פּראַכט־אײַנבונד. מען האָט זיך געשפּיגלט אין זיי. שיער־ניט געמאַכט אַ „שהחיינו" און געטרונקען לחיים. אַ טשיקאַווער דעטאַל האָט באַלד צוגעצויגן די אויפֿמערקזאַמקייט.

אין אַלע סאָוועטישע אויסגאַבעס — ביכער, זשורנאַלן וכדומה — זײַנען אויף דער לעצטער זײַט אָנגעגעבן, מיט פּעטיט־שריפֿט, אַ ריי טיפּאָ־גראַפֿישע אָנווײַזונגען: פֿאָרמאַט פֿון בוך, צאָל בויגנס, טיראַזש, פּרײַז א.אַ.וו. עס זײַנען אויך

אָנגעמערקט צוויי דאַטעס: די דאַטע פֿון אַרײַנ־געבן דעם מאַנוסקריפּט אין זאַץ און די דאַטע פֿון אונטערגעשריבענעם הסכּם (אָדער דערלויבעניש) אַרײַנצונעמען דעם אויסגעזעצטן טעקסט אין דרוק־מאַשין. אין פֿראַנקרײַך, ווי אין אַלע אַנדערע מערבֿ־לענדער, איז דער צײַט־אָפּשניט צווישן אָט די ביידע דאַטעס אָפּהענגיק פֿון ריין־טעכנישע טעמים: די צײַט פֿונעם אויסזעצן דעם מאַנוס־קריפּט און פֿונעם לייענען און פֿאַרריכטן די קאָרעקטורן. צי עס איז אַזוי אויך אין ראַטנפֿאַר־באַנד, בין איך שטאַרק מסופּק, מחמת אָט דער צײַט־אָפּשניט ענדערט זיך, פֿאַר אַ בוך פֿון זעלבן פֿאָרמאַט און דער זעלבער צאָל בויגנס, פֿון מחבר צו מחבר. דער מינימום איז אַ צוויי־דרײַ חדשים, דער מאַקסימום — אַ יאָר און מער. איך האָב דעם דאָזיקן דעטאַל קאָנטראָלירט אויף פֿיל צענדלי־קער סאָוועטישע אויסגאַבעס.

מיטן שלום־עליכם־באַנד איז אָבער געשען עפּעס אומגעווײנטלעכס. דער טעקסט איז אַרײַנגעגעבן געוואָרן אין זאַץ דעם 14טן פֿעב־רואַר 1959. קוים מיט אַ וואָך שפּעטער, דעם 21טן פֿעברואַר, איז געוואָרן אונטערגעשריבן דער הסכּם צו דרוקן און נאָך אַ וואָך שפּעטער, סוף פֿעברואַר, איז די אויפֿלאַגע, פֿון דרײַסיק טויזנט עקזעמ־

פּלאַרן, אין אַ פּראַכט־אײַנבונד, געווען גרייט שוין צום פֿאַרקויף. דאָס אַרויסגעבן דעם שלום־עליכם־באַנד, אַ בוך פֿון 375 זײַטן, האָט אַזוי אַרום גע־דויערט בסך הכּל בלויז צוויי וואָכן. צו אַזאַ רעקאָרד האָט, העכסט וואַרשיינלעך, ניט זוכה גע־ווען קיין שום אַנדער שרײַבער, פֿון קיין שום אַנדער פֿאָלק אין ראַטנפֿאַרבאַנד. דאָס איז בלי ספֿק געווען אַ גרויסער כּבֿוד, אָבער גלײַכצײַטיק אַ באַ־ווײַז, אַז דער באַשלוס אַרויסצוגעבן דעם באַנד אויסגעוויילטע ווערק אויף ייִדיש איז אַנגענומען געוואָרן אין דער לעצטער מינוט, אין דער לעצ־טער רגע. דאָס בוך איז אויסגעפֿאַרטיקט געוואָרן פּונקט צו דער אָפֿיציעלער דערעפֿענונג פֿונעם שלום־עליכם־יובֿל.

אויף דער פֿײַערלעכער דערעפֿענונג־אַקאַ־דעמיע, דעם 2טן מערץ 1959, אין באַרימטן מאָס־קווער קאָלאָנען־זאַל, אונטערן פֿאַרזיץ פֿון באָריס פּאָלעוואָי — אין נאָמען פֿון אַלסאָוועטישן שרײַ־בער־פֿאַרבאַנד, פֿון דער אַלוועלטלעכער שלום־באַוועגונג און פֿון אַלסאָוועטישן קולטור־מיניס־טעריום — זײַנען הונדערטער עקזעמפּלאַרן פֿונעם נײַ דערשינענעם ייִדישן שלום־עליכם־באַנד גע־וואָרן, אויפֿן אָרט, אויסגעפֿאַרקויפֿט, ריכטיקער — אויסגעכאַפּט. דאָס איז געווען ממש — אַ נס!

און באמת, נס גדול היה שם! אַ גרויסער נס איז געשען דאָרט, אין מאָסקווע. דער אַבסורד וואָלט געווען אַ צו פֿיל הימל שרײַענדיקער. די דרינגענדיקע אינטערווענץ פֿון דער פֿראַנצייזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, פֿון מאָריס טאָרעזן פּערזענלעך, האָט געבראַכט תּיכּפֿדיקע רעזולטאַטן.

איך האָב זיך אויף קיין פּרטים נישט נאָכגעפֿרעגט. מײַנע באַציִונגען מיט דער פּאַרטיי זײַנען גראָד דאַן געוואָרן אַ ביסל אָנגעשטרענגטע. פּונקט אין דער זעלבער צײַט, אין די זעלבע טעג ממש פֿון דער יובֿל־אינטערוועניץ, איז אויסגעבראָכן דער „סקאַנדאַל״ אַרום מײַן אַרטיקל „וועגן דער ייִדישער קולטור אין ראַטנפֿאַרבאַנד״. פֿון אַן אָנקלאָגער, בין איך פּלוצלונג פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָנגעקלאָגטן.

אין האַרבסט 1958, האָב איך, נאָך חדשים ספֿקות און וואַקלענישן, געהאַט אָנגעשריבן אַ לענגערן אַרטיקל „וועגן דער ייִדישער קולטור אין ראַטנפֿאַרבאַנד״, אַ מין אונטערשטע שורה פֿון מײַן נסיעה. דאָס איז געווען ווײַט ניט איינפֿאַך און ניט לײַכט. דערציילן אויספֿירלעך און ערלעך וועגן גאַנצן ענין איז געווען פֿאַרבונדן מיט קריטיק — זאָל זײַן פֿרײַנדלעכער, זאָל זײַן ברידערלעכער —

אָבער דאָך מיט קריטיק. אָבער אַרויסקומען מיט קריטישע באַמערקונגען לגבי „דעם לאַנד פֿון אָק־טאָבער" — און דאָס, נישט אין די אינערלעכע ראַמען פֿון דער פּאַרטיי, נאָר עפֿנטלעך — איז פֿאַר מיר אַליין געווען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט, אָפּגע־זען פֿון אַלע דערשיטערונגען און אַנטוישונגען, ערגעץ־ווו נאָך אַלץ געגרענעצט מיט חילול־השם.

פֿון דער צווייטער זײַט אָבער בין איך געווען איבערצײַגט, אַז די סאָוועטישע פּאָליטיק אין דער ייִדן־פֿראַגע איז מסוגל באַווירקט צו ווערן בלויז און אויסשליסלעך דורך אַ פֿרײַנדלעכער אינטער־ווענץ פֿונעם אַלוועלטלעכן „לינקס", ייִדישן און ניט־ייִדישן. דערצו איז אָבער קודם כּל נייטיק גע־ווען, אַז די לינקע געזעלשאַפֿטלעכקײַט זאָל ווערן אינפֿאָרמירט, אָביעקטיוו און אַלזײַטיק, וועגן גאַנצן פּראָבלעם. מײַן געזעלשאַפֿטלעכער חובֿ, מײַן מאָראַלישער חובֿ איז בכן באַשטאַנען — אַזוי האָב איך געגלויבט — אין ברענגען די דאָזיקע אינפֿאָר־מאַציע.

דער אַרטיקל האָט געזאָלט דערשיינען גלײַכ־צײַטיק אין ניו־יאָרקער איקוף־זשורנאַל „ייִדישע קולטור", מחמת זײַן אַלוועלטלעכן פֿאַרשפּרייט און אין „פּאַריזער צײַטשריפֿט", וואָס איז, הגם אַ לאָ־קאַלער זשורנאַל, געווען אונטערן קאָנטראָל פֿון

דער פּאַרטיי־קאָמיסיע און איך האָב אָנגעהערט צו זײַן רעדאַקציע־קאָלעגיע. דאָס פּאַרעפֿנטלעכן דעם אַרטיקל דווקא אין „פּאַריזער צײַטשריפֿט" איז געווען פֿאַר מיר פֿון באַזונדערער וויכטיקייט: מיר איז געגאַנגען אין אויפֿווײַזן, אַז בײַם גאַנצן יראת־הכּבֿוד פֿאַרן „לאַנד פֿון אָקטאָבער", איז די תּקופֿה פֿון בלינדן צוטרוי שוין פֿאַרבײַ, אַז ס'איז מעגלעך און דערלויבט, אַפֿילו פֿון קאָמוניסטישע פּאָזיציעס, צו זאָגן אַ וואָרט פֿון פֿרײַנדלעכער קריטיק וועגן ראַטנפֿאַרבאַנד, דעמאָלט ווען קריטיק איז נייטיק.

איך האָב זיך אָבער אָנגעשטויסן אויף אַ שאַרפֿער קעגנערשאַפֿט פֿון דער ייִדישער פּאַרטיי־קאָמיסיע, וואָס האָט דעם אַרטיקל פֿאַרבאָטן צו דרוקן. ס'איז אויסגעבראָכן אַ קאָנפֿליקט, וואָס האָט זיך געצויגן וואָכן און באַלד חדשים און זיך כּסדר פֿאַרשאַרפֿט. סוף כּל סוף איז דער אַרטיקל דערשינען בלויז אין „ייִדישע קולטור", אינעם נומער פֿון פֿעברואַר 1959, ס'הייסט ריכטיק ערבֿ דעם שלום־עליכם־יובֿל. איך בין אָנגעקלאָגט געוואָרן, פֿאַרן צענטראַל־קאָמיטעט, אין אַנטיסאָוועטישקײַט, אַנטיפּאַרטייִשקײַט, אין „אַרײַנשפּילן אין די הענט פֿון שונא", און נאָך אַנדערע ענלעכע פֿאַרברעכנס.

דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט געגעבן גע־
רעכט דער ייִדישער פּאַרטיי־קאָמיסיע, — אַנ־
דערש האָט עס אויך ניט געקאָנט זײַן — אָבער
האָט ניט צו שטאַרק דראַמאַטיזירט דעם גאַנצן
קאָנפֿליקט. איך בין געבליבן אין גוטע באַציִונגען
(אַ קליין ביסל אָפּגעקילטע) מיטן צענטראַל־
סעקרעטאַריאַט.

עס איז געשטאַנען אַ נײַע, אַן עיקרדיקע
פֿראַגע: צי האָט דער שלום־עליכם־באַנד אויף
ייִדיש פֿאַרגעשטעלט מיט זיך אַן איינמאַליקע דער־
שיינונג, אַן אויסנעמיקע אין אויסנעמיקע באַדינ־
גונגען, אָדער באמת אָט די שוואַלב, וואָס ברענגט
אַ פֿרילינג־בשׂורה, ס'הייסט אַ פּרינציפּיעלע ענדע־
רונג אין דער באַציִונג צום ייִדישן בוך און דער
ייִדישער ליטעראַטור. מען האָט מיך פֿאַרזיכערט,
קאַטעגאָריש, אַז יאָ, די ייִדישע פֿאַרלעגערישע
טעטיקײַט ווערט באַנײַט.

פֿון מאָסקווע, פֿון די ייִדישע שרײַבער, זײַנען
באַלד אָנגעקומען ידיעות, וואָס האָבן די אינפֿאָר־
מאַציעס באַשטעטיקט. עס זײַנען געגרייט געוואָרן
צום דרוק נאָך צוויי בענד אויף ייִדיש — אַ
מענדעלע־באַנד און אַ פּרץ־באַנד. נאָך אַנדערע
פֿאַרלאַג־פּלענער ווערן אויסגעאַרבעט. עס גרינדן
זיך ייִדישע דראַמאַטישע קרײַזן. די שטימונג איז

געוואָרן אַ מער הייטערע.

אין אַט דער נײַער, אויפֿגעהייטערטער אַטמאָספֿערע, זײַנען צו אונדז דערגאַנגען, אָנהויב 1960, די ערשטע ידיעות וועגן די אָפֿיציעלע רעזולטאַטן פֿון דער אַלסאָוועטישער פֿאָלקס־ציילונג פֿונעם 1טן יאַנואַר 1959. די דאָזיקע פֿאָלקסציילונג איז, אין אַ געוויסן זין, געווען אַן אויסנעמיקע. זי איז דורכגעפֿירט געוואָרן אויפֿן סמך פֿון בלויז דערקלערונגען: קיין שום פּאַס־פּאָרט, אָדער וועלכער ניט איז אַנדער אָפֿיציעלער דאָקומענט איז, ווי אַמאָל, בײַ קיינעם ניט גע־פֿאָדערט געוואָרן. יעדער בירגער האָט אַזוי אַרום געהאַט די מעגלעכקײַט אָנצוגעבן, לויטן אייגע־נעם אײַנזען און פֿאַרלאַנג, זײַן נאַציאָנאַליטעט, זײַן מוטערשפּראַך וכדומה.

בעת דער פֿאָלקסציילונג, האָבן 2.268.000 סאָוועטישע בירגער זיך דערקלערט פֿאַר ייִדן. נאָך אַלע סכּנות, רדיפֿות און דיסקרימינאַציעס, ווען עס איז נאָך פֿריש געווען אין זכּרון די פּראָוואָקאַציע פֿון „די מערדער אין ווײַסע כאַלאַטן״, האָט עס באַטייט אַן אַקט, נישט בלויז פֿון נאַציאָנאַלן באַ־וווסטזײַן, נאָר גלײַכצײַטיק פֿון ציווילן מוט. מען האָט משער געווען, אַז אַ געוויסע צאָל ייִדן, פֿון מינימום עטלעכע הונדערט טויזנט, האָבן זייער

ייִדישקייט אויסבאַהאַלטן דורכן אָנגעבן אַן אַנדער נאַציאָנאַליטעט.

אָבער נאָך מער ציווילן מוט האָט מען באַדאַרפט, בכדי אָנצוגעבן ייִדיש ווי די מוטער־שפּראַך; ייִדיש, וואָס איז במשך די גאַנצע צען יאָר געווען געהאַלטן אין חרם און וואָס קיין איינציקער ייִדישער אות איז פאַר די גאַנצע יאָרן (ביז צום 1טן יאַנואַר 1959) ניט געהאַט דערשינען. און דאָך האָבן 471.000 ייִדן, ס׳הייסט 20,8 פּראָצענט פון דער גאַנצער אָפיציעלער ייִדישער באַפעלקערונג, דערקלערט ייִדיש ווי זייער מוטערשפּראַך.

די ידיעה וועגן אַ כּמעט האַלב־מיליאָניקן, ייִדיש־ריידנדיקן ישובֿ אין ראַטנפאַרבאַנד — נאָך אַלע היטלער־שחיטות, נאָך אַלע מלחמה־פאַרלוסטן, נאָך אַלע שפּעטערדיקע רדיפות — האָט אויף דער גאַנצער ייִדישע געזעלשאַפטלעכקייט געמאַכט אַן אומגעוויינטלעכן רושם.

גלייכצייטיק איז געוואָרן באַקאַנט נאָך אַ פאַקט, פון ערשטראַנגיקן באַטייט: בעת אַלע אונדזערע באַגעגענישן אין מאָסקווע, האָבן די רוסישע (און ייִדיש־רוסישע) מיטשמועסערס אונדזערע באַמיט זיך דווקא אונדז צו איבערצייגן, אַז די ייִדישע באַפעלקערונג אין ראַטנפאַרבאַנד איז, צוליב דער מלחמה און דער עוואַקואַציע, געוואָרן אַזוי צע־

שפּליטערט איבערן ריזיקן לאַנד, אַז עס זײַנען פּראַקטיש פֿון איר פֿאַרבליבן — בלויז שפּליטערס.

די פֿאָלקסציילונג האָט אָבער פֿעסטגעשטעלט דווקא דאָס פֿאַרקערטע, די ייִדישע באַפֿעלקערונג איז טאַקע געוואָרן טראַגיש פֿאַרקלענערט, בעיקר אין די קליינע שטעטלעך, אָבער בדרך כלל, מיטן אויסנעם פֿון עטלעכע נײַע גרעסערע ישובֿים, האָט זי זיך אומגעקערט אין די פֿאַרמלחמהדיקע וווינערטער און זיך ווידער באַזעצט, אין קאָמפּאַקטע מאַסן, אין די גרויסע שטעט.

אַזוי, למשל, האָט די ייִדישע באַפֿעלקערונג זיך געציילט אין פֿיל הונדערטער טויזנטער אין מאָסקווע און לענינגראַד, אין הונדערטער טויזנטער אין קיעוו, מינסק, אָדעס א. אַנד, אין פֿופֿציק ביז הונדערט טויזנטער אין טשערנאָוויץ, קישינעוו, ווילניצע א. אַנד. אויך דער פּראָצענט פֿון ייִדיש־ריידער — אמת, בעיקר אין די ראַנד־געביטן פֿון לאַנד — איז געווען אַן אימפּאָזאַנטער: ייִדיש, ווי זייער מוטער־שפּראַך, האָבן אָנגעגעבן: אין טאַשקענט (נײַער ישובֿ) — 37 פּראָצענט ייִדן, אין קישינעוו — 43 פּראָצענט, אין ריגע — 48 פּראָצענט, אין ווילנע — 70 פּראָצענט און אין קאָוונע — 75 פּראָצענט.

די אַלע אָפֿיציעלע — און במילא אומ־

דיסקוטירבאַרע, אומאָפּפרעגלעכע — סטאַטיס־
טישע ידיעות האָבן באַוויזן, אַז דעם קלענסטן ספק,
אַז ס'איז נאָך פאַראַן פאַר וועמען „צו פירן אַ קאַמף
פאַר גערעכטיקייט״. די ספקות, די אָפּהענטיקייט
זײַנען פאַרשוווּנדן. מיט נײַעם ברען, האָב איך זיך
ווידער געוואָרפן אין שלאַכט, דאָס הייסט, זיך גע־
נומען... צו דער בריוו־שרײַבערײַ.

דעם 21טן פעברואַר 1960, האָב איך אַוועק־
געשיקט צו טאָרעזן פאָלגנדיקן בריוו:

„טײַערער חבֿר טאָרעז,

איך בעט דיך נישט נעמען מיר פאַר אומגוט,
וואָס איך בין געצוווּנגען, אין אַ מאָמענט, ווען אַזוי
פיל גורלדיקע פּראָבלעמען שטייען פאַר דער
פּאַרטיי, צו ווענדן זיך צו דיר, ווידער אַ מאָל, וועגן
ענין פון דער ייִדישער קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד.

עס זײַנען באַקאַנט געוואָרן נײַע פאַקטן, פון
ערשטראַנגיקער וויכטיקייט, וואָס ענדערן פול־
שטענדיק די גרונט־עלעמענטן פון פּראָבלעם: עס
האַנדלט זיך וועגן דער אַלסאָוועטישער פאָלקס־
ציילונג פון 1טן יאַנואַר 1959, וואָס אירע ערשטע,
אָפיציעלע רעזולטאַטן זײַנען נאָר־וואָס געוואָרן
פאַרעפנטלעכט.

אויף 2.268.000 סאָוועטישע בירגער, וואָס
האָבן דערקלערט, אַז זיי זײַנען פון ייִדישער נאַציאָ־

נאַליטעט, האָבן 20,8 פּראָצענט, ס׳הייסט 471.000 אָנגעגעבן ייִדיש ווי זייער מוטערשפּראַך.

וואָס נאָך פֿאַר אַ בעסערער באַווײַז, אַ מער אומאָפּפֿרעגלעכער און איבערצײַגנדיקער, האָט גע־קאָנט געבראַכט ווערן פֿאַר דער אַבסאָלוטער נייטיקייט דרינגענדיק און גרינדלעך צו ענדערן דעם ביז איצטיקן מצבֿ?!

שוין אין פֿעברואַר 1958, בעת מײַן אויפֿהאַלט אין מאָסקווע, אין דער דעלעגאַציע פֿונעם צענ־טראַל־קאָמיטעט פֿון אונדזער פּאַרטיי, זײַנען די אַרגומענטן פֿון די סאָוועטישע חבֿרים געווען ניט שטאַרק איבערצײַגעוודיק (איך האָב עס אונטער־געשטראָכן אין מײַן באַריכט פֿון 6טן מאַי 1959). פֿון דאַן אָן זײַנען אָט די אַלע אַרגומענטן געוואָרן פּשוט אָפּגעלייקנט דורך דער רעאַליטעט.

מען האָט אונדז געזאָגט אין מאָסקווע, אַז דאָס ניט־דערשײַנען פֿון ייִדישן בוך דערקלערט זיך, אין אַ גרויסער מאָס, מיט טעכנישע שוועריקײַטן, מחמת דער גאַנצער ייִדישער שריפֿט־זאַץ און די אײַנריכטונגען פֿון די ייִדישע פֿאַרלאַגן זײַנען צע־שטערט געוואָרן אין דער בעריאַ־תּקופֿה. אָבער אָט איז געלונגען, אין קנאַפּע צוויי וואָכן — אַן אַבסאָ־לוטע רעקאָרד־צײַט — אַרויסצוגעבן אין פֿעב־רואַר 1959, צום הונדערט־יאָריקן יובֿל פֿון שלום־

עליכם, אַ באַנד געקליבענע שריפֿטן פֿונעם דאָזיקן שריפֿטשטעלער.

מען האָט אונדז געזאָגט, אַז די ייִדישע ליטעראַטור האָט לאַנג שוין פֿאַרלוירן אַלע אירע לייענער און אַז קיינער נייטיקט זיך ניט מער אין קיין ייִדישן בוך. אָבער דער דאָזיקער שלום־עליכם־באַנד, אין אַ טיראַזש פֿון דרײַסיק טויזנט עקזעמפּלאַרן, איז געוואָרן אויספֿאַרקויפֿט במשך פֿון עטלעכע טעג.

מען האָט אונדז געזאָגט, אַז די ייִדישע קונסט אינטערעסירט העכסטנס בלויז דעם אַלטן דור. אָבער אָט האָבן מיר לעצטנס געזען אין פּאַריז גלענצנדיקע ייִדיש־סאָוועטישע קינסטלער, יונגע, טאַלאַנטפֿולע, וואָס זײַנען אויפֿגעטראָטן אין ווערק פֿון יונגע ייִדישע דיכטער, מיט מוזיק פֿון יונגע ייִדיש־סאָוועטישע קאָמפּאָזיטאָרן.

די לאַגע איז, אַזוי אַרום, געוואָרן נאָך מער פּאַראַדאָקסאַל, ווי געוועזן.

אויב דער שלום־עליכם־באַנד האָט, ווי עס ווײַזט זיך אַרויס, געהאַט אַזאַ אומגעהייערן דערפֿאָלג און עס זײַנען דערשינען נאָך צוויי אַנדערע בענד, מיטן זעלבן טיראַזש פֿון דרײַסיק טויזנט עקזעמפּלאַרן, פֿון צוויי אַנדערע קלאַסיקער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס לעבן שוין ניט

העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט, פֿאַרוואָס־זשע זאָל נאָך ווערן אויפֿגעהאַלטן דער חרם אויף דער שאַפֿערישער טעטיקייט פֿון זיבעציק הײַנטצײַטיקע ייִדיש־סאָוועטישע שרײַבער, וואָס האָבן נאָך אַלץ ניט קיין פֿאַרלאַג, קיין צײַטונג קיין זשורנאַל?

אויב די ייִדישע קלײנקונסט־פֿאָרשטעלונגען געניסן פֿון אַ כּסדר וואַקסנדיקן בײַפֿאַל און אַ ריי ייִדישע דראַמאַטישע קרײַזן טרעטן אויף אין פֿאַרשיידענע שטעט מיט גרויס הצלחה — און דאָס איז דאָך אַ בולטער באַווײַז פֿון שטרעבונג צו העכערע טעאַטראַלע פֿאָרמען — פֿאַרוואָס האַלט נאָך אַלץ אָן דער חרם אויפֿן ייִדישן טעאַטער?

אָט די אַלע פֿראַגעס שטעלן זיך איצט אויף אַ נײַעם אופֿן.

קיין שום באַדערפֿעניש, קיין שום נויטווענדיקײַט אין ייִדישער קולטור? אָבער אָט האָט אַ גענויער האַלב מיליאָן סאָוועטישער בירגער עס אָפּגעלייקנט קלאָר און דײַטלעך דעם 1טן יאַנואַר 1959 מיט דער דערקלערונג, אַז זייער מוטערשפּראַך איז ייִדיש, האָבן זיי, אין הסכּם מיט די פּרינציפּן פֿון דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע, געשטימט פֿאַר דער פֿולער און באַלדיקער ווידעראויפֿלעבונג פֿון דער ייִדישער קולטור אין ראַטנפֿאַרבאַנד.

די אַרגומענטן און טעאָריעס, וואָס די סאָוועטישע חבֿרים האָבן פֿאַר אונדז אַנטוויקלט מיט צוויי יאָר צוריק, זײַנען שוין אויך דאַן געווען פֿאַלש, אָבער האָבן לכל הפּחות נאָך פֿאַרמאָגט אַ געוויסע וואַרשיינלעכקײַט. איצט איז פֿון זיי ניט פֿאַרבליבן קיין סימן, קיין זכר.

עס איז אַבסאָלוט באַשיימפּערלעך, אַז די לאַגע איז רײַף געוואָרן פֿאַר אַן אמתער לייזונג, אַ פּרינציפּיעלער, מחמת עס וואָלט געווען ממש אַ באַליידיקונג פֿאַר דער סאָוועטישער אָנפֿירערשאַפֿט צו דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז אַ בפֿירוש אַבסורדאַלע סיטואַציע זאָל קאָנען אָנהאַלטן אין ראַטנפֿאַרבאַנד אָן אַ סוף, מיט די אַלע קאָנסעקווענצן, וואָס מיר קענען אַזוי גוט אויסער די סאָוועטישע גרענעצן.

עס דאַרף דעפֿיניטיוו און אויף תּמיד אָפּגעשלאָסן ווערן די תּקופֿה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די טראַגישע געשעענישן פֿון די בריא־יאָרן און איז נאָך נישט פֿאַרענדיקט ביז הײַנט צו טאָג. בלויז די פֿרײַע אויסווירקונג פֿון די געזעצן פֿון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפֿט וועט דאַרפֿן דעצידירן וועגן דער צוקונפֿט פֿון דער ייִדישער קולטור אין ראַטנפֿאַרבאַנד.

איך בעט די פּאַרטיי אויסצונוצן איר גאַנצן

אײַנפֿלוס און דיך פערזענלעך — אָנצווּווענדן דײַן אומגעהייערן פּרעסטיזש בײַ די סאָוועטישע חבֿרים, בכדי צו איבערצײַגן זיי אין דער נייטיקײַט אָנצונעמען ווי אַמשנעלסטן אַלע געהעריקע מאָס־מיטלען.

איך בין, נאַטירלעך, גרייט צו געבן דער פּאַרטיי אַלע צוגאָב־אינפֿאָרמאַציעס, וואָס וועלן אפֿשר נייטיק זײַן.

בײַגעלייגט, אַ קאָפּיע פֿון בריוו, וואָס איך שיק אַרויס דורך דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע אין פּאַריז צום ח׳ כרושטשאָוו".

מחמת יאָ, איך האָב בײַגעלייגט, פֿאַר טאָרעזן, אַ קאָפּיע פֿונעם בריוו, וואָס כ׳האָב גלײַכצײַטיק אַרויסגעשיקט צו כרושטשאָוון.

איך פּרוּוו, אין רעטראָספּעקט, אויפֿקלערן פֿאַר זיך אַליין אַט דאָס, וואָס זעט מיר איצט אויס משונה־ווילד, ממש אומגלייבלעך. אָבער ס׳איז פֿאָרט אַ פֿאַקט: דעם 19טן פֿעברואַר 1960 האָב איך אַוועקגעשיקט דעם זייער חשובֿן חבֿר ניקיטאַ סערגעיעוויטש כרושטשאָוו בכבֿודו ובֿעצמו אַ בריוו פֿון גאַנצע צען זײַטן מאַשין־שריפֿט.

איך האָב שוין דאַן געוווּסט וועגן כרוש־טשאָווס מעשׂים טובֿים אין אוקראַינע, ווו ער האָט זיך באַמיט אויף כּלערליי אופֿנים, גלײַך נאָך דער

מלחמה, נישט צו דערלאָזן די לעבן־געבליבענע עוואַקויִרטע ייִדישע משפחות זיך צוריקצוקערן אין זייערע אַלטע היימען. איך האָב געהאַט געלייענט דעם באַרימטן שמועס פֿון כרושטשאָוון מיט י. זאַלצבערגן, וואָס איז דאַן געווען אַ מיטגליד פֿון פּאָליטביוראָ פֿון דער קאַנאַדער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. כ׳האָב אַוודאי אויך געלייענט כרושטשאָווס אינטערוויו, אין פּאַריזער „פֿיגאַראָ״, מיטן פֿראַנצייזישן זשורנאַליסט סערזש גרוסאַר, אַן אינטערוויו פֿון וועלכן עס האָט געטראָגן אויף מײַלן־ווײַט מיט אַ געדיכטן, שטיקנדיקן ריח פֿון סאַמע פּרימיטיווסטן אַנטיסעמיטיזם.

און פֿונדעסטוועגן האָב איך פֿאָרט געהאַלטן פֿאַר צוועקמעסיק, פֿאַר נייטיק — מער נאָך, פֿאַר מײַן חובֿ! — צו ווענדן זיך צו כרושטשאָוון גופֿא, צום גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון דער אַלסאָוועטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, צום פֿאָרזיצער פֿון דער רעגירונג פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד, דאָס הייסט — צום פֿירער פֿונעם „לאַנד פֿון אָקטאָבער״. דאָס איז נאָך אַלץ געווען אָט דער כּישוף־שפּרונג, אָט דאָס צויבער־שטעקעלע, וואָס פֿאַרוואַנדלט דעם פּשוטסטן, דעם ביליקסטן בלײַ אין ריינסטן, אין בלענדנדיקסטן — און פֿאַרבלענדנדיקסטן — גאָלד.

די וויזיע פֿון „ראַטנפֿאַרבאַנד של מעלה״ איז נאָך פֿאַרט געווען פֿאַראַנקערט ערגעץ־ווו אין אונטערבאַוווּסטזײַן. צו דער דאָזיקער וויזיע אייגנטלעך האָט מען עס ניט אויפֿגעהערט צו אַפּעלירן, מיט אָט דער וויזיע האָט מען עס געפֿירט אומענדלעכע וויכּוחים, פֿאַררופֿן זיך אויף פּרינציפּן — אויף אירע אייגענע פּרינציפּן — אויף לאָגיק, אויף גערעכטיקײַט, אויף יושר. דאָס איז געווען אַן אויסטערלישע דערשײַנונג פֿון היסטאָרישן גליוועער, פֿון היסטאָרישער „דעפֿאַזירונג״, פֿון ניט באַמערקן די באַוועגונג פֿון צײַט און די ענדערונג פֿון תּקופֿה.

כרושטשאָוו איז נאַטירלעך ניט מער ווי שוים, וואָס פֿאַרשווינדט, ווי אַ שאָטן וואָס פֿאַרגייט. אָבער ס'איז פֿאַראַן „דאָס לאַנד פֿון אָקטאָבער״ און ס'איז אוממעגלעך, עס זאָל סוף כּל סוף נישט אָנערקענט ווערן די באַשײַמפּערלעכקײַט, די לאָגיק גופֿא. מען דאַרף נאָר געפֿינען די געהעריקע אַרגומענטן. אַפֿילו לעניִן האָט זיך געלאָזט איבערצײַגן דורך ריכטיקע אַרגומענטן. איך האָב משונהדיק־הייס געגלייבט אין כּח פֿון — אַרגומענטן.

אַזוי למשל האָב איך דווקא געוואָלט דערווײַזן דעם חבֿר ניקיטאַ סערגייעוויטשן, הן על־פּי

לעניניזם, הן על־פּי דעם פּשוטן שׂכל הישר, אַז:

„אויב די סאָוועטישע ליטע, מיט איר זייער באַשיידענער צאָל בירגער פֿון פּוילישער נאַציאָנאַליטעט, גיט אַרויס ביכער און צײַטונגען אויף פּויליש און האַלט אויס פּוילישע שולן, פֿאַרוואָס זשע זאָל עפּעס ענלעכס ניט געטאָן ווערן אין ר.ס.פ.ס.ר. (ראַטנרוסלאַנד), אין דער סאָוועטישער אוקראַינע און אין סאָוועטישן ווײַסרוסלאַנד, אויף ייִדיש, פֿאַר זייערע העכער צוויי מיליאָן בירגער פֿון ייִדישער נאַציאָנאַליטעט?״

אָדער אַזאַ באַהויפּטונג:

„די חבֿרים, וואָס זאָגן זיך אַרויס פֿאַרן אויפֿהאַלטן דעם סטאַטוס־קוואָ, מיט דער האָפֿענונג, אַז אָט דער קאָמפּליצירטער ענין וועט ווערן געלייזט אויטאָמאַטיש, ממש ביאָלאָגיש, מיטן פֿאַרשווינדן פֿון עלטערן דור, וועלכער איז באַזונדערס צוגעבונדן צו דער ייִדישער קולטור, אָט די חבֿרים באַגייען אַ שווערן, אַ געפֿערלעכן פֿעלער. מיר איז אומבאַקאַנט דער עלטער פֿון די אַלע, וואָס האָבן אָנגעגעבן ייִדיש, ווי זייער מוטערשפּראַך, אָבער עס איז אַבסאָלוט זיכער, אַז דאָס איגנאָרירן די רעכט, וואָס זײַנען גאַראַנטירט דורך דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע און שטאַמען פֿונעם סאַמע מהות פֿון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפֿט, איז

עלול אַרױסצורופֿן אַפֿילו בײַ די, װאָס רײדן נישט קײן ייִדיש, אַ געפֿיל פֿון טיפֿער פֿאַרביטערונג און פֿרוסטראַציע, װעמענס קאָנסעקװענצן זײַנען ממש אוממעגלעך פֿאָרױסצוזען".

קײן ענטפֿער אױף דעם בריװ האָב איך, נאַטירלעך, נישט באַקומען. איך האָב אַגבֿ אױף קײן ענטפֿער ניט געװאַרט. אומגעריכט אָבער איז אַ תשובֿה יאָ אָנגעקומען, אמת — נישט אױף דעם דאָזיקן בריװ, נאָר שױן אױף אַלע מײַנע פֿריער־דיקע בריװ, צוזאַמען גענומען, און גלײַכצײַטיק אױך אױף דער גאַנצער נסיעה קײן מאָסקװע, אַ תשובֿה אַ צופֿעליקע, אַן אומדירעקטע און — אַ העכסט אָריגינעלע.

אין חודש יוני 1959 איז אין איװורי, אַ פֿאָר־שטאָט פֿון פּאַריז, פֿאָרגעקומען דער 15טער קאָנ־גרעס פֿון דער פֿראַנצײזישער קאָמוניסטישער פּאַרטײ. לױטן אָנגענומענעם מנהג, זײַנען צום קאָנגרעס אײַנגעלאַדן געװאָרן, װי געסט, דעלע־גאַציעס פֿון אַלע „ברידער־פּאַרטײען". אין דער סאָװעטישער דעלעגאַציע, זײער אַ חשובֿער, האָט, צװישן אַנדערע, זיך געפֿונען באָריס פּאָנאָ־מאַריאָװ, פֿאַראַנטװאָרטלעכער פֿאַר די באַציִונגען מיט די אױסלענדישע קאָמוניסטישע פּאַרטײען.

אין קאָנגרעס־זאַל, צװישן די זשורנאַליסטן,

איז געווען אָנוועזנדיק איינער פֿון די דרײַ מיט־גלידער פֿון אונדזער דעלעגאַציע קיין מאָסקווע, מ. ווילנער. בעת אַן איבעררײַס, איז ווילנער צוגע־גאַנגען צו פּאָנאָמאַריאָוון, זיך באַגריסט מיט אים, דערמאָנט דעם צוזאַמענטרעף אין מאָסקווע, מיט קאַרגע אָנדערהאַלבן יאָר פֿריער, און אונדזער דיסקוסיע אין צענטראַל־קאָמיטעט, אונטער זײַן, פּאָנאָמאַריאָווס, פֿאָרזיץ.

פּאָנאָמאַריאָוו האָט תּיכּף וועגן אַלץ זיך דער־מאָנט, דערפֿרייט זיך מיט דער באַגעגעניש און, אַ ברייט צעשמייכלטער, זיך אָנגערופֿן:

— נו, וואָס, חבֿר?! איצט, האָף איך, זײַנט איר צופֿרידן?! מיר האָבן צו ליב געטאָן דעם חבֿר טאָרעז — איר האָט שוין אַ ייִדיש בוך, ס׳וועלן אין גיכן זײַן אַנדערע ביכער און נאָך, אַלץ וואָס איר האָט פֿאַרלאַנגט. איר זײַנט צופֿרידן, ניט אמת?

מ. ווילנער, אַ מבֿולבללער, האָט געענטפֿערט אַז — געוויס, מיר זײַנען צופֿרידן, זייער צו־פֿרידן . . .

און באמת, ווי אַזוי האָט מען געקאָנט זײַן נישט צופֿרידן, אויב די סאָוועטישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי, די סאָוועטישע רעגירונג האָבן סוף כּל סוף — צו ליב געטאָן דעם חבֿר טאָרעז?!..

אינטערמעצאָ־מעשׂה נומער דרײַ

דער „פּיעכאָטנער מגיד״ פֿון דער נײַער וועלט

מײַן יוגנט־חבֿר האָט געהייסן שמעון. ער איז געווען עלטער פֿאַר מיר מיט אַ יאָר צוויי־דרײַ און אפֿשר עפּעס מער.

די לעצטע ידיעה וועגן אים, אַן אומדירעקטע, איז צו מיר דערגאַנגען מיט עטלעכע יאָר צוריק. ער האָט דאַן געוווינט, שוין אַ לענגערע צײַט, אין איינער פֿון די גרויסע שטעט פֿון סיביר און איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ צאָלרײַכער משפּחה פֿון קינדער און קינדס־קינדער. איך האָף, אַז ער לעבט נאָך אַלץ דאָרטן, אין נחת און אין פֿריידן, וואָס איך ווינטש אים פֿון גאַנצן האַרצן, עד מאה ועשׂרים.

זײַן ערשטע פֿרוי איז געווען אַ ייִדישע. זי איז יונג געשטאָרבן. די צווייטע פֿרוי איז געווען שוין אַ רוסישע, צי אַן אוקראַינערין. איך האָב געהערט, אַז ער האָט געהאַט אַ דריטע פֿרוי, אָבער פֿון וואָס פֿאַר אַ אומה זי האָט געשטאַמט, ווייס איך ניט.

די נעמען פֿון זײַנע טעכטער זײַנען אויסגע־

ווײלט געוואָרן לויטן כּשרסטן רעוואָלוציאָנערן קאַלענדאַר, ווי אַ שטײגער מאַיאַ, אָקטיאַברינאַ וכּדומה. וואָס שײך זײַנע זין... נאָר איבעריקנס, דאָס אַלץ האָט אַ קלײנע שײַכות צו אונדזער אינטערמעצאָ־מעשׂה.

ובכן שמעון איז געווען מײַן יוגנט־חבֿר, מען קאָן זאָגן — מײַן בעסטער, מײַן אײנציקער יוגנט־חבֿר. מיר זײַנען געווען כּמעט שכנים, נישט פֿון הויז צו הויז, נאָר פֿון גאַס צו גאַס.

ער האָט געשטאַמט פֿון אַ משפּחה אבֿיונים ודלפֿנים. זײַן טאַטע איז געווען אַ שמש, צי אפֿשר גאָר אַן אונטער־שמש, אין עפּעס אַ שולכל און האָט פֿאַרדינט קוים וואַסער אויף קאַשע. די מאַמע איז יונג אַוועק פֿון דער וועלט. דער עלטערער ברודער, מיט אַ גלענצנדיקער באַס־שטימע, האָט געזונגען ווי אַ משורר אין דער שטאָטישער כאָרשול. מיט אַ פּאָר גראָשן פֿלעגט ער זיך זען זײער זעלטן. ער אַלײן, שמעון, האָט — אויב איך האָב קײן טעות נישט — עפּעס־וואָס צופֿאַרדינט, פֿון צײַט צו צײַט, ווי אַ שיק־ייִנגל אין די ייִדישע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראײנען. די אײנציקע שפּײַזערין פֿון דער משפּחה איז געווען די שוועסטער, אַ בילד־שײן, יונג מײדל, וואָס האָט געאַרבעט ווי אַ שנײַדערין.

פּונקט אַזוי אָרעם ווי אָט די משפּחה איז גע־

ווען אין מזומנים — שוין ניט ריידנדיק וועגן הײַזער־און־ברייזער — אַזוי רײַך איז זי געווען אין טאַלאַנט. דער עלטערער ברודער, דער משורר מיטן דונערנדיקן באַס, האָט זיך געשניטן אויף אַ קאַמפּאָזיטאָר. די שוועסטער, די בת־יחידה, איז גע־ווען אַ גלענצנדיקע שוישפּילערין, איינער פֿון די זײַלן, אויב ניט דער הויפּט־זײַל, פֿון דער ייִדישער אַמאַטאָרן־טרופּע, וועלכע האָט במשך פֿון די יאָרן פֿון דער דײַטשער אָקופּאַציע (בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, פֿאַרשטייט זיך) געשפּילט אין שטאָ־טישן טעאַטער צוויי־דרײַ מאָל אַ וואָך.

אָבער דער צום מערסטן טאַלאַנטירטער פֿון דער משפּחה — אין מײַנע אויגן, יעדנפֿאַלס — איז געווען מײַן חבֿר שמעון. ער האָט געשריבן פּלאַ־מיקע אַרטיקלען, געהאַלטן פֿײַערדיקע רעדעס, געווען אויסגעקאָכט אין פּאָליטיק און דערצו נאָך — אַ זינגער, אַ טענצער, אַ פֿריילעכער יונג, אַן ענטוזיאַסט, אַ פֿאַרליבטער אין מוזיק, אין טעאַטער און אויך שוין... אין מיידלשן מין.

בײַ אונדז אין שטאָטגאָרטן פֿלעגט, זומער צײַט, שפּילן יעדע וואָך אַ דײַטשער מיליטערישער אָרקעסטער, אונטער דער אָנפֿירונג אָפֿט מאָל פֿון באַקאַנטע דיריגענטן, מאָביליזירטע אין דער אַרמיי. דער אײַנטריט אין גאָרטן פֿלעגט דאַן זײַן אַ

געצאָלטער. אַזוי ווי ניט מײַן חבֿר שמעון און ניט איך האָבן אָבער ניט פֿאַרמאָגט קיין גראָשן בײַ דער נשמה, פֿלעגן מיר אָפּשטיין שעהן־לאַנג הינטער דעם פּלויט פֿון גאָרטן און אײַנזאַפּן, ווי שוואָמען, מיט אומגעוויינטלעכן חיות, די הימלישע קלאַנגען פֿון די דײַטשע בלאָז־אינסטרומענטן. דערנאָך, במשך פֿון אַלע טעג פֿון דער וואָך, ניט מיד ווערן צו זינגען און איבערזינגען די געהערטע מוזיק.

איך דאַרף צוגעבן, למען היסטאָרישן אמת, אַז איך האָב דאַן זייער ערנסט זיך געגרייט צו דער קאַריערע פֿון אַן אָפּערע־זינגער. מײַן חבֿר האָט מיך שטאַרק דערמוטיקט צו פֿאַרנעמען זיך אויפֿן דאָזיקן וועג.

דאָס האָט ער טאַקע, שמעון, גענומען די איניציאַטיוו צו גרינדן אַ געזעלשאַפֿט, וואָס האָט געהייסן: „פֿאַראיין פֿון יוגנט־ליבהאָבער דער קונסט". ער איז, נאַטירלעך, אויסגעוויילט געוואָרן פֿאַר פֿאָרזיצער פֿון פֿאַראיין. וואָס פֿאַר אַן אָפּי־ציעלן פּאָסטן איך האָב דאָרט פֿאַרנומען, געדענק איך ניט. זיכער איז אָבער, אַז איך בין געווען שמעונס נושׂא כּלים.

די „יוגנט־ליבהאָבער דער קונסט" האָבן אײַנגעאָרדנט טעאַטער־פֿאָרשטעלונגען — אַ באַזונדערס שטורעמדיקן דערפֿאָלג האָט געהאַט

„מכירת יוסף״ — פֿאַרפֿאַסט לעבעדיקע צײַ־
טונגען, געגאַנגען אויף קאָנצערטן וכדומה.

אין איינעם אַ העלן מיטוואָך פֿונעם יאָר 1918,
איז דער פֿאַרזיצער פֿון פֿאַראיין, ס׳הייסט מײַן חבֿר
שמעון, געקומען — נישט מיט קיין פֿאַרשלאַג, נאָר
מיט אַ פֿאַרטיקן באַשלוס — און געמאָלדן, אַז די
ביז דאַמאָלטיקע אויסגעווײלטע פֿאַרוואַלטונג מוז
תּיכּף ומיד פֿונאַנדערגעלאָזן ווערן און אויף איר
אָרט דאַרף באַשטימט ווערן אַ דיקטאַטור־קאָ־
מיסיע, ס׳קאָן זײַן פֿון די זעלבע מיטגלידער.

קיינער פֿון אונדז האָט בעת מעשׂה ניט פֿאַר־
שטאַנען דעם שׂכל פֿון דער דאָזיקער אויסטערלי־
שער איבערקערעניש. ערשט שפּעטער האָבן מיר
זיך געכאַפּט, אַז מײַן יוגנט־חבֿר האָט אויף אַזאַ
אופֿן אונדז מצרף געווען צו יענער גרויסער
וועלט־איבערקערעניש, וועלכע האָט זיך אָפּגע־
שפּילט נישט זייער ווײַט פֿון אונדזער געבוירן־
שטאָט. עס האָט זיך אָנגעהויבן די עפּאָפּייע פֿון
„קאָמסאָמאָל״ — פֿונעם „קאָמיוג״, ווי מיר האָבן
אים שפּעטער גערופֿן — ריכטיקער, פֿון ערבֿ־
קאָמסאָמאָל.

אין אָט דער עפּאָפּייע איז שמעונען ניט גע־
ווען באַשערט אָנטייל צו נעמען דירעקט. אין די
לעצטע חדשים פֿון דער מלחמה, איז די נויט בײַ זיי

אין הויז געוואָרן אַזוי גרויס, אַז ער האָט געמוזט אַוועקגיין אַרבעטן אויף דער אײַזנבאַן. דאָרט איז מיט אים, גלײַך די ערשטע וואָך, געשען אַן אומ־גליק־פֿאַרפֿאַל. ער איז אַרונטערגעפֿאַלן אונטער אַ קליין־וואַגאַן, וואָס האָט אים מוראדיק צעשעדיקט אַ פֿוס.

לאַנגע, לאַנגע חדשים איז ער אָפּגעלעגן אין שפּיטאָל, אָפּילו נישט בײַ אונדז אין שטאָט, נאָר אין אַ שכנותדיקן שטעטל, דאָרט ווו דאָס אומגליק איז געשען. דאָרטן איז ער שוין אויך פֿאַרבליבן אין יענע ברויזנדיקע וואָכן פֿונעם זומער 1920, ווען די רויטע אַרמיי האָט פֿאַרנומען אונדזער גאַנצע געגנט און מיטן ריזן־שריט זיך דערנענטערט צו וואַרשע.

דער באַפֿעל צו פֿאַרלאָזן תּיכּף די היימען און ציען קיין מזרח — צופֿוסנס, אין געאײַל און אין נאַכט־מאַרש — מיט דער אָפּטרעטנדיקער רויטער אַרמיי, איז פֿאַר אונדז, יונגע קאָמיוגיסטן, גע־קומען פּלוצלונג, אומגעריכט. מיר האָבן דעם טאָג צופּעליק זיך געפֿונען אויסערן שטאָט און אָפּילו ניט באַוויזן זיך געזעגענען מיט טאַטע־מאַמע.

אויף איינעם פֿון די פֿאַרבײַגייענדיקע באַן־קנופּן — איך געדענק ניט, צי אין גראָדנע, צי אין ווילנע — האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מײַן חבֿר

שמעון געפֿינט זיך אין אַן עוואַקואַציע־צוג, וואָס שטייט ניט ווײַט פֿון וואָקזאַל און דאַרף אַ ליאַדע רגע אָפּפֿאָרן קיין ראַטנפֿאַרבאַנד. איך האָב קוים־קוים באַוויזן זיך דערשלאָגן צום צוג, האָב אָפּגעפֿונען שמעונען און האַרציק מיט אים זיך צעזעגנט.

אַ האַלב יאָר שפּעטער בין איך צוריק געווען אין מײַן היימשטאָט, אַרײַנגעטאָן מיט לײַב־און־לעבן אין אַ נײַער, הייליקער אַרבעט: אויפֿשטעלן אַן אומלעגאַלן קאָמוניסטישן יוגנט־פֿאַרבאַנד. וועגן מײַן חבֿר שמעונען האָב איך ניט געהאַט קיין שום ידיעה.

פּלוצלונג, אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן, באַקום איך פֿון אים, דורך אַ געלעגנהײַט, אַ קורץ בריוועלע פֿון עטלעכע שורות. אייניקע פֿון זיי האָב איך פֿאַרגעדענקט אויף תּמיד. ער האָט געשריבן: „מײַן טײַערער חיים, איך האָב געהערט, אַז דו האַלטסט וואָרט. נו, זאָל דיר גאָט העלפֿן. און אויב גאָט וועט ניט העלפֿן, וועלן מיר העלפֿן״. דער „מיר״ — אונטערגעשטראָכן עטלעכע מאָל.

דאָס איז געווען אַ קאַפּוליע אַנצוהערעניש אויפֿן אָפּמאַך וועגן אויסטויש פֿון פּאָליטישע אַרעסטירטע, וואָס איז געהאַט געוואָרן אונטערגעשריבן צווישן ראַטנפֿאַרבאַנד און פּוילן: אַז

אויסטויש פֿון קאָמוניסטן, וועלכע האָבן זיך גע־פֿונען אין די פּוילישע תּפֿיסות, אויף פּוילישע גלחים און סתּם פֿאַרדעכטיקטע פּוילישע בירגער, פֿון די סאָוועטישע תּפֿיסות.

וועגן זיך גופֿא האָט שמעון געשריבן בלויז עטלעכע ווערטער: ער געפֿינט זיך אין אוק־ראַינע, איז געזונט און אַרבעט.

קורץ דערנאָך איז אָנגעקומען אַ צווייטער בריוו, שוין אַ מער אויספֿירלעכער. שמעון אַרבעט אין רעדאַקציע פֿון אַ ייִדישן זשורנאַל און צו זײַן גליק איז גאָר קיין גרענעץ ניטאָ. אמת, דאָס שטיקל ברויט פֿעלט אויס צו מאָל, אָבער קיין מאָל פֿעלט ניט אויס קיין געזאַנג און קיין פֿרייד. איין זאַך באַ־דויערט ער: וואָס איך, זײַן חבֿר, בין נישטאָ בײַ זײַן זײַט, בכדי צו קאָנען טיילן מיט אים די באַגײַס־טערונג פֿאַר אָט דער וווּנדערלעכער צײַט.

דער דריטער בריוו פֿון שמעונען האָט לאַנג אויף זיך געלאָזט וואַרטן, שיער־ניט אַ גאַנץ יאָר. אָבער דאָס איז געווען אַן אמתע פּאָעמע, אַ פּאָעמע וועגן ענטוזיאַזם, וועגן התפּעלות, וועגן דעם, אַז „מיר בויען אַ נײַע וועלט, אַ נײַעם מענטש, אַ נײַעם ייִד", וועגן דעם, אַז „די ייִדטוער", די „יעווסעקעס", וועלכע דער שׂונא רינגלט אַרום מיט אַזוי פֿיל האַס, זײַנען אין דער אמתן „גרויסע, גרויסע

ייִדן״ — נישט קיין שבת־יום־טובֿדיקע ייִדן (מחמת „דעם שבת האָבן מיר פֿאַרוואַנדלט אין אַ שאַבעס־ניק, אַ טאָג פֿון פֿרײַוויליקער, ענטוזיאַסטישער מי, און די אַלטע, פֿאַרשימלטע יום־טובֿים האָבן מיר געמאַכט צו נישט״), נאָר „גרויסע, גרויסע ייִדן פֿון אַלע טעג פֿון דער וואָך״.

ער, שמעון, פֿאָרט לעצטנס אַרום פֿון שטאָט צו שטאָט, פֿון שטעטל צו שטעטל, האַלט פֿײַער־דיקע דרשות און איז גליקלעך מיטן צונאָמען, וואָס מ׳האָט אים געגעבן: דער פּיעכאָטנער מגיד פֿון דער נײַער וועלט.

אונדזער קאָרעספּאָנדענץ האָט זיך באַלד איבערגעריסן. איך בין געוואָרן אַרעסטירט. מײַן חבֿרס ברכה אַז „גאָט זאָל מיר העלפֿן״, איז געווען אַ ברכה לבֿטלה.

קיין גרויסע טענות צום רבונו של עולם האָב איך, פֿאַרשטענדלעך, נישט געקאָנט האָבן. פֿאַר וואָס פֿאַר אַ מעשׂים טובֿים האָט ער עס מיך גע־דאַרפֿט נעמען אונטער זײַן שוץ, בעת מײַנע חבֿרים, די קאָמיוניסטן פֿון יענער זײַן גרענעץ, האָבן קעגן אים פֿאַרפֿירט אַ ווײַסטע מלחמה, וועלכע האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט פֿאַר קיין שום מיטלען?!

פֿונדעסטוועגן האָט דער גאַנצער ענין וועגן

גאָטס־הילף זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר וויניקער פּשוט, ווי עס קאָן אויבנאויפֿיק זיך אויסדאַכטן. קיין אָפֿי־ציעלע הילף איז טאַקע נישט געווען, והא־ראיה — איך בין אַרײַן אין תּפֿיסה אויף גאַנצע פֿיר יאָר. אומאָפֿיציעל אָבער האָט דער, וואָס לעבט אייביק, געטאָן וואַכן — און גוט וואַכן — און נישט דער־לאָזט, מען זאָל מיר „העלפֿן" פֿון יענער זײַט גרע־נעץ, מחמת אַלע „געהאָלפֿענע", אַלע „אויסגע־טוישטע" קאָמוניסטן זײַנען, ממש מיט איינצלנע אויסנאָמען, שפּעטער געוואָרן אומגעבראַכט, אָדער זײַנען אומגעקומען אין פֿאַרשיידענע לאַגערן. ניט אומזיסט שטייט געשריבן: אל רחום וחנון — אַפֿילו לגבי אידעאָלאָגישע קעגנער.

נאָך מײַן באַפֿרײַונג האָב איך פֿאַרלאָזן די היימשטאָט און באַלד אויך מדינת פּוילן. כ׳האָב זיך באַזעצט אין פֿראַנקרײַך. וועגן מײַן יוגנט־חבֿר איז מיר ניט געלונגען צו באַקומען קיין שום ידיעה. אַזוי זײַנען אַריבער יאָרן און פֿאַמעלעך, ביסלעכ־ווײַז איז שמעונס געשטאַלט געוואָרן אַלץ בלאַ־סער אין מײַן זיכּרון.

אַ צופֿאַל האָט אָבער דעם זיכּרון אָפּגע־פֿרישט. אין די מיטן־דרײַסיקער יאָרן איז קיין פּאַריז געקומען, און זיך דאָ באַזעצט, שמעונס שוועסטער, שוין אַ חתונה געהאַטע. פֿון איר און

פֿון איר מאַן — אויך אַ געוועזענער שוישפּילער פֿונעם זעלבן אַמאַטאָרן־טעאַטער — האָב איך זיך דערוווּסט שטוינענדיקע נײַעס וועגן מײַן חבֿר.

נאָך יאָרן לערנען און נאָכן פֿאַרענדיקן אַ הויך־שול, האָט שמעון פֿאַרלאָזן די ענגע „ייִדישע גאַס" און זיך געלאָזט צו די „ברייטע האָריזאָנטן". ער איז אַריבער אויפֿן דרך־המלך פֿון „אַלגע־מיינער אַרבעט", אָבער נישט פֿון ערשטער־בעסטער אַרבעט.

דער „גרויסער־גרויסער ייִד" איז געוואָרן אַ גרויסער־גרויסער־סאָוועטישער־מענטש, אַ באַ־קאַנטער זשורנאַליסט, מיטאַרבעטער פֿון דער „פּראַוודאַ" (צי „איזוועסטיאַ", איך געדענק ניט גענוי) און קאָרעספּאָנדענט פֿון דער צײַטונג אין אוקראַינע. דאָס איז געווען אַ העכסט פֿאַראַנט־וואָרטלעכער פּאָסטן, וואָס נישט יעדער איז ראוי — און אויך ניט זוכה — צו פֿאַרנעמען. אַזאַ מין פּאָסטן האָט געפֿאָדערט אומגעהייערן צוטרוי, וועלכער האָט געדאַרפֿט באַרעכטיקט ווערן מיט יעדער שורה, מיט יעדן אות, פֿיר־און־צוואַנציק שעה אין מעת־לעת.

איך האָב נאַטירלעך זיך דערפֿרייט מיט די גוטע נײַעס און געבעטן איבערשיקן שמעונען אַ גרוס. ער האָט גלײַך אָפּגעענטפֿערט, אין אַ בריוו

צו זײַן שוועסטער, מיט אַ צוריק־גרוס, אָבער אַנאָנים, פֿאַר זײַן יוגנט־חבֿר, אָן אַ נאָמען.

ווידער זײַנען יאָרן געפֿלויגן. ס׳איז אויסגעבראָכן די מלחמה. פֿראַנקרײַך איז געוואָרן אָקופּירט. איך האָב פֿאַרלאָזט פּאַריז, צוזאַמען מיט דער משפּחה. ווען מיר זײַנען צוריקגעקומען, האָב איך, נאָך לאַנגע חדשים, זיך דערוווּסט, אַז שמעונס שוועסטער איז געוואָרן דעפּאָרטירט קיין אוישוויץ. און איז דאָרט אומגעקומען. איר מאַן האָט געפּרוּווט זיך פֿאַרבינדן מיט שמעונען, געשריבן בריוו נאָך בריוו. לסוף איז געקומען אַ תּשובֿה, פֿון עטלעכע שורות: שמעון לעבט, איז געזונט, האָט געביטן זײַן וווינשטאָט און אָנגעגעבן זײַן נײַעם אַדרעס.

ביסלעכווײַז האָט צווישן ביידע שוואָגערס זיך אײַנגעשטעלט אַ רעגולערע קאָרעספּאָנדענץ. שמעון האָט זיך נאָכגעפֿרעגט אויף מיר. געבעטן מײַן אַדרעס. ווען זיך גופֿא געשריבן בלויז משפּחה־ידיעות. איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט: ער איז פֿון זײַן גדולה אַראָפּגענומען געוואָרן, פֿון דער זשורנאַליסטישער אַרבעט באַזײַטיקט, אָבער נישט געוועזן אַרעסטירט, נישט רעפּרעסירט, נאָר אַרויסגעשיקט אויף עפּעס אַ מינדערווערטיקן פּאָסטן אין אַ מינדערווערטיקער פּראָווינץ־שטאָט.

און פּלוצלונג, מיט יאָרן שפּעטער, שוין נאָך דער מעשׂה־דאָקטוירים, נאָך סטאַלינס טויט, באַקום איך אַ רעגיסטרירטן בריוו פֿון ראַטנפֿאַר־באַנד, פֿון מײַן חבֿר שמעון און — געשריבן אויף ייִדיש.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז שמעון האָט וועגן מיר געוווּסט אַ סך מער, ווי איך וועגן אים. ער איז געווען אינפֿאָרמירט וועגן מײַן געזעל־שאַפֿטלעכער טעטיקײַט, וועגן מײַן דראַמאַטורגי־שער אַרבעט, האָט דערמאָנט די אַלטע גוטע צײַטן און דעם „פֿאַראיין פֿון יוגנט־ליבהאָבער דער קונסט" און גערעדט מיט אַ סך הארציקײַט וועגן אונדזער לאַנגיאָריקער פֿרײַנדשאַפֿט.

וואָס שייך אים אַליין, האָט ער צוגעזאָגט גע־נויערע ידיעות אין קומענדיקן בריוו, געבעטן שרײַבן און געשווירן זיך, אַז ער וועט תּיכּף ענט־פֿערן.

ער האָט טאַקע געהאַלטן וואָרט. איך האָב קוים באַוויזן אָפּענטפֿערן אים אַ תּשובֿה, ווי עס איז גלײַך, עטלעכע וואָכן שפּעטער, אָנגעקומען אַ צווייטער בריוו און באַלד אַ דריטער. אַלץ לענגערע און לענגערע בריוו, געשריבן אויף געקעסטלטע בויגנס פֿון שול־העפֿטן. און אויסטערליש — וואָס לענגער די בריוו זײַנען געווען, אַלץ ווייניקער

אינטערעסאַנט זײַנען זיי געוואָרן.

ווו איז אַהינגעקומען מײַן יוגנט־חבֿר שמעון?!
ס'איז ניט געווען אים צו דערקענען! פֿאַרשוווּנדן די אַמאָליקע אוממיטלבאַרקײַט, די ספּאָנטאַניש־קײַט, דער הומאָר. איך האָב געהאַט פֿאַר די אויגן לאַנגע, הילצערנע אַרטיקלען, אין סקאַרבאָוון נוסח פֿון דער סאָוועטישער פּרעסע, נודנע פּאָליטישע איבערזיכטן, צוגעפּראַוועטע מיט מגידות (אוי, דער „פּיעכאָטנער מגיד!"). ער האָט געהאַלטן אין איין פֿאַרפֿירן מיט מיר ניט־געשטויגענע, ניט־געפֿלויגענע וויכּוחים, געשלאָגן זיך אין אָפֿענע טירן, רק באַמיט זיך צו איבערצײַגן, מיט אַן אַ שיער פּשטלעך, אין דער ריכטיקײַט — אָדער פֿאַלשקײַט — פֿון כּלערליי „ליניעס".

ס'איז געווען קלאָר ווי דער טאָג, אַז שמעון האָט אַ סך צײַט צו פֿאַרלירן. מיר אָבער האָט תּמיד אויסגעפֿעלט עטלעכע שעה צום מעת־לעת. וואָס לענגער שמעונס בריוו זײַנען געווען, אַלץ קירצער און זעלטענער זײַנען דעריבער געוואָרן מײַנע תּשובֿות. אונדזער קאָרעספּאָנדענץ האָט אָנגעהויבן ווערן אַלץ מער שלאַבערדיק, ביז זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אין גאַנצן.

דערווײַל איז אונטערגעקומען מײַן נסיעה קיין מאָסקווע און דערנאָך, אין פֿעברואַר 1959, מײַן

אַרטיקל „וועגן דער ייִדישער קולטור אין ראַטנ־פֿאַרבאַנד", אין ניו־יאָרקער „ייִדישער קולטור", וואָס האָט אַרויסגערופֿן אַזוי פֿיל וויכּוחים און בייז בלוט.

און ווידער, אומגעריכט, באַקום איך, עטלעכע חדשים שפּעטער, אַ רעגיסטרירטן בריוו פֿון מײַן יוגנט־חבֿר, ס'הייסט אייגנטלעך — נישט סתּם אַ בריוו, נאָר אַן אמתן באַשולדיקונג־אַקט, אַ צאָרנ־דיקן, פֿײַערדיקן באַשולדיקונג־אַקט.

דורך וועלכע וועגן דער ניו־יאָרקער איקוף־זשורנאַל — און בכלל די אויסלענדישע פּרעסע — איז דערגאַנגען צו שמעונען, איז פֿאַר מיר געבליבן אַ רעטעניש. אָבער אָפּגערופֿן האָט ער זיך תּיכּף.

רבונו של עולם, וואָס פֿאַר אַ שרעקלעכע פֿאַרברעכנס זײַנען אין באַשולדיקונג־אַקט ניט גע־וואָרן אויסגערעכנט! פֿאַרראַט, איבערלויף צום לאַ־גער פֿון שׂונא, נידערטרעכטיקע בילבולים אויפֿן לאַנד פֿון אָקטאָבער, וויסטער נאַציאָנאַליזם, שאָווי־ניזם און נאָך און נאָך. מיט איין וואָרט: אויב איך האָב געקאָנט אַזוי אומפֿאַרשעמט, אַזוי ציניש אויס־שטרייכן פֿונעם האַרצן און פֿון דער נשמה די אידעאַלן פֿון אונדזער ווײַטער יוגנט, פּונקט אַזוי פֿאַרשטרײַכט ער, שמעון, גרינטלעך און ענדגיל־

טיק, פֿון זײַן געדעכעניש די זכרונות וועגן אונ־
דזער אַמאָליקער פֿרײַנדשאַפֿט.

איך האָב, פֿאַרשטייט זיך, אויף דעם בריוו
נישט געענטפֿערט. וואָס האָב איך דען געקאָנט
ענטפֿערן? אַ פֿאַרדינטע שטראָף פֿאַר מײַן פֿאַר־
ברעכן — אַזוי האָב איך געדאַרפֿט דעם ענין אויפֿ־
נעמען. און דערמיט, פֿאַקטיש, האָט געזאָלט זיך
אויסלאָזן די מעשׂה וועגן דער פֿאַרענדיקטער
פֿרײַנדשאַפֿט מיט מײַן יוגנט־חבֿר, דעם „פּיעכאָט־
נעם מגיד פֿון דער נײַער וועלט".

אָבער אַזוי איז עס נישט געווען און די מעשׂה
האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט אַ צווייטער מעשׂה —
און מעשׂה שהיה כּך היה.

אין יאַנואַר 1960 איז אין פּאַריז דערעפֿנט גע־
וואָרן אַ גרויסע אויסשטעלונג לכּבֿוד דעם
הונדערטיאָריקן געבוירן־טאָג פֿון שלום־עליכם.
דעם געזעלשאַפֿטלעכן יובֿל־קאָמיטעט איז געהאָט
געלונגען צו קריגן פֿאַר דער אויסשטעלונג די לאָ־
קאַלן פֿון דער „אונעסקאָ" און דעם אָפֿיציעלן פּאַט־
ראָנאַזש פֿונעם פֿראַנצייזישן „אונעסקאָ"־אַפּטייל.
זייער אַ געראָטענע, הן אַרכיטעקטאָניש, הן לויטן
צונויפֿגעזאַמלטן מאַטעריאַל, האָט די אויס־
שטעלונג אַזוי אַרום באַקומען אַ כּמעט אָפֿיציעל־
מלוכהשן כאַראַקטער און געהאַט פֿיל דערפֿאָלג.

אויף דער אײַנלאַדונג פֿון יובֿל־קאָמיטעט, איז געקומען באַזוכן די אויסשטעלונג, אין נאָמען פֿון דער פֿראַנצײזישער קאָמוניסטישער פּאַרטײ, אײנער פֿון די עלטסטע און באַליבטסטע מיט־גלידער פֿון צענטראַל־קאָמיטעט, זשאַק דיוקלאָ. װי דער פֿאָרזיצער פֿון קאָמיטעט, האָב איך אױפֿגע־נומען דעם חשובֿן גאַסט, אים אַרומגעפֿירט צװישן די עקספּאָנאַטן און געגעבן אַלע נויטיקע אויפֿ־קלערונגען.

אַ ספּעציעל־געקומענער פּרעסע־פֿאָטאָגראַף האָט פֿאַראײביקט דעם באַזוך און עטלעכע טעג שפּעטער איז אַ פֿאָטאָ דערשינען אין פּאַריזער „הומאַניטע", צענטראַל־אָרגאַן פֿון דער פֿראַנ־צײזישער קאָמוניסטישער פּאַרטײ.

װעגן אָט דעם באַזוך האָב איך לאַנג שוין גע־האָט פֿאַרגעסן, די אויסשטעלונג גופֿא איז שוין לאַנג געװען געשלאָסן. און פּלוצלונג, אין אַ שײנעם, העלן פֿרימאָרגן, באַקום איך װידער אַ מאָל אַ בריװ פֿון שמעונען, װידער אַ פֿלאַם־פֿײַער־דיקן, אָבער דאָס מאָל — נישט פֿון צאָרן, נאָר פֿון התלהבֿות.

ס'איז הײַנט בײַ אים אײנער פֿון די גליק־לעכסטע טעג פֿון זײַן לעבן — שרײַבט מיר שמעון — ער האָט צוריקגעפֿונען דעם חבֿר פֿון זײַנע

יוגנט־יאָרן, צוריקגעפּונען האָנט בײַ האָנט מיטן גרויסן פּירער פון פּראָנצייזישן פּראָלעטאַריאַט.

ער בעט מיך ניט נעמען פאַר אומגוט די שאַרפע רייד, אפשר צו שאַרפע, פון זײַן לעצטן בריוו. איך קען דאָך אַוודאי דאָס ווערטל: וואָס מער מען האָט ליב, אַלץ האַרבער שטראָפט מען...

וואָס שייך מײַן אומגליקלעכן אַרטיקל (ער האָט בפירוש געשריבן: אומגליקלעכן), איז ער, שמעון, אפשר נישט אין אַלץ געווען גערעכט, אָבער זיכער אויך נישט אין אַלץ אומגערעכט.

איך קאָן אים טרויען אויפן וואָרט. ער, דער אַלטער „ייִדטוער", דער אַמאָליקער „פּיעכאָטנער מגיד פון דער נײַער וועלט", פאַרזיכערט מיך: די אַלטע וועלט איז פאַרשוווּנדן, עס איז אויפגעקומען טאַקע אַ נײַע וועלט, מיט נײַע צײַטן... און צוזאַמען מיט דער אַלטער וועלט, איז פאַרשוווּנדן אויך די ייִדישע קולטור... מען קאָן דאָ גאָרניט העלפן, גלייב מיר, חיים, איך פאַרזיכער דיך...

לייגט ער מיר פאָר: אַליין איבערלייענען, אָבער גוט, מײַן אייגענעם אַרטיקל, איין מאָל און אַ צווייטן מאָל, און אַליין מאַכן די געהעריקע אויטאָ־קריטיק.

און ער קלערט מיר אויף: אויטאָקריטיק איז

אײנע פֿון די העכסטע מדרגות פֿון קאָמו־ניסטישער מאָראַל, מען װאַרפֿט פֿון זיך אַראָפּ אַל־דאָס קלײנלעכס און צופֿעליקס, מען טוט זיך אױס פֿון יעדן פֿאַלשן שטאָלץ און יעדער פֿאַלשער חרפּה, מען פֿאַרטיפֿט זיך ביז דעם פֿאַרבאָרגנסטן אינערלעכן אמת, מען דערהױבט זיך איבער זיך גופֿא, אַלץ העכער און העכער, אױב ניט נאָר העכער...

לײגט ער מיר פֿאָר און בעט מיך און פֿאַר־שװערט מיך, אין נאָמען פֿון דער פֿרײַנדשאַפֿט פֿון אונדזערע יוגנט־יאָרן — אָנשרײַבן און אָפּדרוקן, אין זעלבן זשורנאַל טאַקע, אַן עפֿנטלעכע אױטאָ־קריטיק.

איך בין זיך מודה: אױך אױף דעם בריװ פֿון מײַן יוגנט־חבֿר האָב איך נישט געענטפֿערט.

און װאָס, באמת, װאָס האָב איך דען געקאָנט ענטפֿערן?..

קאַפּיטל אַכט

סוף פֿון דער שליחות

און ווידער זײַנען יאָרן פֿאַרלאָפֿן.

די קאָנפֿליקטן אינעווייניק, אין דער ייִדישער קאָמוניסטישער באַוועגונג האָבן כסדר אַלץ מער זיך פֿאַרטיפֿט און פֿאַרשאַרפֿט. איך בין געווען געצוווּנגען צו דערווײַטערן זיך פֿון אַקטיווער געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקײַט און האָב זיך אָפּגעגעבן, בעיקר, מיט מײַן ליטעראַרישער אַרבעט.

„די שליחות קיין מאָסקווע" האָב איך אָבער נישט אויפֿגעגעבן. זי איז געווען און איז פֿאַר מיר פֿאַרבליבן אַ שליחות אַ פּערזענלעכע, אַ מאָראַלישע; כ'וואָלט שיער־ניט געזאָגט: אַ לעבנס־שליחות.

צום סוף פֿון מײַן אַרטיקל „וועגן דער ייִדישער קולטור אין ראַטנפֿאַרבאַנד" — וואָס איז מיר, ניט איין מאָל, פֿאַרגעוואָרפֿן געוואָרן ווי אַ פֿאַרברעכן — האָב איך, פֿאַרבינדנדיק דעם גורל פֿון די

לינקע ייִדישע שרײַבער מיטן גורל פֿון דער ייִדי־
שער ליטעראַטור אין ראַטנפֿאַרבאַנד, געשריבן:

„אויב ס'איז אמת, אַז אונדזער גורל איז אָפּ־
הענגיק פֿון זייערן, איז אָבער אויך אמת, אַז זייער
גורל איז אָפּהענגיק פֿון אונדז. איך ווייס ניט, אויף
וויפֿל ער איז עס און אין וואָס פֿאַר אַ מאָס. אָבער
אַפֿילו אויב אונדזער ווילן און אונדזער טאָט זאָלן
ניט וועגן מער, ווי אַ זעמדעלע, קאָן עס אַמאָל זײַן
אָט דאָס זעמדעלע, וואָס איז מסוגל אַריבערציען די
שאָל פֿון דער וואָג. דאָס לייגט אויף אונדז אַרויף
אַן אַחריות, וואָס איז אומגעהייער".

די דאָזיקע אַחריות האָב איך געפֿילט אויף זיך
אומאויפֿהערלעך און דעריבער ניט אויפֿגעהערט
ווײַטער צו זוכן, כּסדר, אומדערמידלעך, מיט עק־
שנות, אָט דאָס ווונדער־זעמדעלע, וואָס זאָל
אפֿשר, אפֿשר . . .

אַ נײַער חבֿר פֿון צענטראַל־קאָמיטעט, מיט־
גליד פֿון סעקרעטאַריאַט, און וואָס איז שנעל גע־
וואָרן איינער פֿון די הויפּט־פֿירער פֿון דער
פּאַרטיי, האָט איבערגענומען די אַלגעמיינע השגחה
איבער דער ייִדישער פּראָבלעמאַטיק. איך האָב מיט
אים אײַנגעשטעלט אַ פּערמאַנענטן, פֿרײַנדלעכן
קאָנטאַקט.

די ידיעות פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד זײַנען ניט גע־

וועז קיין דערמוטיקנדיקע. אמת, זומער 1961 איז לסוף דערשינעז אַ זשורנאַל אויף ייִדיש, „סאָוועטיש היימלאַנד״, וואָס האָט אַנגענעם איבערראַשט מיט זײַן ניוואָ און קוואַליטעט. פֿון אַ צוויי־חדשים־שריפֿט, האָט ער, פֿון יאַנואַר 1965 אָן, געדאַרפֿט זיך פֿאַרוואַנדלען אין אַ חודש־זשורנאַל. דאָס איז זיכער געווען אַ גוטער סימן, אָבער ניט מער, ווי אַ סימן. די גרויסע פּלענער וועגן באַנייונג פֿון ייִדישן פֿאַרלאַג־וועזן זײַנען פֿאַרבליבן בלויז פּלענער. נאָך די דרײַ פֿאַרעפֿנטלעכע קלאַסיקער־בענד — שלום־עליכם, מענדעלע, פּרץ — איז דערשינען איין־און־איינציק בוך, אַ זאַמלבוך. דער פּראָיעקט וועגן ייִדיש טעאַטער איז בכלל ניט געוואָרן דערמאָנט. עפּעס האָט זיך ערגעץ־ווו פֿאַרהאַלטן, ערגעץ־ווו פֿאַרהאַקט.

באַלד איז די ייִדישע געזעלשאַפֿטלעכקייט געוואָרן אויפֿגעטרייסלט פֿון אַ ידיעה, וואָס האָט געקאָנט אויסזען לחלוטין אומדענקבאַר: אין ראַטנפֿאַרבאַנד איז דערשינען, צום ערשטן מאָל נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, אין אַן אָפֿיציעלן מלוכהשן פֿאַרלאַג, אַן אָפֿן אַנטיסעמיטיש בוך, וואָס האָט געשעפּט מיט פֿולע הויפֿנס פֿון די טרויעריקבאַרימטע „פּראָטאָקאָלן פֿון די זקני־ציון״: דאָס בוך „יודאַיזם אָן שמינקע״ פֿון טראָפֿים קיטשקאָ.

אין דער אײַנשטימיקער פּראָטעסט־כוואַליע פֿון דער ייִדישער פּרעסע אין גאַר דער וועלט — אויך פֿון דער קאָמוניסטישער — האָבן זיך אָנגע־שלאָסן אַ ריי וואָגיקע ניט־ייִדישע צײַטונגען און צווישן זיי, די פּאַריזער „הומאַניטע”, צענטראַל־אָר־גאַן פֿון דער פֿראַנצייזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

הגם די סאָוועטישע רעגירונג האָט, אין אַן אָפֿיציעלער דערקלערונג, פֿאַרזיכערט, אַז דאָס בוך פֿון קיטשקאָ איז דערשינען צוליב עפּעס אַ מיס־פֿאַרשטייעניש און ווערט אַרויסגעצויגן פֿון פֿאַר־קויף, איז געווען קלאָר, אַז וועגן קיין שום מיספֿאַרשטייעניש אָדער צופֿאַל האָט, באַזונדערס אין די סאָוועטישע באַדינגונגען, נישט געקאָנט זײַן קיין רייד.

אין חודש יולי 1964, איז פּלוצלונג, אויף אַ שיף־רײַזע קיין ראַטנפֿאַרבאַנד, געשטאָרבן מאָריס טאָרעז. בראש פֿון דער פֿראַנצייזישער קאָמו־ניסטישער פּאַרטיי איז געשטעלט געוואָרן דער שוין פֿריער דערווײלטער גענעראַל־סעקרעטאָר, וואַלדעק ראָשע.

אין חודש אָקטאָבער פֿונעם זעלבן יאָר, איז געוואָרן „באַפֿרײַט” פֿון אַלע זײַנע פּאַרטייִשע און מלוכהשע פֿונקציעס ניקיטאַ כרושטשאָוו. אויפֿן

פֿאָסטן פֿון גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון דער סאָוועטישער קאָמפּאַרטיי האָט אים פֿאַרטראָטן לעאָניד ברעזשניעוו, אויפֿן פֿאָסטן פֿון פּרעמיער־מיניסטער — אַלעקסיי קאָסיגין.

אַ נײַ בלאַט האָט זיך געעפֿנט אין דער געשיכטע פֿון דער נאָך־סטאַלין־תּקופֿה אין ראַטנפֿאַרבאַנד. ס׳האָט מיר אויסגעוויזן, אַז עס איז נייטיק צו שטעלן פֿאַר דער נײַער פֿירערשאַפֿט פֿונעם „לאַנד פֿון אָקטאָבער״ די פֿראַגע וועגן דער ייִדיש־סאָוועטישער קולטור, ווי איינע פֿון די עיקרדיקע אַספּעקטן פֿון דער ייִדן־פֿראַגע בכלל. ווי אַזוי עס צו טאָן? ווי תּמיד — דורך דער פּאַרטיי.

נאָך אַ לענגערן ייִשובֿ מיטן חבֿר פֿונעם סעקרעטאַריאַט פֿון צענטראַל־קאָמיטעט, האָב איך, דעם 9טן יאַנואַר 1965, איבערגעשיקט, דורך אים טאַקע, אַ נײַעם מעמאָראַנדום צו דער פּאַרטיי, מיט פֿאָלגנדיקן באַגלייטבריוו:

„מײַן טײַערער ל.

אויפֿן סמך פֿון אונדזער שמועס פֿון 15טן דעצעמבער 1964, דערלויב איך זיך דיר איבערצושיקן, בײַגעלייגט, מײַן מעמאָראַנדום צו דער פּאַרטיי.

צוליב די סיבות, אויף וועלכע איך האָב דיר

אַנגעוויזן, באַהאַנדל איך אין אָט דעם מעמאָ־ראַנדום בלויז איין אַספּעקט פֿון פּראָבלעם.

עס וואָלט זיכער געווען נייטיק, אַז די פּאַרטיי זאָל זײַן אינפֿאָרמירט, לכל הפּחות אין אַלגעמיינע שטריכן, וועגן די איבעריקע אַספּעקטן, וועלכע זײַנען נישט וויניקער, אויב ניט נאָך מער, וויכטיק.

איך בין גרייט צו געבן דעם סעקרעטאַריאַט — און דעם חבֿר וואַלדעק ראָשע פּערזענלעך, אויב ער וועט עס פֿאַרלאַנגען — אַלע נייטיקע צוגאָב־אויפֿקלערונגען וועגן אָט דעם ענין און באַזונדערס עטלעכע עיקרדיקע אינפֿאָרמאַציעס, וואָס עס האָט מיר געהאַט איבערגעגעבן דער חבֿר מאָריס טאָרעז."

און אָט איז דער טעקסט פֿון מעמאָראַנדום (מיט געוויסע קיצורים, בכדי אויסצומײַדן איבער־חזרונגען):

פּאַריז, דעם 9טן יאַנואַר 1965

צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פֿראַנצייזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי

ח׳ וואַלדעק ראָשע, גענעראַל־סעקרעטאַר.

טײַערע חבֿרים,

דערלויבט מיר, נאָך אַ מאָל, צו ווענדן זיך צו דער פּאַרטיי וועגן אַן אויסערגעוויינטלעך פֿײַנלעכן ענין, וואָס האָט צו איר בלויז אַן אומ־

דירעקטן שייכות: דער ענין וועגן דער יידן־פּראָגע אין ראַטנפאַרבאַנד.

כ׳בין מודה, אַז איך קער זיך אום צו אָט דער פּראָגע מיט אַ שווערן, מיט אַ צעווייטיקטן געמיט.

אָט דער, וואָס האָט אַמבעסטן, אין אונדזער פּאַרטיי, די פּראָגע געקענט; וואָס האָט זיך מיט איר אינטערעסירט גאַנץ באַזונדערס און כּסדר נאָכגע־פאָלגט איר אַנטוויקלונג: דער וואָס האָט זיך ניט געוואָקלט צו שטעלן אין קאָן זײַן אייגענעם פּרעס־טיזש, ווען ס׳איז נייטיק געווען — אונדזער טײַערער חבֿר מאָריס טאָרעז — איז מער נישטאָ צווישן אונדז. און דאָס גראָד אין אַ מאָמענט, ווען זײַן וואָרט און זײַן אויטאָריטעט וואָלטן אפֿשר, אין די נײַע באַדינגונגען, געקאָנט אַריבערצי׳ען די שאָל פֿון דער וואָג.

אַגבֿ, ס׳איז ניט לײַכט צו איבערוועלטיקן די אייגענע מוט־געפֿאַלנקײַט, ווען מען זעט זיך אַרום — און איך זע זיך טאָקע אַרום — אַז די ערשטע אינטערווענץ, וואָס איך האָב וועגן דאָזיקן ענין גע־מאַכט אין דער פּאַרטיי, איז דאַטירט פֿון 5טן פֿעב־רואַר 1955, דאָס הייסט כּמעט מיט גאַנצע צען יאָר צוריק.

צי מיינט עס, אַז במשך פֿון די צען יאָר האָט די לאַגע זיך גאָרניט געענדערט, אַז די פּראָבלעמען

זײַנען געבליבן פּונקט די זעלבע, װי געװען? באַ־
הױפּטן עס, װאָלט נאַטירלעך געװען אַן אומזין.

דער גײסט פֿון 20סטן, 21סטן און 22סטן
קאָנגרעס פֿון דער סאָװעטישער קאָמוניסטישער
פּאַרטײ האָט געלײגט אַ טיפֿן חותם אױפֿן גאַנצן
פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און גײַסטיקן לעבן פֿון
ראַטנפֿאַרבאַנד און ניט געקאָנט בלײַבן לחלוטין אַן
שפּורן אױך אױפֿן געביט פֿון דער ייִדן־פֿראַגע.
פּאַראַדאָקסאַל אָבער זעט עס אױס, װי אָט די
פֿראַגע װאָלט געװאָרן צום װײניקסטן באַװירקט
דורכן נײַעם גײַסט, אין דער צײַט, װען מען האָט
געקאָנט דערװאַרטן, דװקא מחמת די שרעקלעכע
עװלות פֿון דער פֿריערדיקער תּקופֿה, אַ זי זאָל באַ־
װירקט װערן צום שטאַרקסטן.

אין מײַן ערשטער אינטערװעניץ, פֿון 5טן פֿעב־
רואַר 1955, האָב איך באַרירט בלױז אײן אַספּעקט
פֿון פּראָבלעם — די ייִדישע קולטור אין ראַטנ־
פֿאַרבאַנד. אָבער שױן דעם 6טן מאַי 1958, אין מײַן
אױספֿירלעכן באַריכט װעגן באַזוך פֿון אונדזער
דעלעגאַציע אין מאָסקװע, האָב איך אָנגעװיזן אױף
דער אױסערגעװײנטלעכער קאָמפּליצירטקײַט פֿון
גאַנצן ענין, װאָס שטײַגט װײַט אַריבער די אײגנט־
לעכע גרענעצן פֿון קולטור־געביט. די גע־
שעענישן פֿון די לעצטע יאָרן, און גאָר באַזונדערס

די טרויעריק באַרימטע „ווערק" פֿון קיטשקאָ און מאַיאַצקי, זײַנען אַ בולטער באַווײַז, אַז די לאַגע האָט זיך נישט פֿאַרבעסערט, נאָר פֿאַרערגערט.

איך וועל אָבער אויך איצט זיך אָפּשטעלן בעיקר אויפֿן געביט פֿון קולטור — אין די ראַמען פֿון דער שליחות קיין מאָסקווע — אונטער־שטרײַכנדיק אָבער אויסדריקלעך, אַז דאָ גייט בלויז וועגן איין רינגעלע פֿון אַ גאַנצער קייט.

ווי זעט אויס, הײַנט צו טאָג, דער סך־הכּל פֿון ייִדישן קולטור־בוי אין ראַטנפֿאַרבאַנד, ס'הייסט, במשך פֿון די יאָרן נאָך דעם צוואַנציקסטן קאָנ־גרעס? מען קאָן באַהויפּטן, אַן דער קלענסטער גוזמא, אַז אָט דער סך־הכּל איז אַ ביז גאָר נעבעכ־דיקער.

אין פֿעברואַר 1959, אַ יאָר נאָכן באַזוך פֿון אונדזער דעלעגאַציע, איז, נאָך אַ לאַנגן טויט־שווײַגן פֿון גאַנצע עלף יאָר, דערשינען אין מאָסקווע — און מען דאַרף בפֿירוש דערמאָנען, אַ דאַנק דער ברידערלעכער, אָבער דרינגענדיקער אינטערווענץ פֿון אונדזער פּאַרטיי און פֿון מאָריס טאָרעז פּערזענלעך — אַ בוך אויף ייִדיש: אַ באַנד דערציילונגען פֿונעם קלאַסיקער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, שלום־עליכם, וועמענס הונדער־

טסטער געבוירן־טאָג עס איז דאַן געוואָרן גע־פֿײַערט אויף גאָר דער וועלט.

מיר האָבן מיט פֿרייד אויפֿגענומען די דאָזיקע געשעעניש, אין וועלכער מיר האָבן געזען, ערשטנס, אַ „רעהאַביליטאַציע" פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס איז געהאַט אַרײַנגעלייגט גע־וואָרן אין חרם און צווייטנס, אַן אָנזאָג פֿון ווידער־אויפֿלעבונג פֿון דער ייִדישער קולטור אין ראַטנ־פֿאַרבאַנד, אין איר גאַנצן פֿאַרנעם.

צום באַדויערן, האָבן אונדזערע האָפֿענונגען זיך נישט באַרעכטיקט.

פֿון פֿעברואַר 1959 ביז הײַנט זײַנען דער־שינען אין ראַטנפֿאַרבאַנד, אויסער דעם שלום־עליכם־באַנד, בלויז נאָך דרײַ ביכער אויף ייִדיש, דאָס הייסט, בסך הכּל פֿיר ביכער במשך פֿון קרובֿ זעקס יאָר.

אַן ענלעכע אַנטווישונג האָבן מיר געהאַט אויפֿן געביט פֿון טעאַטער. עס קומען ווײַטער פֿאָר קאָנ־צערטן און קליינקונסט־פֿאָרשטעלונגען, אָבער וועגן אַ באַשטענדיקן, פּראָפֿעסיאָנעלן טעאַטער, וואָס האָט, לויט דער דערקלערונג פֿונעם ערשטן סעקרעטאַר פֿון סאָוועטישן שרײַבער־פֿאַרבאַנד, נאָך אין חודש יולי 1956, געזאָלט אָט־אָט דער־עפֿנט ווערן, איז מער אַפֿילו קיין רייד נישטאָ.

איין וויכטיקע פּאָזיציע איז געוואָרן געשאַפֿן: אַ ליטעראַרישע צײַטשריפֿט, „סאָוועטיש היימ־לאַנד״, געגרינדעט אין יולי 1961, מיט אַ טיראַזש פֿון 25.000 עקזעמפּלאַרן — אַ באַטייטיק גרע־סערער ווי פֿאַר דער מלחמה — און וואָס דאַרף פֿאַרוואַנדלט ווערן, אין יאַנואַר 1965, פֿון אַ צוויי־חדשים־שריפֿט אין אַ חודש־זשורנאַל.

אָבער דאָס וואָס אַנטוישט און באַאומרויִקט נאָך מער, ווי די נעבעכדיקײַט פֿונעם סך־הכּל גופֿא, איז — אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן — דער פּאָליטישער און יורידישער סטאַטוס, ריכטי־קער: דאָס לגמרידיקע אויספֿעלן פֿון יעטוועדן סטאַטוס פֿאַרן יידישן קולטור־שאַפֿן אין ראַטנ־פֿאַרבאַנד.

מיר האָבן ניט פֿאַר זיך קיין שום פּרינ־ציפּיעלע באַזע, מיט קלאָר און דײַטלעך דעפֿי־נירטע רעכט; עס האַנדלט זיך גיכער וועגן טאָלע־ראַנץ, וועגן עמפּירישע מאָס־מיטלען, וועגן פּראַג־מאַטישע קאָנצעסיעס, וואָס ווערן געמאַכט בעיקר — און די סאָוועטישע פּאַרטיי־טוער פֿאַרבאַהאַלטן עס לחלוטין ניט — בכדי „צו ליב צו טאָן״ אויס־לענדישע חבֿרים.

דאָס, וואָס אַנטוישט און באַאומרויִקט, איז דער פֿאַקט, וואָס די אָפֿיציעלע סאָוועטישע שטעלונג

האָט, װײַזט אױס, לחלוטין זיך ניט געענדערט: די פֿולשטענדיקע װידעראױפֿלעבונג פֿון דער ייִדישער קולטור אַנטשפּרעכט ניט, לױט איר, קײן שום רעאַלער באַדערפֿעניש מחמת — און דאָס װערט פּראָקלאַמירט ממש װי אַן אַקסיאָמע — „עס עקסיסטירט ניט אין ראַטנפֿאַרבאַנד קײן ייִדן־פּראָגע״.

װי זעט אָבער אױס דער מצבֿ אין דער רעאַ־ליטעט?

איך װיל דערמאָנען, אַז אין פֿעברואַר 1958, בעתן אױפֿהאַלט פֿון אונדזער דעלעגאַציע אין מאָסקװע, איז די װירקלעכקײַט פֿאַקטיש געװען פֿאַר אונדז אומבאַקאַנט. די לעצטע סאָװעטישע פֿאָלקסצײלונג איז געהאַט פֿאַרגעקומען אין 1939. אַלע אירע צאָלן און אינפֿאָרמאַציעס, גאָר באַ־זונדערס בנוגע דער ייִדישער באַפֿעלקערונג, האָבן פֿאַרלױרן זײער װערט אין דעם מלחמה־קאַטאַק־ליזם. אונדזערע דיסקוסיעס מיט די סאָװעטישע חבֿרים האָבן זיך געשטיצט בעיקר, בײַ בײדע צדדים, אױף השערות און דעדוקציעס, אָבער נישט אױף ציפֿערן.

דער סאָװעטישער צד האָט אַרױסגעשטעלט דרײַ הױפּט־אַרגומענטן:

1) װי אַ רעזולטאַט פֿונעם נאַטירלעכן אַסימי־

לאַציע־פּראָצעס, פֿון איין זײַט, און פֿון די נאַצי־שחיטות, פֿון דער צווייטער זײַט, איז די צאָל יידיש־ריידער אין ראַטנפֿאַרבאַנד געוואָרן אַזוי אויסערגעוויינטלעך פֿאַרקלענערט, אַז זי קאָן פּאַק־טיש ניט גענומען ווערן אין חשבון;

2) דאָס ביסל ייִדן, וואָס ריידן נאָך ייִדיש, גע־הערן אַלע צום אַלטן דור, וועלכער איז פֿול מיט פֿאָראורטיילן און מיט נאָסטאַלגיע צום עבֿר. זייער מענטאַליטעט איז לחלוטין פֿרעמד דער ווײַט־גרעסטער מערהײַט פֿון סאָוועטישן ייִדנטום;

3) די טעריטאָריעלע פֿאַרטיילונג פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג האָט, אין די מלחמה־יאָרן, זיך אומגעהייער פֿאַרענדערט. די סאָוועטישע ייִדן פֿון אוקראַינע, ווײַסרוסלאַנד און מערבֿ־רוסלאַנד, וואָס האָבן באַוויזן זיך צו עוואַקויִרן, זײַנען צע־שפּרייט געוואָרן איבערן גאַנצן ראַטנפֿאַרבאַנד. די אַלטע ייִדישע ישובֿים פֿון פֿאַר 1941 עקסיסטירן פּאַקטיש ניט מער. דערפֿון איז געדרונגען, אַז דער פּראָבלעם פֿון אינטעגראַציע פֿון די בירגער פֿון ייִדישער נאַציאָנאַליטעט אין דער אַרומיקער באַפֿעלקערונג, ווי אויך דער פּראָבלעם פֿון די קולטור־באַדערפֿענישן אין ייִדיש — אויב אַזעלכע זײַנען אַפֿילו נאָך פֿאַראַנען — שטעלן זיך איצט אין לחלוטין נײַע באַדינגונגען.

וועגן דער באַגרינדעטקייַט פֿון די דאָזיקע אַרגו־מענטן (אָדער פֿון אונדזערע קעגן־אַרגומענטן) האָבן געקאָנט אַנטשיידן — בלויז די פֿאַקטן. און זיי האָבן טאַקע, די פֿאַקטן, באַלד אַרויסגעטראָגן זייער קלאָרן, בלי־ספֿקדיקן באַשייד, מיט דער סאָוועטישער פֿאָלקסציילונג פֿון 15טן יאַנואַר 1959.

בעת דער דאָזיקער פֿאָלקסציילונג, האָבן 2.268.000 סאָוועטישע בירגער דערקלערט, אַז זיי זײַנען פֿון ייִדישער נאַציאָנאַליטעט און 471.000 צווישן זיי (ס׳הייסט 20,8 פּראָצענט) האָבן אָנגע־געבן ייִדיש, ווי זייער מוטערשפּראַך.

בכדי אָפּצושאַצן דעם גאַנצן באַטייט פֿון די דאָזיקע ציפֿערן, איז נייטיק צו נעמען אין באַ־טראַכט דעם פֿולן היסטאָרישן קאָנטעקסט פֿון דער פֿאָלקסציילונג.

אין יאַנואַר 1959, האָבן די טראַגישע יאָרן פֿון פּערזאָנען־קולט געהערט שוין אמת צו דער פֿאַר־גאַנגענהייַט, אָבער די שפּורן פֿונעם בלוטיקן טעראָר זײַנען נאָך געווען פֿריש, די דערשיטערונג האָט נאָך געוואָרצלט אין גאַנצן ווען.

אַגבֿ, די אומזיכערקייַט, דער פּחד האָבן גע־פֿונען זייער באַרעכטיקונג אינעם פֿאַקטישן חרם, וואָס איז נאָך אַלץ געווען קעגן ייִדיש. מען דאַרף זיך דערמאָנען, אַז במשך פֿון איבער צען יאָר איז

קיין איין איינציק בוך, קיין איין איינציקע צײַט־שריפֿט ניט דערשינען אויף דער דאָזיקער שפּראַך אין גאַנצן ראַטנפֿאַרבאַנד. כּמעט אַלע ייִדישע ביבליאָטעקן זײַנען געוואָרן געשלאָסן. יעדע דער־מאָנונג וועגן ייִדיש איז פֿאַרשוווּנדן פֿון די אָפֿי־ציעלע אויסגאַבן. ס׳קאָן אַוודאי אויסזען אויס־טערליש, אָבער ס׳איז אַ פֿאַקט: די שפּראַך איז ווירקלעך אַזוי ווי געשטעלט געוואָרן אויסערן געזעץ.

אין אַזאַ מין שווער־אָנגעלאָדענער אַטמאָס־פֿערע דאַרף בלויז דאָס אָנגעבן ייִדיש ווי אַ מוטער־שפּראַך באַטראַכט ווערן, נישט ווי אַ פּשוטע סטאַ־טיסטישע אינפֿאָרמאַציע, נאָר ווי אַ פּאָליטישער אַקט, וואָס באַטייט גלײַכצײַטיק הן אַ מאַניפֿעס־טאַציע פֿון נאַציאָנאַלער אייגנאַרט, הן אַן אויסדריק־לעכע מאָנונג פֿון די רעכט, וואָס די סאָוועטישע קאָנסטיטוציע אָנערקענט און גאַראַנטירט פֿאַר אַלע פֿעלקער, וועלכע באַוווינען דעם ראַטנפֿאַרבאַנד.

צי איז די צאָל פֿון 471.000 ייִדיש־ריידער נישט גענוג גרויס, בכדי צו באַרעכטיקן די ווידער־אויפֿלעבונג פֿון דער ייִדישער קולטור?

לעניון האָט תּמיד פֿאַרמשפּט אויפֿן שאַרפֿסטן אופֿן דאָס באַנוצן פֿון קוואַנטיטאַטיוון קריטעריום אויפֿן געביט פֿון נאַציאָנאַלער פּאָליטיק. די סאָווע־

טישע קאָנסטיטוציע אָנערקענט די זעלבע רעכט, וואָס שייך שפּראַך און קולטור, פֿאַר די 123 מיליאָן רוסן, 42 מיליאָן אוקראַינער, פֿאַרן מיליאָן עסטאָנער, פֿאַר די נײַן הונדערט טויזנט באַשקירן און פֿאַר די עטלעכע צענדליקער טויזנט טשעטשענצעס און קאַבאַרדינער.

צי געהערן אָט די אַלע 471.000 סאָוועטישע ייִדן בלויז צום עלטערן דור, וועלכער איז כּלומרשט „פֿול מיט פֿאָראורטיילן און מיט נאָסטאַלגיע צום עבֿר"? צי וועט אַזוי אַרום דער פּראָבלעם פֿון דער ייִדישער קולטור אין ראַטנפֿאַרבאַנד געלייזט ווערן כּמעט אויטאָמאַטיש, מיטן פֿאַרגיין פֿונעם דאָזיקן דור?

איך ווייס ניט, צי עס זײַנען שוין פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן גענויע אינפֿאָרמאַציעס, אויפֿן סמך פֿון דער פֿאָלקסציילונג, וועגן דורכשניטלעכן עלטער פֿון די ייִדיש־ריידער אין ראַטנפֿאַרבאַנד. עטלעכע ידיעות אָבער וואָס זײַנען צו אונדז דערגאַנגען, באַווײַזן, אַז דער איין־דור־אַרגומענט שטימט נישט מיט דער ווירקלעכקײַט.

אַזוי, למשל, גיט איבער די פּרעסע, אַז אין קישינעוו, הויפּטשטאָט פֿון מאָלדאַוויע, האָבן 43 פּראָצענט פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג דערקלערט ייִדיש ווי זייער מוטערשפּראַך; אין ריגע;

הויפּטשטאָט פֿון לעטלאַנד — 48 פּראָצענט און אין ווילנע, הויפּטשטאָט פֿון ליטע — גאַנצע 75 פּראָ־צענט.

עס איז בלתי ספֿק, אַז אַזאַ מין פּראָפּאָרץ — פֿון 43, 48 און 75 פּראָצענט — קאָן באין אופֿן נישט חל זײַן אויף איין־איינציקן דור, שוין בלויז מחמת ביאָלאָגיש־דעמאָגראַפֿישע טעמים.

פֿון אַלע אַרגומענטן, וואָס זײַנען אָנגעגעבן געוואָרן דורך די סאָוועטישע חבֿרים, האָט דער אַרגומענט וועגן דער נײַער טעריטאָריעלער פֿאַר־טיילונג פֿון די ייִדן אין ראַטנפֿאַרבאַנד אויסגעזען צו זײַן דער צום מערסטן ערנסטער און גלויב־ווערטיקער. אָבער אויך אָט דעם אַרגומענט האָט די פֿאָלקסציילונג פֿון 15טן יאַנואַר 1959 צו נישט גע־מאַכט.

עס איז ריכטיק, אַז די ייִדישע באַפֿעלקערונג אין ראַטנפֿאַרבאַנד האָט דורכגעמאַכט, בעת די מלחמה־יאָרן, אַ טעריטאָריעלע איבערפֿלאַנצונג פֿון אומגעוויינטלעכן פֿאַרנעם. די אַלע, וועמען עס האָט ניט געהאַט פֿאַרכאַפּט דער היטלערישער איבערפֿאַל און וואָס האָבן באַוויזן זיך צו עוואַ־קויִרן (לאָמיר אַגבֿ דאָ דערמאָנען, צום לויב פֿון דער סאָוועטישער רעגירונג: אַ ספּעציעלער דע־קרעט האָט פֿאַראָרדנט צו עוואַקויִרן אין דער

ערשטער רײ די בירגער פֿון ייִדישער נאַציאָ־נאַליטעט), זײ אַלע האָבן זיך געלאָזט קיין מזרח, צום אוראַל, קיין סיביר און אין די סאָוועטישע רעפּובליקן פֿון צענטראַל־אַזיע.

אַלע איבעריקע, וואָס זײַנען פֿאַרבליבן אין זײערע ווינערטער, זײַנען אויסגעראָטן געוואָרן דורך די נאַציס. זײער צאָל ווערט געשאַצט אויף בערך צוויי מיליאָן. נאָך דער דײַטשער אָקופּאַציע, איז דער מערבֿ־טײל פֿון ר.ס.פֿ.ס.ר. (רוסלענדישע רעפּובליק) פּונקט ווי אוקראַינע, ווײַסרוסלאַנד און די באַלטישע רעפּובליקן, געבליבן פּאַקטיש אָן קײן שום ייִדישער באַפֿעלקערונג.

אָבער אַזוי שנעל ווי די נאַצי־אַרמײען זײַנען פֿאַרטריבן געוואָרן, און ניט געקוקט אויף אַלע שרעקלעכע פֿאַרוויסטונגען, האָבן די עוואַקויִרטע ייִדן אָנגעהויבן צוריקצוקערן זיך אין זײערע אַלטע הײמען און אַט דער צוריקשטראָם איז, אין גרויסן גענומען, שוין געווען פֿאַרענדיקט בעת דער פֿאָלקסצײלונג.

אַזוי, למשל, האָבן אוקראַינע און ווײַסרוס־לאַנד, ווו עס איז, נאָך דעם דײַטשן צוריקצוג, כּמעט ניט פֿאַרבליבן קײן אײן־אײנציקער ייִד (אויסער די, וואָס האָבן אין די וועלדער געקעמפֿט אין די פּאַרטיזאַנער־מחנות) שוין געצײלט, דעם

15טן יאַנואַר 1959, 840.000 ייִדן אין אוקראַינע און 150.000 אין ווײַסרוסלאַנד.

מער נאָך, מען געפֿינט די ייִדישע באַפֿעלקערונג גרופּירט אין די זעלבע שטאָטישע צענטערן, ווי פֿאַר דער מלחמה (איבער 200.000 אין קיעוו למשל און כּמעט אַזוי פֿיל אין אָדעס); אָבער שוין נישט אין די קליינע שטעטלעך, וואָס זײַנען פֿאַרבליבן „ייִדן־ריין".

וואָס שייך דער ר.ס.פֿ.ס.ר. (רוסלענדישע רעפּובליק), מיט איר ייִדישער באַפֿעלקערונג פֿון 875.000 נפֿשות, געפֿינט זיך די דאָזיקע באַפֿעלקערונג, מיט קליינע אויסנאַמען, ווידער אין די זעלבע שטאָטישע צענטערן פֿון אייראָפּעיִשן רוסלאַנד, בראש מיט מאָסקווע און לענינגראַד, מיט בערך 300.000 ייִדן אין יעדער איינער פֿון די צוויי שטעט.

די איינציקע „רעשט" — אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן — פֿון דער גרויסער וואַנדער־כוואַליע פֿון די מלחמה־יאָרן איז פֿאַרבליבן אין דער אוזבעקיסטאַנער רעפּובליק, מיט אַ ישובֿ פֿון 94.000 נפֿשות, כּמעט אַלע אין דער הויפּטשטאָט טאַשקענט און ווו 37 פּראָצענט ייִדן האָבן דערקלערט ייִדיש ווי זייער מוטערשפּראַך.

די פֿאָלקסציילונג האָט אַזוי אָרום באַוויזן, אַז

דער דעמאָגראַפֿישער „רעליעף" פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין ראַטנפֿאַרבאַנד איז, אין יאַנואַר 1959, געווען אין אַלגעמיין וועזנטלעך דער זעלבער ווי פֿאַר דער מלחמה, מיט דער זעלבער טעריטאָריעלער פֿאַרטיילונג און דער זעלבער כאַראַקטעריסטישער קאָנצענטרירונג אין די גרויסע שטעט.

דער דאָזיקער ספּעציפֿישער דעמאָגראַפֿישער „רעליעף", ס'הייסט די באַטייטיקע מינדערהייט־גרופּעס, ס'רובֿ קאָנצענטרירטע אין די שטעט פֿון אַ ריי סאָוועטישע רעפּובליקן, פֿאַרלײַכטערט געוויס ניט די לייזונג פֿונעם פּראָבלעם פֿון דער ייִדישער קולטור. אָבער דער זעלבער מצבֿ בערך האָט ניט געשטערט, אין די צוואַנציקער און דרײַסיקער יאָרן, אַז די ייִדישע באַפֿעלקערונג זאָל געניסן אין דער פֿולער מאָס פֿון דער לענינישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק.

אַגבֿ איז אויך איצט אַן ענלעכער „רעליעף" נישט קיין שטערונג פֿאַר דער קאָרעקטער אָנווענדונג פֿון נאַציאָנאַלער פּאָליטיק לגבי אַנדערע סאָוועטישע נאַציאָנאַליטעטן. דעם בעסטן באַווײַז דערפֿון ברענגט די אייגנאַרטיקע שול־סיסטעם, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן פֿאַר — דער דײַטשער באַפֿעלקערונג פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד.

וועגן דעם דאָזיקן סיסטעם, אַ ווײניק באַ־קאַנטן, דערציילט געניוער דער דירעקטאָר פֿון דעפּאַרטעמענט פֿאַר נאַציאָנאַלע שולן (ס׳הייסט, ניט־רוסישע) בײַם בילדונג־מיניסטעריום פֿון ר.ס.פֿ.ס.ר. טשיכאַיעוואַ, אין אַן אַרטיקל וואָס הייסט: „צוויי מוטערשפּראַכן”, פֿאַרעפֿנטלעכט אין דער מאָסקווער „לערער־צײַטונג” פֿון 12טן מערץ 1964.

„איינע פֿון די מערקווירדיקסטע אַספּעקטן פֿון דער זאָרג, וואָס עס ווײַזן אַרויס די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און די סאָוועטישע רעגירונג פֿאַר דער אַל־זײַטיקער אַנטוויקלונג פֿון דער קולטור פֿון אַלע נאַציאָנאַליטעטן — הויבט אָן טשעכאַיעוואַ איר אַרטיקל — איז דאָס רעכט פֿאַר עלטערן צו געבן זייערע קינדער שולבילדונג אין דער מוטער־שפּראַך.”

די סאָוועטישע בירגער פֿון אַלע נאַציאָ־נאַליטעטן, באַמערקט אָבער דער מחבר, גיבן זיך אָפּ אַלץ מער און מער חשבון וועגן דער אויסער־געוויינטלעכער וויכטיקייט פֿון דער רוסישער שפּראַך פֿאַר דער קעגנזײַטיקער דערנענטערונג און דעם אינטעלעקטועלן פֿאַרקער צווישן אַלע פֿעלקער פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד. דעריבער טאַקע קומט צום אויסדרוק אַלץ אָפֿטער און אָפֿטער דער פֿאַר־

לאַנג, מצד עלטערן פֿון פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, צו געבן זייערע קינדער די אַלגעמיינע בילדונג אין רוסיש, אָבער מיט דער מעגלעכקייט גלײַכצײַטיק צו דערלערנען די מוטערשפּראַך ווי אַ ספּעציעלן לימוד, לויט אַן אויסגעברייטערטן פּראָגראַם.

און טשעכאָיעוואַ דערמאָנט, ווי אַ ספּעציעל באַלערנדיקן פֿאַל, די סאָוועטישע דײַטשן („סאָוועטישע בירגער פֿון דײַטשער נאַציאָנאַליטעט"), בערך 1.700.000 נפֿשות, לויט דער פֿאָלקסציילונג פֿון 15טן יאַנואַר 1959. עס האַנדלט זיך וואַרשיינלעך וועגן די אײַנוווינער פֿון דער געוועזענער דײַטשער אויטאָנאָמער בײַ־וואָלגאַ־רעפּובליק, וואָס זײַנען בעת דער מלחמה פֿאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר.

„אין 1957, דערציילט טשעכאָיעוואַ, איז דורכגעפֿירט געוואָרן, אויף דער איניציאַטיוו פֿונעם בילדונג־מיניסטעריום, אַן אַנקעטע צווישן די דײַטשע עלטערן, בכדי פֿעסטצושטעלן, צי זיי ווילן געבן זייערע קינדער די שול־בילדונג אויף דײַטש, צי אויף רוסיש, אָבער, אין צווייטן פֿאַל, מיט דערלערנונג פֿון דער מוטערשפּראַך ווי אַ ספּעציעלן לימוד, לויט אַן אויסגעברייטערטן פּראָגראַם.

„אויף די עלטערן־פֿאַרזאַמלונגען, אין די שולן מיט אַ גענוגנדיקן קאָנטינגענט דײַטשע קינדער, האָט די ווײַט־גרעסטע מערהײַט תּיכּף זיך אַרויס־געזאָגט פֿאַר דער צווייטער פֿאָרמול.

„הײַנט צו טאָג זײַנען פֿאַראַן אין ר.פ.ס.ר. הונדערטער שולן, וווּ די דײַטשע שפּראַך ווערט געלערנט פֿון צווייטן קלאַס אָן, ווי אַ מוטער־שפּראַך. אין געוויסע שולן ווערט אָט דער לימוד געפֿירט ביזן אַכטן קלאַס.

„דרײַצן לערנביכער פֿאַרן לימוד פֿון דײַטש ווי אַ מוטערשפּראַך זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן, אין דער צאָל פֿון 431.000 עקזעמפּלאַרן... ספּע־ציעלע לערער־קאַדרען ווערן אויסגעבילדעט אין פּעדאַגאָגישע אינסטיטוטן פֿון נאָוואָסיבירסק, אָמסק, בערנאול, אָרענבורג, סלאַוואַראָד און איס־קוקול (אָמסקער געגנט)".

איך האָב געהאַלטן פֿאַר ניצלעך צו ברענגען גרעסערע אויסצוגן פֿונעם אַרטיקל, ערשטנס, מחמת די אָפֿיציעלע פֿונקציעס פֿון מחבר, צווייטנס — און בעיקר — מחמת ער דערווײַזט אַמ־בולטסטן, אַז ווען די סאָוועטישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי און די סאָוועטישע רעגירונג זײַנען אַנט־שלאָסן אַנצוּווענדן די ריכטיקע נאַציאָנאַלע פּאָ־ליטיק, ווערן תּמיד געפֿונען די געהעריקע לייזונ־

גען, אַפֿילו אין די צום מערסטן קאָמפּליצירטע סיטואַציעס.

און דאָס איז טאַקע אײגנטלעך, צוריקקערנדיק זיך צו דעם ענין ייִדישע קולטור, דער עיקר פֿון פּראָבלעם, דער אײנציקער פּראָבלעם פּאַקטיש: עס פֿאָדערט זיך אַ פּרינציפּיעלער באַשלוס פֿון דער סאָװעטישער קאָמוניסטישער פּאַרטײ און פֿון דער רעגירונג.

עס האַנדלט זיך ניט װעגן אַרױסגעבן נאָך אײן בוך, אָדער נאָך צען ביכער, װעגן אָרגאַניזירן אַ נײַע סעריע קאָנצערטן און קלײנקונסט־פֿאָרשטעלונגען. עס גײט ניט מער אין טײלװײַזע מאָסמיטלען און פּראַגמאַטישע קאָנצעסיעס, אָן קײן שום פּערספּעקטיװן. עס פֿאָדערט זיך אַ גרינטלעכע לײזונג, אין הסכּם מיט די פּרינציפּן פֿון דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, װאָס זײַנען דעפֿינירט געװאָרן דורך לענינען.

דער אָפֿיציעלער אַנאַליז פֿון די רעזולטאַטן פֿון דער פֿאָלקסצײלונג פֿון 15טן יאַנואַר ענדיקט זיך מיט פֿאָלגנדיקער פּראַזע: „אַלע באַדינגונגען זײַנען געשאַפֿן געװאָרן, בכדי צו פֿאַרזיכערן די פֿרײַע אַלזײַטיקע אַנטװיקלונג פֿון דער נאַציאָנאַלער קולטור פֿון אַלע פֿעלקער אָן אױסנאַם״.

צום באַדױערן, שטימט ניט די דאָזיקע קאַטע־

גאָרישע באַהויפּטונג מיט דער ווירקלעכקייט. „די נאַציאָנאַלע קולטור פֿון אַלע פֿעלקער, אַן אויס־נאַם"? נישט ריכטיק. עס איז פֿאַראַן אויסנאַם. דאָס איז די ייִדישע קולטור.

נישט בלויז זײַנען „אַלע באַדינגונגען פֿאַר דער פֿרײַער און אַלזײַטיקער אַנטוויקלונג" פֿון אָט דער קולטור ניט געשאַפֿן געוואָרן, נאָר — אַזוי פֿיל יאָרן שוין נאָכן צוואַנציקסטן קאָנגרעס — זײַנען אַלץ ניט פֿאַרריכט געוואָרן, חוץ אין עטלעכע דעטאַל־פּונקטן, די שרעקלעכע עוולות און ניט פֿאַרגיטיקט די פֿאַרברעכנס פֿון וועלכע זי איז געפֿאַלן אַ קרבן.

די ייִדישע קולטור אין ראַטנפֿאַרבאַנד וואַרט נאָך אַלץ אויף איר פֿולער רעהאַביליטאַציע, אויף איר ווידעראויפֿלעבונג מיט אַלע רעכט, וואָס די סאָוועטישע קאָנסטיטוציע אַנערקענט פֿאַר דער נאַציאָנאַלער קולטור פֿון אַלע סאָוועטישע פֿעל־קער.

עס איז אוממעגלעך, אַז דער קרובֿ אַ האַלב מיליאָן סאָוועטישע ייִדן, וואָס האָבן אָנגענומען ייִדיש ווי זייער מוטערשפּראַך, זאָלן ווײַטער בלײַבן אָן רעכט אויף זייער ליטעראַטור, קונסט און וויסנ־שאַפֿט.

עס איז אוממעגלעך, אַז קרובֿ פֿינף הונדערט

טויזנט סאָוועטישע בירגער פֿון ייִדישער נאַציאָ־נאַליטעט זאָלן אויך ווײַטער בלײַבן אַן רעכט צו געבן זייערע קינדער אַ מעגלעכקײַט צו דער־לערנען די מוטערשפּראַך, צוגלײַך מיט אַלע אַנ־דערע בירגער פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד.

עס איז אוממעגלעך, אַז אַט דאָס לאַנד, מיט איר העכער צוויי און אַ פֿערטל מיליאָניקער ייִדישער באַפֿעלקערונג, זאָל בלײַבן דאָס איינ־ציקע אויף דער וועלט, צווישן אַלע לענדער מיט ייִדישע ישובֿים, וווּ עס זאָל אָנהאַלטן אַ בפֿירושער חרם אויף דעם ייִדישן אַלף־בית.

איך האָב ביז איצט בכּיוון ניט דערמאָנט יענע אַלע סאָוועטישע ייִדן — אין צאָל פֿון 1.800.000 — וואָס האָבן ווי זייער מוטערשפּראַך אָנגעגעבן ניט ייִדיש, נאָר אַן אַנדער שפּראַך. איך האָב ניט גע־פּרוּווט אַנאַליזירן דעם כאַראַקטער פֿון זייער „אינטעגרירטקײַט", נישט דעם זין און דעם אינ־האַלט פֿון זייער אָפֿיציעל דערקלערטער ייִדיש־קײַט, נישט זייערע באַדערפֿענישן, אָדער אָפּוועזנ־קײַט פֿון באַדערפֿענישן, אויפֿן געביט פֿון ייִדישער קולטור, און וועלכע וואָלטן, אין ערשטן פֿאַל, גע־דאַרפֿט עווענטועל באַפֿרידיקט ווערן — נישט אויף ייִדיש, נאָר, למשל, אויף רוסיש, צי אוקראַיִניש.

עס איז נייטיק אָפּצומערקן, אַז דער באַגריף

גופא ייִדישע קולטור איז נישט דווקא און אַב־סאָלוט פֿאַרבונדן — און איז עס קיין מאָל ניט גע־ווען במשך פֿון אַ פֿיל־טויזנט־יאָריקער געשיכטע — מיט אַ ייִדישער נאַציאָנאַלער שפּראַך.

אין פֿראַנקרייַך למשל דערשיינען הייַנט, אוי־סער דרייַ טאָג־צייַטונגען און אַ ריי פּעריאָדישע אויסגאַבעס אויף ייִדיש, צאָלרייַכע ייִדישע פּרעסע־אָרגאַנען אויף פֿראַנצייזיש. אין די פֿאַראייניקטע־שטאַטן איז פֿאַראַן אַ ייִדישע ליטעראַטור, אַ טעאַ־טער, אַ וויסנשאַפֿט — אויף ענגליש. די ייִדישע פּרעסע אין ענגליש ציילט העכער הונדערט אויס־גאַבעס, צווישן זיי — אַ טאָג־צייַטונג און מער ווי פֿערציק וואָכנשריפֿטן. אין דער בולגאַרישער פֿאָלקס־רעפּובליק דערשיינט אַ ייִדישע צייַט־שריפֿט — אויף בולגאַריש.

איך האָב בכּיוון אויסגעמיטן צו באַרירן דעם דאָזיקן פּראָבלעם, מחמת ער איז מסוגל אַרויסצו־רופֿן פֿאַרשיידנאַרטיקע אינטערפּרעטאַציעס. איך האָב זיך געהאַלטן בלויז בייַ פֿאַקטן, אויסשליסלעך בייַ פֿאַקטן — אומאָפּפֿרעגבאַרע און אומדיסקו־טירבאַרע.

עס איז אוממעגלעך אָט די פֿאַקטן צו פֿאַר־הוילן, צו פֿאַרהילן, צו פֿאַרשלייערן — זיי שטעכן ממש אויס די אויגן. עס האַנדלט זיך וועגן בפֿירו־

שער נאַציאָנאַלער דיסקרימינאַציע לגבי 471.000 סאָוועטישע ייִדן, וועגן פֿאַרלעצונג פֿון די גרונט־פּרינציפּן פֿון דער לענין־פּאָליטיק, פֿון די יסודות גופֿא פֿון דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע.

אָט האָבן מיר פֿאַר זיך, ממש מיט דער האַנט אָנצונעמען, איינעם פֿון די אַספּעקטן — איינעם פֿון פֿיל אַנדערע — פֿון דער טרויעריקער „ייִדן־פֿראַגע אין ראַטנפֿאַרבאַנד", וואָס די סאָוועטישע חבֿרים פּרוּוון עקשנותדיק פֿאַרלייקענען.

ס'איז אמת, אַז די אומגעהייערע קרבנות פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד בעת דער מלחמה האָבן אָפּגע־ראַטעוועט דאָס ייִדישע פֿאָלק פֿון פֿולשטענדיקער פֿאַרלענדונג. ס'איז אמת, אַז דער ראַטנפֿאַרבאַנד האָט געעפֿנט זײַנע גרענעצן פֿאַר עטלעכע הונ־דערט טויזנט פּוילישע ייִדן, וואָס זײַנען אַזוי אַרום ניצול געוואָרן פֿון טויט. ס'איז אמת, אַז ייִדן־וויסנ־שאַפֿטלער, שרײַפֿטשטעלער און קינסטלער פֿאַר־נעמען ביז הײַנט צו טאָג אַן ערשטראַנגיקן פּלאַץ אין אינטעלעקטועלן לעבן פֿון לאַנד. דאָס אַלץ איז בלי שום ספֿק אמת. אָבער איבער דעם דאָזיקן אמת האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ בייזער, אַ פֿינצטערער שאָטן, וואָס פֿאַרטונקלט די גאַנצע זון, וואָס פֿאַר־שטעלט דאָס גאַנצע ליכט — דער דראָענדיקער שאָטן פֿון דיסקרימינאַציע.

מחמת אויב ס׳זײַנען פֿאַראַן צוויי באַגריפֿן, וואָס שליסן זיך אויס קעגנזײַטיק און אַבסאָלוט, זײַנען עס: קאָמוניזם, פֿון איין זײַט און נאַציאָנאַלע דיסקרימינאַציע, פֿון דער צווייטער.

קיין שום קאָמפּראָמיס, קיין שום „פֿרידלעכע קאָעקסיסטענץ״ איז צווישן זיי נישט מעגלעך.

אונדזער פּאַרטיי — דאָס איז מײַן טיפֿסטע איבערצײַגונג — וועט זיך דערוווערבן אַן אומגעהייערן פֿאַרדינסט, הן פֿאַרן ראַטנפֿאַרבאַנד גופֿא, הן פֿאַר דער אַלוועלטלעכער קאָמוניסטישער באַוועגונג, אויב זי וועט אויף ס׳נײַ, אין די איצטיקע נײַע באַדינגונגען, שטעלן דעם פּראָבלעם אין זײַן גאַנצער ברייט פֿאַר דער נײַער אָנפֿירונג פֿון דער סאָוועטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, בכדי לסוף זיך צו דערשלאָגן צו אַווירקלעכער, צו אַ פּרינציפּיעלער לייזונג, אין הסכם מיט דער לעניניסטישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק״.

* * *

עס זײַנען פֿאַרבײַ דרײַ חדשים. דעם 13טן אַפּריל 1965 האָב איך באַקומען פֿון צענטראַל־קאָמיטעט אַ בריוול, געחתמעט פֿון וואַלדעק ראָשע, גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון דער פֿראַנצייזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ער האָט מיר געשריבן, אַז

ער האָט בשעתו איבערגעלייענט מײַן מעמאָ־ראַנדום און וואָלט געוואָלט מיט מיר זיך דורכ־שמועסן. ער האָט מיר פֿאַרגעלייגט אים צו באַזוכן נאָך די זעלבע וואָך.

צו דער אָפּגערעדטער צײַט בין איך געקומען אין צענטראַל־קאָמיטעט. מען האָט מיך גלײַך אַרײַנגעפֿירט צו וואָלדעק ראָשע. ער האָט זיך פֿרײַנדלעך באַגריסט, געבעטן זיצן, געדאַנקט פֿאַרן מעמאָראַנדום און אָנגעהויבן דעם שמועס מיט אַן אַרײַנפֿיר, וואָס איז פֿאַר מיר געווען לחלוטין אומדערוואַרט.

— איך האָב אַן אומאָנגענעמע אויפֿגאַבע צו דערפֿילן — האָט ער געזאָגט, מיט אַ בלאַסן שמייכל — כ׳דאַרף דיר איבערגעבן אַ מיטטיילונג, וואָס וועט וואַרשײַנלעך זײַן פֿאַר דיר אַן אַנ־טוישונג. איך באַדויער עס אויפֿריכטיק און אַנט־שולדיק זיך פֿון פֿאָרויס. איך האָף אָבער, אַז דו וועסט עס ניט נעמען פֿאַר אומגוט און אונדז פֿאַר־שטיין . . .

אויף אַזאַ מין קבלת־פּנים האָב איך זיך ניט גע־ריכט. כ׳האָב געוואַרט, פֿאַרוווּנדערט און אומרויִק גלײַכצײַטיק.

וואָלדעק ראָשע האָט געשוויגן אַ ווײַלע, דער

שמייכל איז פֿאַרשוווּנדן פֿון זײַן פּנים. ער האָט זיך אָנגערופֿן פֿאַמעלעך, שיער־ניט פֿײַערלעך:

— די פּאַרטיי האַלט ניט פֿאַר מעגלעך מער צו אינטערווענירן וועגן פּראָבלעם פֿון די ייִדן אין ראַטנפֿאַרבאַנד...

פֿון אומגעריכטקייט, פֿון דערשטוינונג, האָב איך צוערשט פּשוט ניט פֿאַרשטאַנען דעם זין פֿון דער פֿראַזע.

— אַנטשולדיק, האָב איך זיך אָנגערופֿן, כּמעט אין אַ געמורמל, איך פֿאַרשטיי ניט... איז עפּעס־וואָס געשען?... וואָס אַזוינס איז געשען?!...

— ניין, ס'איז גאָרניט געשען, האָט וואַלדעק ראָשע געענטפֿערט, זײַן קול איז געוואָרן ווייכער, פֿרײַנדלעכער. ס'איז לחלוטין גאָרניט געשען, אָבער אונדזער פּאַרטיי, צום באַדויערן, קאָן ניט מער אינטערווענירן אין דער פֿראַגע פֿון די סאָוועטישע ייִדן.

— צי מעג איך פֿרעגן פֿאַרוואָס?

— נאַטירלעך, צוליב דעם האָב איך דיך גע־בעטן קומען. ס'איז קיין זאַך ניט געשען, אָבער דער גאַנצער ענין איז אַן אַן ערך מער קאָמפּליצירט, ווי דו שטעלסט זיך פֿאָר. די סאָוועטישע חבֿרים זײַנען אויסערגעוויינטלעך פּילבאַר, ממש קרענקלעך פּילבאַר, אויפֿן מינדסטן וואָרט פֿון קריטיק. ס'איז

ניט לײַכט מיט זיי צו דיסקוטירן. איך ווייס ניט, צי עס איז שטענדיק אַזוי געווען, איך ווייס אָבער ווי ס'איז איצטער.

וואַלדעק ראָשע האָט זיך פֿאַרטראַכט אַ רגע און פֿאָרגעזעצט:

— במשך פֿון די אַלע יאָרן, האָט טאַקע אונדזער פּאַרטיי פֿיל מאָל געמאַכט אינטערווענצן. ס'האָט זיך אָבער באַקומען אַזוי, אַז אינטערווענירט האָט תּמיד, שריפֿטלער אָדער מינדלעך, מאָריס טאָרעז. (וואַלדעק ראָשע האָט געזאָגט פּשוטער: מאָריס; אַזוי איז געווען אָנגענומען). במילא האָבן די אינטערווענצן פֿאַרמאָגט אַ ספּעציעלן ניואַנס, זיי האָבן געטראָגן אַ כּמעט ניט־אָפֿיציעלן כאַראַקטער. אַוודאי, דורך טאָרעזן האָט גערעדט די גרויסע פֿראַנצייזישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי, אָבער פֿאַר די סאָוועטישע חבֿרים איז טאָרעז געווען אַן אייגענער. ער האָט יאָרנלאַנג געלעבט אין ראַטנפֿאַרבאַנד, איז געווען שטאַרק באַליבט און נאָענט באַפֿרײַנדט מיט דער גאַנצער סאָוועטישער פֿירערשאַפֿט. זײַן וואָרט, זײַן עצה איז פֿאַר די סאָוועטישע חבֿרים געווען נישט קיין עצה פֿון אַ ברודער־פּאַרטיי, נאָר אַן עצה פֿון אַ ברודער. האָט מען טאַקע, אויפֿריכטיק אפֿשר, געוואָלט צוליב טאָן אַ ברודער. אָבער מאָריס איז

מער צווישן אונדז נישטאָ און די לאַגע האָט זיך פֿולשטענדיק געענדערט. די באַציִונגען צווישן אונדז און די סאָוועטישע חבֿרים זײַנען באַציִונגען צווישן פּאַרטיי און פּאַרטיי.

וואַלדעק ראָשע האָט אַ רגע זיך געוואַקלט.

— ווי זאָל איך דיר זאָגן? דו ווייסט דאָך געוויס — עס איז קיין סוד ניט — אַז צווישן אונדזער פּאַרטיי און דער סאָוועטישער זײַנען אויפֿגעקומען געוויסע מיינונג־פֿאַרשיידנקײַטן, געוויסע פּראָבלעמען, נישט קיין קאָנפֿליקטן, ניין, אָבער פּרינציפּיעלע ווידעראַנאַנדן. אין אַזעלכע באַדינגונגען, קאָן זײַן בלויז איין יסוד פֿאַר געהעריקע פֿאַרהעלטענישן, פֿאַר דער מעגלעכקײַט גופֿא אַנצוהאַלטן, ניט געקוקט אויף אַלע חילוקי־דעות, גוטע, חבֿרישע, אַפֿילו ברידערלעכע באַציִונגען. דאָס איז דער פּרינציפּ פֿונעם קעגנזײַטיקן ניט־אַרײַנמישן זיך אין די אינערלעכע ענינים, איינער בײַם צווייטן. דאָס איז, אין אַ געוויסן זין, דער שוץ־מויער, דער פּאַנצער. אָבער אויב מיר ווילן ניט, מען זאָל זיך אַרײַנמישן אין אונדזערע אינערלעכע ענינים, וויל ניט, נאַטירלעך, דער צווייטער צד מען זאָל זיך אַרײַנמישן אין זײַנע אייגענע אינערלעכע ענינים. און אַט, יעדעס מאָל, יעדעס מאָל, ווען מיר האָבן געפּרוּווט באַרירן מיט די סאָוועטישע חבֿרים

דעם פּראָבלעם פֿון די ייִדן אין ראַטנפֿאַרבאַנד, איז דער ענטפֿער געקומען תּיכּף, שאַרף און קאַטעגאָריש: דאָס איז אונדזערער אַן אינערלעכער ענין. עס האָבן ניט געהאָלפֿן קיין שום טענות וועגן דער אויסווירקונג אין פֿראַנקרײַך און אין פֿיל אַנדערע לענדער. די חבֿרים זײַנען געבליבן אַנטשיידן בײַם זייעריקן: דאָס איז אויסשליסלעך אַן אינערלעכער סאָוועטישער ענין. איז וואָס זשע קאָן מען טאָן, אין אַזאַ לאַגע — אַפֿילו אויב מען איז אין גאַנצן מסכּים מיט אַלע אויספֿירן פֿון דײַן מעמאָראַנדום? אָפּזאָגן זיך פֿונעם שוץ־מויער, פֿון פּאַנצער? דאָס איז דאָך ניט מעגלעך! דאָס וואָלט געווען ממש אַן אומזין, וועלכער וואָלט אַגבֿ צו גאָרניט דערפֿירט! ס׳איז ניט פֿאַראַן קיין אַנדער אויסוועג. ביסט אַן אַלטער פּאַרטיי־חבֿר, דאַרפֿסט עס אַליין פֿאַרשטיין. אַגבֿ, דו ביסט דאָך אַן אַדוואָקאַט, טאָ גיב אַ טראַכט: איז מעגלעך אַן אַנדער אויסוועג? זאָג, אדרבא!

— איך בין אַן אַדוואָקאַט, לויט מײַן פּראָפֿעסיע, האָב איך געענטפֿערט, אָבער לויט מײַן באַרוף — אַ ייִדישער שרײַבער.

וואַלדעק ראָשע האָט מיך שווײַגנדיק אָנגעקוקט. איך האָב געפֿילט אויף זיך זײַן בליק, אַ נײַגעריקן, אַן ערנסטן, אַ פֿרײַנדלעכן. די אינערלעכע שייכות צווישן פֿראַנצייזישן אַדוואָקאַט און

יידישן שרייבער איז, זעט אויס, נישט געווען פֿאַר אים באַשיימפּערלעך קלאָר. ער האָט מיך גע־פֿרעגט, מיט פֿיל מילדקייט:

— צי קאָנסטו עפּעס פֿאָרוואַרפֿן אונדזער באַשלוס?

איך בין געזעסן, אַזוי ווי פֿאַרשטיינערט, אומ־פֿעיק אַרויסצורײדן אַ וואָרט. פֿאָרוואַרפֿן?! וואָס?! מיט וואָס פֿאַר אַ רעכט?! די פֿראַנצייזישע פּאַרטיי האָט געפּרוּווט טאָן אַלץ, וואָס האָט זיך געלאָזן. צוערשט איז עס געגאַנגען אין „צוליב טאָן דעם חבֿר טאָרעז״, שפּעטער — אין פֿרײַנדלעכע באַ־ציִונגען צווישן ברודער־פּאַרטייען. איצט האַלט עס — ביי פֿאַנצערס און שוץ־מויערן... במילא איז פֿאַרן „קאַמף פֿאַר גערעכטיקייט״ ניט פֿאַרבליבן קיין פּלאַץ, קיין שום פּלאַץ... צי קאָן איך דען פֿאָרוואַרפֿן עמעצן, אַז עס איז ווידער מיר אַנט־רונען דער באָדן פֿון אונטער די פֿיס?! אַז ס'איז אומגעפֿאַלן דער אָנשפּאַר, אויף וועלכן איך האָב זיך געשטיצט?!...

וואַלדעק ראָשע האָט שווייַגנדיק געוואַרט אויף מיין תשובֿה.

— ניין, האָב איך געזאָגט. פֿאָרוואַרפֿן — האָב איך ניט קיין רעכט. כ'קאָן בלויז באַדויערן. טיף באַ־דויערן.

— אָבער אויך איך באַדויער עס, האָט װאָל־דעק ראָשע אויסגערופֿן, מיר באַדויערן עס אַלע. איבעריקנס, מען טאָר ניט פֿאַרלירן דעם מוט. ביסט אַן אַלטער פּאַרטיי־חבֿר. די באַדינגונגען קאָנען זיך נאָך ענדערן. אַלץ קאָן זיך ענדערן.

אויך דאָס האָב איך, נאַטירלעך, געװוּסט. ניט אומזיסט בין איך געװען — אַן אַלטער פּאַרטיי־חבֿר.

איך האָב געהאַט זיך צוגעגרייט צו אַ לענ־גערן שמועס, געמאַכט נאָטיצן, מיטגעבראַכט אַ דאָקומענטאַציע. דאָס אַלץ האָט מער ניט געהאַט קיין זין. כ׳האָב זיך אויפֿגעהויבן, געדאַנקט פֿאַרן אויפֿנעמען מיך, געבעטן אַ דערלויבעניש איבער־צולאָזן די דאָקומענטאַציע — פֿאַרשיידענע סאָװעטישע אויסגאַבעס. מיר האָבן זיך געזעגנט.

כ׳האָב זיך דערפֿילט מאָדנע אויסטערליש, אַ ביסל װי פֿאַרטויבט, כמעט װי אין הינערפּלעט. איך האָב פֿאַרגעסן צו נעמען די װינדע און בין אַראָפּ מיט די טרעפּ, פּאַמעלעך, טרעפּל נאָך טרעפּל, שטאָק נאָך שטאָק. װי אין אַ חלום, בין איך פֿאַרבײַגעגאַנגען טירן, טירן . . . אַ טייל פֿון זיי האָב איך געקענט. זיי האָבן זיך פֿיל מאָל פֿאַר מיר געהאַט געעפֿנט . . . צו מאָל האָט מיך באַגעגנט אַ ברייטער שמייכל, צו מאָל — מוסר און שטראָף־רייד . . .

די אַלע טירן זײַנען פֿאַר מיר געווען, אין תּוך — קאָרידאָרן. קאָרידאָרן, וואָס האָבן געפֿירט — אָדער געדאַרפֿט פֿירן, אָדער געזאָלט פֿירן, אָדער אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן געפֿירט — אַהין, דאָרט אַהין... איצט איז אַלץ פּלוצלונג געוואָרן אָפּגע־שטעלט, אָפּגעהאַקט. אַלע טירן האָבן, מיט איין מאָל, מיט איין קלאַפּ, זיך צוגעשלאָסן. אָבער אין דער אמתן, אפֿשר זײַנען זיי דאָרטן, דאָרטן, שוין לאַנג געווען געשלאָסן — געשלאָסן פֿון תּמיד אָן?..

און פּלוצלונג איז מײַן גאַנצער, לאַנגיאָרי־קער, אומאויפֿהערלעכער, פֿאַרעקשנטער קלאַפּן אין פֿאַרשלאָסענע טירן דערשינען פֿאַר מיר אין ליכט פֿון אומזין און חוזק.

אין ליכט אויך פֿון טראַגישקײַט: אָט, ווי אַ בלינדער און טויבער — און איך גופֿא בין עס בלינד און טויב געווען — וואָלט פֿאַרעקשנט גע־קלאַפּט אין פֿאַרהאַקטע טויערן, ניט זעענדיק, אַז די טויערן זײַנען פֿאַרהאַקט און ניט הערנדיק די טויט־שטילקײַט, וואָס שטראָמט פֿון יענער זײַט מויער, ניט פֿאַרשטייענדיק, אַז קיינער, קיין מאָל, וועט אים די טויערן ניט עפֿענען...

איז אפֿשר מײַן גאַנצער „קאַמף פֿאַר גע־רעכטיקײַט“, במשך פֿון יאָרן, געווען ניט עפּעס אַנ־

דערש, ווי אַ מין אידעע־פֿיקס, ווי אַ מאַניאַקאַלער דאָן־קיכאָטיזם?

איך בין אַראָפּ פֿונעם לעצטן טרעפּל. דער טיר־וועכטער האָט מיט אַ שמייכל מיך געגריסט און איך האָב מיט אַ שמייכל אים צוריקגעענטפֿערט. די טיר האָט זיך געעפֿנט. איך האָב אַריבער־געשפּרייזט די שוועל און פּלוצלונג, ממש אינס־טינקטיוו, זיך אומגעדרייט — ווי אויף אַ צוריק־בליק. די שווערע אײַזערנע טיר האָט, פֿאַר מײַנע אויגן, פֿאַמעלעך זיך צוגעמאַכט.

און מיט אַ מאָל האָט אַ געדאַנק דורכ־געבליצט: די דאָזיקע שוועל האָב איך אַריבער־געשפּרײַזט צום לעצטן מאָל...

מײַן „שליחות קיין מאָסקווע" איז געווען ענד־גילטיק פֿאַרענדיקט.

ווערק פֿון ח. סלאָוועס:

„נקמה־נעמער",
טראַגעדיע אין דרײַ אַקטן. פֿאַרלאַג „אויפֿסנײַ",
פּאַריז, 1947.

„המנס מפּלה",
פֿאָלקס־שפּיל אין פֿיר אַקטן. פֿאַרלאַג „אויפֿסנײַ",
פּאַריז, 1949.

„די יונהס און דער וואַלפֿיש",
פֿאָלקס־שפּיל אין דרײַ אַקטן. פֿאַרלאַג „אויפֿסנײַ",
פּאַריז, 1953.

„ברוך פֿון אַמסטערדאַם",
דראַמע אין פֿיר אַקטן, „איקוף"־פֿאַרלאַג, ניו־יאָרק,
1956

„די מלחמה פֿון גאָט",
דראַמע אין דרײַ אַקטן, „איקוף־פֿאַרלאַג", ניו־יאָרק,
1963.

„צען ברידער זײַנען מיר געווען",
דראַמע אין דרײַ אַקטן, פֿאַרלאַג „אויפֿסנײַ", פּאַריז,
1965.

⚜

„אין און אַרום",
עסייען — פֿאַרלאַג „איקוף", ניו־יאָרק, 1970.

„סאָוועטישע ייִדישע מלוכהשקײַט", פּאַריז, 1979.
(דערשינען אויך אין עבֿרית. אויך אין פֿראַנצויזיש
אין דעם מחברס אייגענער איבערזעצונג).

מײַן שליחות קיין מאָסקווע",
פֿאַרלאַג „איקוף", ניו־יאָרק, 1985.